STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00013

DI VERK FUN YITSHAK LEYBUSH PERETS

Isaac Leib Peretz

•

Permanent preservation of this book was made possible by
The Friends and Family of Ben Ami Kadish
in honor of
Ben Ami Kadish's 75th birthday

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די ווערק פון יצחק לייבוש פרץ. צוועלף בענד.

צוזאמענגעשטעלט אונטער דער רעדאקציאן פון
דוד פינסקי

צווייטער באנד

ארויסגעגעבען פון פארלאג „אידיש", ניו-יארק.

תר"פ—1920

י. ל. פּרץ

בילדער און סקיצען

ארויסגעגעבען פון פארלאג „אידיש“, ניו־יארק.

Copyright 1920
by
JEWISH BOOK AGENCY, Inc.

בילדער און סקיצן

רייזע-בילדער

א.

פאַררעדע.

עס איז געווען אין סוף פון די גוטע, און אין אנהויב פון די שלעכטע צייטען. אויפ׳ן הימעל האבען זיך געוויזען שוואַרצע כמאַרעס, נאַר עס האָט זיך געדאַכט, אז דער רוח — דער צייט־גייסט, מיין איך, — וועט זיי ליכט פאַרטרייבען. זיי וועלען ערגעץ אויסגיסען זייער האַרץ אין א מדבר. אין אייראָפּאַ פיין־געהאַלטענעם ווייַנגאַרטען האָט דער ביטערער וואָרצעל שוין געשפּאָלטען די ערד, ארויסגעשיקט זיינע שטעכעדיגע, שוין פאר׳סמ׳טע שפּיצלער, נאָר, אָט, אָט, טראַכט מען, דערזעהען עס די גערטנער און רייסען עס אוים מיט׳ן וואָרצעל... עס האָט זיך געדאַכט, אז דאָס נייַנצעהנטע יאָהרהונדערט האָט זיך אויף דער עלטער נאָר אביסעל פאַרקיהלט, אביסעל היץ געקריגען! עס זאָל זיך פון דעם מאַכען א שווערע קרענק, א שגעון, — דאָס האָט זיך קיינער נישט געריכט...

ווי ווייט איז פון אונז געוועזען דאַמאָלט אמעריקע! נישט איין איד האָט געקלערט, ווי אזוי עס שטעהט דאָרט א שיסעל גריץ, אָדער — צי טראָגט מען דאָרטען די יאַרמולקעס אויף די פּיס. פון ארץ־ישׂראל־אתרוגים האָט מען אזוי זעלטען געהערט, ווי פון בּאַראָן הירש צי פון „הנדיב הידוע“...

די אסטראָנאָמיע באַרעכענט פריהער יעדע לקוי־חמה, לקוי־לבנה; די פסיכאָלאָגיע האַלט נישט אזוי ווייט. דער וועלטס נשמה ווערט ראַפּטאַם פינסטער, דער גוף קריגט א מין קאָנוואולסיע — און נישט נאָר זי קאָן עס פאָראויסזעהן, נאָר אפילו ווען

עס איז שוין געשעהען. איז זיך שווער צו גלויבען... איז עס נישט צום פארשטעהן...

אומרוהיג דאך איז מען שוין געוועזען. עס האבען זיך גע־שיט פון אלע זייטען בלבולים איבער בלבולים.

צווישען אנדערע זאכען איז געבליבען, אז מען דארף זיך באַ־קענען מיט'ן געוועהנליכען וואכעדיגען אידישען לעבען; זעהן, וואס עס טוט זיך אין די קליינע שטעדטלעך; אויף וואס מען האפט, פון וואס מען לעבט, וואס מען טוט... וואס עס זאגט דאס פאלק?

ב.

בטחון.

מיין ערשטער אריינפאהר איז געוועזען טישאוויץ. איך האב מיך אפגעשטעלט ביי מיינעם א באקאנטען, ר' ברוך. ער האט געשיקט נאכ'ן שמש און עטליכע בעלי־בתים. ווארטענדיג אויף זיי, בין איך געשטאנען ביים פענסטער און באטראכט דעם מארק.

דער מארק איז א גרויסער פיער־עק. ארום, אויף אלע פיער זיי־טען, שטעהען פארשווארצטע, איינגעבויגענע, געבויטע הייזער, טייל מיט שטרוי, מעהרסטענטיילס מיט שינדלען געדעקט.

סאמע איינציגע שטאקען, מיט ברייטע פאדשעניעס אויף פוילע פארגעלטע באלקען. ארויסגערוקט פון פאדשעניע שטעהען, נישט ווייט איינס פונ'ם אנדערען, „פשעקופקעס" איבער מולטערס מיט בייגעל, ברויט, ארבעס, באבעס און פארשידענע אויבס. צווי־שען די ווייבער איז א שטאר גערודער! איך האב אויף זיי, זעהט אויס, א שטארקען איינדרוק געמאכט.

— האב דיר א שווארץ יאהר, — שרייט איינע, — טייט נישט מיט די פינגער, ער זעהט דאך!

— האלט ס'מויל!

די ווייבער ווייסען שוין, אז איך בין געקומען פארשרייבען; איינע גיט איבער דער צווייטער דעם סוד אזוי שטיל, אז איך הער אין שטוב.

מען זאגט: „דאס איז ער טאקע". „פארט גוט, אז די ארעמע

שאף האבען פאסטוכער, וואס האבען זיי אין זינען“; פונדעסט־וועגען, „אז י ע נ ע ר פאסטוך וועט נישט העלפען, איז — בלאטע!“. איינע קאן דערווייל נישט פארשטעהן, „יענער פאס־טוך זאל דארפען אזוינע שלוחים“... דאס איז א וואונק אויף מיין געשווירען בערדעל און קורצע קליידער. אן אנדערע איז ליבערא־לער און פאררופט זיך אויף א רופא: „הלמאי א רופא, זאגט זי, איז אויך כל־בו און פונדעסטוועגען...“

— דאס איז עפעס אנדערש, א יחיד, אבער אזוי, וועניג גוטע אידען?...

זאלען זיי בעסער, מיינט אן אנדערע, אריינשיקען א פאר הונדערט רובל; איך בין זיי מוחל דאס שרייבען, זאל מיין זוהן נישט זיין קיין יענעראל!

— — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

זיצענדיג ביים טיש, בין איך געווען א רואה ואינו נראה: פון גאס האט מען מיך נישט געזעהן, נאר איך האב געזעהן א האלבען מארק. דערווייל האט מיין „בעל־הבית“ אפגעדאווענט, אפגעלעגט טלית און תפלין, גענומען אביסעל בראנפען און גע־טרונקען צו מיר לחיים.

— לחיים טובים ולשלום! — ענטפער איך.

— גאט זאל געבען בעסערע צייטען, עס זאל זיין פרנסה.

ווי מקנא בין איך מיין בעל־הבית, איהם פעהלט נישט מעהר נאר פרנסה. ער גיט נאך צו מיט גדלות:

— און עס וועט מ ו ז ע ן זיין פרנסה, עס איז דא א גאט אויף דער וועלט, גוטע אידען וועלען אויך נישט שווייגען...

אין' האק איהם איבער, און פרעג, פארוואס אין זיינע אייגענע געשעפטען, כאטש ער האט בטחון, כאטש ער וויסט גאנץ גוט, אז „מאן דיהיב חיי יהיב מזונא“ (דער וואס גיט לעבען, דער גיט עסען), פונדעסטוועגען טוט ער זיינס, און האנדעלט, און שלאפט ניט גאנצע נעכט, און קלערט אלץ: מארגען, שפעטער, אויפ׳ן יאהר... קוים האט א איד חתונה, קלערט ער שוין אויף חתונה־קליידער פאר אייניקלעך. און אז עס קומט צום כ ל ל ישראל, איז דער בטחון שוין אזוי גרויס, אז עס איז שוין איבעריג צו טון די האנט אין קאלט וואסער אריין.

— עס איז, מאכט ער, גאר פשוט: כל־ישראל איז שוין ד...
רבונו של עולם'ס זאך, און ער האט זיינס איז זין... און, כביכול,
עס זאל זיין שבחה פאר זיין כסא הכבוד, איז דא אזוינע, וואס
דערמאנען... און, ווייטער דאס אייגענע... ווי לאנג קאן עס גע־
דויערן? עס מ ו ז דאך אן עק נעמען: אדער כלו חייב, אדער
כלו זכאי... דאס איז נישט פרנסה!

ג.

נ א ר ג ע ה!

איך האב אייך פארגעסען צו דערצעהלען. אז דער רב פון
שטעדטעל האט נישט געוואלט, נישט קומען צו מיר, נישט מיך
אויפנעמען ביי זיך. ער האט מיר געשיקט זאגען, אז עס איז נישט
זיין זאך גאר, אז ער איז א שוואכער, לא־עליכם. אויסערדעם זיצט
ער שוין א פאר וואכען איבער א הארבע שאלה פון בשר בחלב;
און דער עיקר איז, אז ער איז ברוגז אויף קהל, ווייל מען וויל איהם
נישט מוסיף זיין צוויי גילדען א וואך פרנסה.

געקומען איז, על־כן, א דריי בעלי־בתים מיט צוויי שמשים.
איך הויב אן ביי מיין בעל־הבית.

ער האט נישט קיין ווייב, און פארענטפערט זיך באלד:

— ווי לאנג, מיינט איהר, איז זי, אונז צו לענגערע יאהר,
נפטר געווארען?

הכלל — אן אלמן; דריי אויסגעגעבענע זיהן, איין אויסגע־
געבענע טאכטער, צוויי אינגלעך און א מיידעל אין דער היים. דער־
ביי, בעט ער זיך, איך זאל פארשרייבען, אז אלע זיהן — אויסער
דעם אינגסטען, וואס איז ערשט אלט פיער יאהר און ביז ער וועט
„שטעהן", וועט נאך משיח קומען! — אז די רעשט זיהן האט
יעדער זיין פעהלער!

אויסער די עלטערע, צוויי אויסגעגעבענע, זיהן, האב איך
שוין געקענט די גאנצע משפחה. די אויסגעגעבענע טאכטער האט
אין דעם אייגענעם הויז א געוועלבעל מיט טיטון, טאבאק, טיי און
צוקער, ווי אויך שפייז; דאכט זיך, נאך סמאר און נאפט. איך

האָב באַלד אין דערפּריה ביי איהר געקויפט צוקער. זי איז אַלט אַ יאָהר 25, אַ דאַר פּנים, אַ לאַנגע, אונטערגעבויגענע נאָז, וואָס צעהלט איהר, דאכט זיך, די פוילע שוואַרצע ציין אין׳ם האַלב־אָפענעם מויל, אַ פּאָר בלאַנע־בלוי־שוואַרצע געפּלאַצטע ליפּען — דער פאָטער אויס׳ן אויג. די שוועסטער איהרע, אַ מיידעל, איז גאַנץ עהנליך צו איהר; זי האָט אָבער „כלה־חן“. דאָס פּנים איז פרישער, רויטליכער, די ציין — ווייסער, און אינגאַנצען נישט אַזוי צווירעז, נישט אַזוי אָפּגעלאָזט. אויך זעה איך ביידע אינג־לעך, שעהנע אינגלעך; זיי האָבען געמוזט אין דער מאַמען אריין געראָטען: רויטע בעקלעך, חנ׳ודיגע, פאַרשעמטע אייגעלעך... פול פעדערען אין די געדרעהטע שוואַרצע לעקלעך... נאָר מאוס׳ע תנועות: זיי הויבען אַלע מאָל די פּלייצעלעך, פאַרקרימען זיך. זיי טראָגען שינעטענע קאַפּאָטקעלעך. ברודיג, נאַר גאַנץ.

די מוטער אָפּנים איז נישט לאַנג געשטאָרבען, געגוג צייט גע־ווען צו פאַרברודיגען; ווענינ — צו צורייסען... היינט — ווער האָט צייט צו זיי? די עלטערע שוועסטער האָט פיער קינדער, אַ מאַן אַ למדן און אַ געוועלבעל.. דאָס „כלה־מיידעל“ פיהרט די שענק; דער פאָטער האָט קיין צייט נישט.

— וואָס איז א י י ע ר געשעפט? — פרעג איך איהם.

— פּראָצענט...

— ליכווע?

— ליכווע?... עט...

— גלייך אַזוי? מען האָט ווענינ מיט אונז צו טון...

— ווייסט איהר וואָס, — מאַכט ער, — נאָט אייך אַוועק אַלע מיינע שמאַטעס — וועקסלען, אַקטען, — אַלץ פאַר 25 פּראָ־צענט. נאָר צאָהלט מיר אויס באַר! איך לעג אַוועק נישט נאָר די ליכווע, אפילו די שענק! איך וואָלט ב אַ ד י י אַוועקגע־פאָהרען קיין ארץ־ישראל... אַבי געלט! אפשר ווילט איהר, נאָט אייך אַ חרם־קוויטעל! איהר מיינט, אַז מיר האַלטען זיך אין דער ליכווע... זי האַלט אונז. מען צאָהלט נישט, וואַקסט, דער חוב. וואָס מעהר דער חוב וואַקסט; ווענינער ווערט איז ער, מעהר קבצן ווער איך... אויף נאמנות!

פאַר׳ן ארויסגעהן ווייטער פאַרשריבען, האָב איך נאָך ביי־געוואוינט אַ קליינע סצענע. בשעת ווען איך האָב צונויפגעקלי־

בען מיינע כלים, פאפיר, בליישטיפט, פאפיראסען, האט ר׳ ברוך דערווייל אנגעשמירט פאר די קינדער, אין חדר אריין מיטצונעמען, צוויי שטיקלעך ברויט מיט פוטער, מיט א צולאג א שטשיפיארעק.

— נאך געהט'ס! — מאכט ער; ער וויל זיי נישט האבען אין שענק. דער קלענערער יתום איז אבער נישט צופרידען. ער הויבט אויף די פלייצעלעך און פארקרימט זיך צום וויינען. ער שעמט זיך אביסעל פאר מיר, ווארט, איך זאל ארויסגעהן; ער קאן זיך אבער נישט דערווארטען, און לאזט ארויס א געוויין:

— נאך שטשיפיארעק, — וויל ער.

— די מאמע פלעגט מ י ר געבען צוויי!

די שוועסטער איז צוגעלאפען צו דער שאנק, זי האט ארויס־גענומען און געגעבען איהם נאך שטשיפיארעק.

— געה, — מאכט זי אויך, — נאר אסך וויינער. אין די ווערטער האט דער מוטערס קול געקלונגען. —

ד.

וואס דארף א אידענע?

מיר געהען פון הויז צו הויז, פון נומער איינס אן. איך ווייס אליין, וואו אידען און וואו נישט־אידען וואוינען, איך קוק נאר אין פענסטער אריין. פארגעלטע פענסטער איז א סימן פון „אתה בחרתנו“, בפרט נאך אויסגעהאקטע שויבען, פארטרעטענע מיט קי־שעלעך און זעק... פאר דאס — בלומענטעפ און פארהאנגען זע־נען סמנים מובהקים, אז דא וואוינט שוין אזוינער, וואס האט נישט אזא פראיווע אויפ'ן דלות ווי יענע...

עס טרעפען זיך אויסנאהמען... אט וואוינט נ י ש ט א איד, נאר א שטארקער שכור... און פארקעהרט, — בלומען און פאר־הענגלעך, נאר ד א לייענט מען שוין די „הצפירה“.

דעם ערגסטען איינדרוק מאכט אויף מיר א גרויס, א היל־צערען משונה הויז. עס איז גרעסער, נאר שווארצער און ברודי־גער פאר אלע הייזער. די פאציאט האט זיך שטארק אריבערגע־בויגען, און קוקט ארונטער אויף זיינס־גלייכען — אויך אן אלטע.

שווארצע חורבה, — אויף אן אלטע, אויסגעדארטע, איינגעבויגענע, ציטערדיגע אידענע, וואס דינגט זיך מיט איהר קונה — א צושווי־בערטע געלע דינסט־מויד — איבער א צולאג צו א פונט זאלץ.

דער שמש ווייזט מיר אויף דער אלטער: דאס איז „די בעל־הבית׳טע פון הויז“. איך האב מיך פארוואונדערט; די אידענע איז צו ארעם פאר אזא הויז.

— דאס הויז, ערקלערט דער שמש, איז אייגענטליך נישט איהרס. זי האט נאר א זעקסטעל „דאזיוואציע“. אן אלמנה איז זי... נאר די יורשים, איהרע קינדער, וואוינען נישט הי, — הייסט זי בעל־הבית.

— וויפיעל מאכט דאס הויז?

— גארנישט.

— ווערט איז עס?

— א פופצעהן הונדערט רובל.

— און מאכט גארנישט?

— עס שטעהט לעדיג.

עס קומען מיר אויף די געדאנקען „יענע בחורים“... מן הסתם ווארפט מען דא ציגעל אדער קארטאפעל.

— ניין, — זאגט דער שמש און שמייכעלט, — פאראן אזוי־נע א נ ד ע ר ע צוויי הייזער, וואס מען ווערט מוזען צ ו ל ע־ג ע ן; דא איז עפעס אנדערש: אין דעם הויז, פארשטעהט איהר, האט געוואוינט אמאל א דאקטאר; איז ער געשטארבען, און שוין, שטעהט לעדיג ס׳הויז!

— וואס איז, אויף א זאראזשליווע קראנקהייט?

— חס ושלום!

— וואס דען?

— עס האט פשוט נישט ווער צו וואוינען; ווער זאל וואוינען?

— ווי הייסט, ווער?

— טאקע ווער? ביי אונז האט יעדערער כמעט זיין נחלה. ווער עס דינגט שוין א דירה, וויל נישט קיין באזונדערע שטוב צו פארהייצען. ביי אונז איז א מאדע, א קאמארניק (לאקאטאר) צאהלט עטליכע רובל א יאהר פאר אן עק שטוב מיט באהייצונג. ווער דארף אזוינע גרויסע שטיבער?

— נאר וואס האט מען געשטעלט אזא הויז?

— באָ, — אַמאָל! היינט דאַרף מען נישט...

— נעבעך!

— וואָס פאַר אַ נעבעך? זי האָט אַ שטעל מיט זאַלץ, פאַר־דינט עטליכע רובל אַ וואָך, פון דעם צאָהלט זי אָפּ 28 רובל אַ יאָהר פּאַדאַטעק פון הויז. פון דער רעשט לעבט זי... וואָס דאַרף אַ אידענע? וואָס פעהלט איהר? תכריכים האָט זי שוין...

איך האָב נאָך אַמאָל אַ קוק געטאָן אויף דער אַלטיטשקער, און עס האָט זיך מיר שוין געדאַכט, אַז עס פעהלט איהר באמת גאָרנישט. איהר גערונצעלטע הויט האָט מיר אַפּילו צוגעשמייכעלט: וואָס דאַרף אַ אידענע?

ח.

נומער 42.

איך בין געגאַנגען פון הויז צו הויז לויט נומער, מיט אַ צעטעל אין דער האַנט. פון נומער 41 האָט מיך דאָך דער שמש געפיהרט צו 43.

— און 42? — פרעג איך.

— אַט! — ווייזט ער מיר אויף אַ שטיק חורבה אין אַ שמאָל געסעל צווישען איין־און דריי־און פיערציג.

— איינגעפאַלען?

— איינגעלעגט, — ענטפערט דער שמש.

— פאַרוואָס?

— איבער אַ פייער־מויער.

איך האָב נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט.

מיר זענען ביידע מיד געוועזען געהענדיג, און מיר האָבען זיך געזעצט אויף אַ באַנק אין פּאַדשעניע. דער שמש פאַרצעהלט:

— פאַרשטעהט איהר, על פי דיניהם, אויב איין געבויט הויז איז נישט געננוג ווייט אָפּגעטרעטען פון צווייטען, מוז מען אָפּ־טיילען די דעכער מיט פייער־מויערען. ווי ווייט דער מהלך דאַרף זיין, ווייס איך נישט; משפטים כל ידעום, דאַכט זיך, מעהר ווי ד' אמות. אַ פייער־מויער איז ביי זיי אַ סגולה פאַר אַ שרפה...

נו, דאָס הייזעל האָט אָבער געשטעלט אַ קבצן גדול, ירוחם איוואַנ־באַוווקער, אַ מלמד, האָט ער נישט געקאָנט מאַכען קיין פייער־מויער.

— זיין גאַנץ בויען, פּראַוודע, איז געוועזען אָהן אַ יסוד. דער־נאָך, ווען איהר הערען, איז דערפון געוואָרען אַ דין־תורה. ביי דער דין־תורה, האָט, עליה־השלום, זיין ווייב מלכה דערצעהלט דברים כהויתן. ווי דער סדר עולם איז, אָנגעהויבען משׁשת ימי בראשית, און אַזוי אַט אַזוי איז געוועזען די מעשה:

מלכה האָט מיט איהר מענדלען נישט גערעדט אַ יאָהר פּופ־צעהן. זי איז בטבע אַ פאַרביסענע אידענע געוועזען. נישט אויס־גערעדט זאָל עס זיין: אַ הויכע, אַ דאַרע, אַ שוואַרצע מיט אַ שפּיציגע נאָז ווי אַ האָקען. זעלטען, אַז עס איז איהר אַרויס אַ וואָרט פון מויל, כאָטש פון פּרנסה — אַ פּשעקופּקע! און מען האָט נישט געדאַרפט! פון איהרם אַ קוק איז אויך שוין קיהל גע־וואָרען אין האַרץ. אַלע פּשעקופּקעס האָבען געציטערט פאַר איהר אימת מות; זי האָט שוין אַזאַ אויג געהאַט. פאַרשטעהט זיך, אַז ירוחם האָט זיך מחיה געוועזען מיט איהר שווייגען; ער פלעגט צו איהר אויך קיין וואָרט נישט רעדען. אַזוי שטילערהייט, זענען זיי דאָך געבענטשט געוואָרען מיט צוויי בנים זכרים און דריי מיידלעך.

דאָך דער יצר־הרע — אַ בעל־הבית צו ווערען, האָט זיי ביידע רעדעוודיג געמאַכט. דער שמועס איז אַזוי געגאַנגען:

— מלכה! — זי ענטפערט נישט.

— מלכה? — זי שווייגט. ער מלכה׳עט, און זי ריהרט זיך נישט פון אָרט.

ירוחם שטעלט זיך אָבער אויף און גיט אַ געשריי:

— מלכה! איך וויל שטעלען אַ הויז!

מלכה האָט שוין נישט אויסגעהאַלטען, און אויפגעהויבען איין אויג און געעפענט דאָס מויל. „איך האָב געמיינט — פאַרצעהלט זי — ער איז משוגע געוואָרען!“

און אַ שגעון איז עס באמת געוועזען. ער האָט געהאַט בירושה פון אַן עלטער־זיידען דאָס שטיקעל פּלאַץ, דאָס שמאַלע, וואָס איהר האָט געזעהן, און — קיין פּחות משוה פּרוטה געלט. דעם ווייבס פאַר טשוועקעס, וועלכע מען האָט דערנאָכטען פאַרקויפט פאַר דריי־מאָל ח"י זהובים, פלעגען זיין פאַרזעצט אַ גאַנץ יאָהר; אויסער

שבת ויום טוב, ווען ירוחם האט זי ארויסגענומען אויף א חרם־קוויטעל.

אז דער יצר־הרע נעמט זיך אבער צו הילף דעם כח הדמיון, איז „מי יעמוד“! „קוים שטעלט ער אויף א הויז, איז ער פאר־זארגט מיט אלעם גוטען. א בטוח וועט ער זיין, וועט ער זיך בארגען אויף א ציג און האבען די מחיה אין דער היים. איין שטוב וועט ער פארדינגען אויף א שענק. און, אז גאט, ב"ה, וועט העל־פען, וועט זי אליין זיין שענקערין. און דער עיקר — די קינדער פארזארגט! די אינגלעך וועט ער סיי ווי סיי שיקען אין א ישיבה אריין, די מיידלעך וועט ער געבען א שטר חצי זכר אויף דער נחלה, און — אן עק!

אי מיט וואס מען וועט בויען? אויף דעם האט ער געהאט א גרייטען חשבון:

— איך בין — זאגט ער — מלמד, און דו — פשעקופקע, האב'מיר דאך צוויי פרנסות; פון איין פרנסה וועל'מיר לעבען און פון דער צווייטער — בויען.

— וואס רעדסט דו, משוגע — ענטפערט מלכה — מיטביידע פרנסות קומען מיר נישט אוים...

— אזוי ווי מען נעמט זיך פאר — זאגט ער — אזוי העלפט גאט, ב"ה. א והא ראיה — מאכט ער — אט זעה! נח מלמד, אונזער שכן, האט א קראנק ווייב, וואס פארדינט נישט א דרייער, און זעקס קינדערלעך — זאלען געזונט און שטארק זיין — און לעבט דאך פון מלמדות אליין.

— וואס רעדסט דו, ער איז א גרויסער מלמד, סאמע גביר'ישע קינדער.

— פארוואס, מיינסט דו, איז אזוי? וואס איז? ער קאן בע־סער לערנען פאר מיר? אודאי און אודאי נישט, נאר אז גאט ב"ה זעהט, אז ער האט נישט מעהר ווי איין פרנסה גיט ער איהם אין איהר די שפע. און, א והא ראיה? זעה ווייטער! די שווארצע ברכה! אן אלמנה, אויך מיט פינף קינדער, און איז נאר א פשע־קופקע אליין...

— וואס רעדסט דו. פארריקט ביסט דו? יענע, הלואי אויף מיר געזאגט, האט א הוז רב שטעקען אין עסק. אודאי א רובל דרייסיג...

— נישט ד א ס אבער איז דער עיקר, — גיט ער איהר צו פארשטעהן, — דער עיקר איז, אז איהר קאן אריינקומען די ברכה נאר אין די עפעל! דער „רבונו של עולם" פיהרט די וועלט על פי דרך הטבע!

אויך רעדט ער איהר איין, אז מ'קאן אפשפארען פון אסך זאכען... מ'קאן זיך באגעהן...

און עס איז אזוי געבליבען. ירוחם האט זיך אפגעזאגט פון טאבאק־שמעקען, דאס גאנצע הויז־געזינד — פון זויער־מילך בפרט און פון וועמשערע בכלל, און מען האט געבויט!

געבויט האט מען יאהרענלאנג, נאר אז עס איז געקומען צו דער פייער־מויער, איז מלכה געשטאנען אהן סחורה, ירוחם האט שוין קיין כח נישט געהאט צו לעבען, דער עלטסטער זוהן האט זיך געלאזט אויף דער מדינה, דאס אינגסטע איז געשטארבען, און דא פעהלט נאך א מטמון — א רובל 40 אויף א פייער־מויער.

נו, וואס זאל מען טהון? מען האט געמאכט דעם כותב אין גמינע אין דער יד אריין, און — אריינגעצויגען זיך אהן א פייער־מויער!

ער האט זיך מיט נחת אריינגעצויגען. א נושאים־מאן איז ער, האט איהם די חברה געמאכט א חנוכת הבית. מען האט אויסגעטרונקען, אהן גוזמא, אודאי א פאס ביער, אחוץ בראנפען און ראזשינקע־וויין. עס איז געווען א שמחה, א גדולה.

נאר די שמחה האט נישט לאנג געדויערט. עפעם א בעל־הבית האט זיך צוקריגט מיט ירוחם'ס א שכן, מיט נח מלמד. דער נח מלמד איז אמאל א ג ר ו י ס ע ר בעל־הבית געווען, א גביר עצום! אחוץ דער נחלה, ביי וועלכער ער איז געבליבען, האט ער פארמאגט שעהנע עטליכע מאות; דערצו האט ער געפיהרט א מסחר מיט האניג. שפעטער, אז עס איז ביי אונז געווען דאס מחלוקת איבער'ן ליטווישען רב, האט מען איהם דעם זוהן גע־מסר'ט (ער דינט עד היום מיט א לונגען־פעהלער אין פאלק). און ער אליין איז אריינגעפאלען אין א פראצעס פאר אונטערלעגען דעם רב. א רציחה א י ז טאקע דאמאלט געווען. מיט „אויסזאגען" איז מען שוין געוואוינט. אבער אונטערשפארען א

הויז פון אלע זייטען, און אונטערצינדען איז טאקע רציחה׳שדיג...
צי ער ה א ט געשטעקט דערינען צי ניין, נאר דער פראצעס און
דער זוהן האבען איהם בדיל הדל געמאכט, און ער איז מלמד גע־
ווארען. אלס פריש־געבאקענער מלמד האט ער ווענינ דרך־ארץ גע־
האט פאר בעלי־בתים, האט זיך איינער באליידיגט, ארויסגענומען
זיין בן און אריינגעגעבען צו ירוחם׳ן אין חדר.

נח׳ן האט די מעשה פארדראסען, א „חברה־מאן" איז ער פון
לאנג, אין פאוויאט פלעגט ער אפליגען טעג און נעכט, א מויל מיט
א פען האט ער. נו — איז די מעשה מיט דער פייער־מויער
ארויסגעשוואומען, און עס איז ארפגעקומען דער סטארשי־
סטראזשניק.

נאר דערווייל האט נח חרטה געהאט! ער אליין האט זיך גע־
מיהט! מען האט אנגעהאנגען אן דער דיעלע א מטבע, איז זי צו־
ריק פארזונקען געווארען.

עס וואלט שוין ווייטער גוט געווען, כאכט זיך אבער א
מעשה מיט תכלת. אז ירוחם איז א ראדזשינער און טוט אן בלויע
ציצית, איז נח א פארברענטער בעלזער און שרייט געוואלד! א
ווארט צו א ווארט, די פייער־מויער איז ווייטער ארוים, עס איז
שוין א דיעלע אין סאנד.

מען האט געלאזט א „וויראק זאאטשני", דער סאנד האט גע׳־
פסק׳ט, אז ירוחם זאל במשך א חדש מאכען א פייער־מויער, און
אויב נישט — זאל מען איהם צולעגען דאם הייזעל.

קיין דרייער איז נישט געווען, אצינד האט שוין נח קיין חרטה
נישט געהאט — (דאס מחלוקת האט ערשט רעכט געברענט) —
און האט נישט געוואלט ענטפערען א גוט ווארט. ירוחם האט איהם
גערופען צום רב; נח האט אויסגעפאטשט דעם שמש.

אז מלכה האט געזעהן, אז עס איז כלה כל הקיצין, האט זי
אנגעכאפט נח׳ן, אינמיטען גאס ביים פאדקאלנער, און געשלעפט
ווי א הורג אריין צום רב. עס איז אפילו געווען א פולער מארק
מיט בעלזער, נאר ווער וועט צוגעהן צו א אידענע?... „גברא דנשי
קטלוהו לית דין ולית דיין"*). נח׳ס ווייב איז נאכגעגאנגען און

*) א מאנספערזאן, וואס ווייבער האבען גע׳הרג׳עט. האט קיין גע־
ריכט און קיין ריכטער.

געשאָלטען מיט טויטע קללות, צוגעהן האָט זי מורא!... ביים רב האָט מלכה פארצעהלט די מעשה מהחל ועד כלה: זי פארלאַנגט, אז נח זאָל מאכען, אדער עס זאָל זיין א פייער־מויער, אדער די דיעלע זאָל ווייטער איינגעזונקען ווערען!...

אונזער רב'יל האָט געוואוסט, אז וועמען ער וועט דאָ צו־פסק'ענען, וועט דער צווייטער צד חסידים נעמען זיך צו איהם, האָט ער זיך אויסגעדרעהט ווי א איד א למדן. ער קאָן נישט פסק'ענען... גרמא בנזקין... בע... מע... קיין פשרה קאָן נישט זיין און האָט אָפּגעשיקט די צדדים צו די רביים.

נו, „התובע הולך אחרי הנתבע", נח איז באשטאַנען, ירוחם — פאר אין ברירה; און אזוי האבען זיךביידע אראָפּגעכאפּט קיין בעלז.

איידער ירוחם איז אוועקגעפאָהרען, האָט ער איבערגעלאָזט זיינס א שוואָגער א דאָוויערענאָסט, מיט עטליכע רובל, וואָס ער האָט צוזאַמענגעבאָרגט (און געבאָרגט האָט מען איהם פאר רחמנות), ער זאָל מאכען דערווייל אַן אָפּאָזיציע.

עס איז אבער אַליץ געגאַנגען שלים־שלים־מזל. דער שוואָגער האָט די פאר רובל אויפגעגעסען, צי, ווי ער זאָגט, פארלוירען... מלכה איז פאר גרוים צרות קראַנק געוואָרען... ביים רבי'ן האָט אפילו ירוחם געוואונען א „פייער־מויער" מיט „הוצאות", נאָר צו־ריקצואוועגס האָט מען ביידע, נח'ן מיט ירוחם'ן, געכאַפּט אויף דער גרענעץ, און אהיים געפיהרט מיט'ן עטאַפּ.

אז מען האָט ירוחם'ן געברענגט, איז שוין מלכה געוועזען אויפ'ן עולם אמת, און דאָס הייזעל — צואוואָרפען.

ו.

דער משכיל.

און מיינט נישט, אז אין טישאָוויץ עקט זיך די וועלט! עס איז דאָ א משכיל אויך. און אַן אמת'ער משכיל, א פארצייטישער. א

מענש אין די מיטעלע יאהרען, נישט שטודירט, נישט געלעזען, אהן ביכער, אהן צייטונגען אפילו, מיט איין ווארט א משכיל פון דער לופט.

ער גאלט נישט די בארד; אין טישאוויץ איז מען יוצא מיט אונטערשערען. נאר מען זאגט, אז „ער איז מכלסל בשערו אפילו עשרת ימי תשובה!“ דייטש געהט ער אויך נישט. דער פעלדשער אין טישאוויץ געהט אויך נישט דייטש, איז אויך א איד אין א לאנגער קאפאטע מיט פאות!

אונזער משכיל איז יוצא מיט שטיועל־פיצען, און א שווארץ סטענגעלע אויפ'ן האלז. ער האט שירים פון פאות, פאר דאס טראגט ער א קאנטיג קאשקעטעל. „פראסטע„ (זאגט מען) וישמן ישורון ויבעט; „עס געהט איהם זעהר שוואויל, א שארף געוועלב; אינגאנצען, אימשטיינם געזאגט, דריי קינדערלעך, וואס פעהלט איהם? איז ער א משכיל!“

מיט וואס ער איז א משכיל, איז שווער געוועזען געוואר צו ווערען. עס איז געניג, אז מען ו ו י י ס ט, אז ער איז א משכיל; די גאנצע שטאדט זאגט, אז ער איז א משכיל, ער אליין איז א ו י ך מודה. דער עיקר זענען זיינע „ווערטלעך“, ער רעדט „על השם ועל משיחו“.

לויט איך בין דערנאך געוואר געווארען, האט דער משכיל מיך אויך פאר א משכיל גערעכענט, און זיכער געוועזען, אז איך וועל ביי איהם איינשטעהן, על כל פנים ביי איהם „שרייבען“ צום ערשטען.

— צו אזא זאך, — האט ער געזאגט, — דארף מען האבען מענשען מיט קעפ. מיט אייך, פערד, וועט ער עפעס מאכען?

און אז דער בארג איז נישט געקומען צו מחמד'ן, ווייל ער האט פשוט נישט געוואוסט פון איהם, איז מחמד געגאנגען צום בארג.

געטראפען האט ער מיך ביי אן אלמנה אין שטוב. אריינגע־פאלען איז ער מיט'ן רשע'ס שאלה פון דער הגדה — מיט'ן: מה העבודה הזאת לכם?

— מאי פאניע — וואס מאכט איהר עפעס דא?

— וואו דא? — פרעג איך.

— איהר מיינט, אפנים, נאר, אז איך בין פון אונטער'ן אוי־

ווען ! אז מען וואוינט אין טישאוויץ, איז מען שוין קיין מענש נישט. ווייסט מען שוין נישט, וואס אויף דער וועלט טוט זיך ? איהר ווייסט : „עם לבן גרתי“, איך וואוין טאקע דא, נאר א נאז האב איך !

— און אז איהר האט א נאז און ווייסט, וואס אויף דער וועלט טוט זיך, נאך וואס פרעגט איהר ?

דער שמש האט אויפגעשפיצט די אויערען. דאס אייגענע האבען געטאן די עטליכע לעדיג־געהערס, וואס זענען מיר נאכגע־גאנגען טריט־ביי־טריט. אויף זייער פנים איז אויסגעגאסען א ווילדע הנאה, אויפ'ן שטערן — דער פסוק : „יקומו נא הנערים... לאמיר זעהן, ווי צוויי משכילים באדיען זיך !“

— וואס טויג מיר דארט, — מאכט דער משכיל גערייצט,— חוזק־שמויזעק ! מיין צונג איז אויך נישט קיין פאדעשווע ! און פאר וועמען האב איך מיך דא צוצופיהרען, פאר טישאוויצער חמורים ? זעהט נאר די בידליאקעס !

איך בין אין א פארלעגענהייט. אננעמען פאר טישאוויץ קאן איך מיך נישט, ווייל די טישאוויצער בעלי־בתים, אין פענסטער און אין טיר, האבען גאנץ אנגענעהם געשמייכעלט.

—נאר, זאגט מיר, וואס איז דאס אזוינס ? דאס פארשרייבען !

— סטאטיסטיק !

— סטאטיסטיק־שמיסטיק ! מיר האבען שוין געהערט אזוינס ! נאר נאך וואס טויג עס ?

איך האב געזאגט, נישט איהם, אייגענטליך, נאר טישאוויי־צער קהל ; זאלען זיי האבען א באגריף פון דער סטאטיסטיק.

— הא ! הא ! הא ! — צולאכט זיך געדיכט און גראב דער משכיל, — דאס וועט איהר איינרעדען טישאוויצער חמורים, נישט מיר ! פארוואס פארשרייבט איהר, ווי מען וואוינט : מיט א פאד־לאגע, אהן א פאדלאגע ? וואס געהט אייך אן, אז איינער וואוינט אהן א פאדלאגע ? הא ?

עס געהט אין דעם, פארצעהל איך איהם, אז מען וויל אויס־ווייזען, ווי ארעם אידען זענען ; מען מיינט...

— מען מיינט גארנישט, — האקט ער מיך איבער, נאר — זאל זיין אזוי ! וואס דארף מען אבער וויסען אקוראט, וויפיעל

אינגלעד און וויפיעל מיידלעד? און — ווי אלט יעדעס איז? און אלע קרענק, וואס איהר פארשרייבט!

— מען איז אונז חשד, אז מיר דינען נישט אין מיליטער; די ביכער, ווייסט איהר אודאי, זענען נישט ריכטיג, ווילען מיר אויסווייזען...

— נו, אויך רעכט, למשל... איך בין אייך דערווייל מודה... אבער — פאטענטען? נאך וואס פארשרייבט איהר, ווער עס האט? אין פאר וויפיעל?

— אויסצואווייזען, אז אידען —

דער משכיל לאזט מיך אבער נישט ענדיגען.

— איהר דערצעהלט מיר נישט קיין באבע־מעשיות; דער־ווייל וועט מען געוואר ווערען, אז איינער און דער צווייטער האט א קלענערען פאטענט, וועט מען איהם שטעלען א חופה!

קוים ער האט עס ארויסגעזאגט, איז ראפטאם דער עולם פון פענסטער נעלם געווארען. דער שמש פון טיר האט זיך אפגע־טראגען, און דער משכיל, וואס האט גארנישט אזוי שלעכט גע־מיינט, איז געבליבען ווי פארשטיינערט.

דער עולם האט מורא געקריגען. אין א פאר שעה ארום האט שוין גאנץ טישאוויץ מיט מיר געקלונגען. מען האט מיך שוין חשד געווען, אז איך בין א געשיקטער פון דער אקציז. א קשיא אויף א מעשה, די אקציז ווייסט, אז א איד וועט בעסער געוואר ווערען אלע סודות!

איך האב מיך ארומגעדרעהט אין מארק שוין איינער אליין, דאס שטעדטעל האלט זיך פון מיר פון ווייטען. איין משכיל איז מיר נאכגעגאנגען טריט־ביי־טריט. ער האט געוואלט מיט מיר רע־דען. נאר ער איז מיר שרעקליך נמאס געווארען, איך האב אויף זיין פרצוף נישט געקאנט קוקען.

און די פנימ'ער אין גאס ווערען ערנסטער און פינסטערער, איך הויב שוין אן קלערען וועגען פלטה־מאכען. מען קוקט אויף מיר צופיעל פון דער זייט, מען סוד'עט זיך צו פיעל!

עס איז מיר איינגעפאלען צו מאכען נאך די לעצטע פרואוו. איך האב מיך דערמאנט, אז דער היינטיגער טישאוויצער רב איז אמאל ביי אונז דין געווען, ער וועט מיך דערקענען, על כל פנים

עדות זאגען, אז איך בין נישט דאס, וואס מען מיינט!
— וואו וואוינט דער רב? — פרעג איך דעם משכיל.
ער דערפרעהט זיך און ענטפערט:
— קומט, איך וועל אייך פיהרען!

ז.

דער טישאָוויצער רב.

ווער עס האט נישט דעם טישאָוויצער רב'ס שלאָפראָק געזעהן, וועט קיינמאָל נישט וויסען די סבה, פאַרוואָס די רבי'צין, זיין דריט ווייב, א אידענע קוים אין די מיטעלע יאהרען, טראָגט שוין א פאָר גרויסע ברילען אויף דער נאָז. דער שלאָפראָק זעהט אויס ווי פון אייניציגע פעדים געלאַטעט.

— נאָך 2 גילדען א וואָך, — באַקלאָגט זיך דער רב, — ווען די שטאָדט גיט מיר, וואָלט איך געקאָנט שוין דורכקומען; אַזוי איז גאָר ביטער! נאָר איך וועל מיינס אויספיהרען... אָהן א דין־תורה קאָנען זיי זיך נאָך באַגעהן, אויף דעם האָבען זיי גוטע אידען און... סאַנדעס; „טעפעל — לעפעל“ פסק'ענט א ליאָדע מלמד, שאלות־נשים; עס איז דאָך נאַריש, דאָס קאָן מען נישט מ ח מ י ר זיין! אָבער אויספיהרען וועל איך. איך וואַרט נאָר אויף דער קלפי! אָהן א רב וועלען זיי קיין קלפי נישט מאַכען! לאָמיך זעהן א שטאָדט, קיין עיני־הרע, איין עיר ואם בישראל, אָהן גבאים! און, וועט דאָס אויך נישט העלפען, וועל איך נישט פּרואווען די חלפים.. איך האָב זיי גוט אין דער האַנט!

עס איז שווער געוועזען דעם רב אַראָפּצופיהרען פון זיינע אייגענע צרות. דאָך אז דער משכיל האָט איהם צוגעזאָגט, זיך צו ס ט א ר ע ן פאַר איהם ביי קהל, צו פועל'ן די הוספה, — האָט ער אונז געבעטען זיצען, און אויסגעהערט, אין וואָס עס געהט.

— נאַרישקייטען! — מאַכט ער, — איך קען דיך! זאָג זיי, די שוטים, אז איך קען דיך.

— זיי אַנטלויפען פון מיר!

— עט, אַנטלויפען! וואָס הייסט אַנטלויפען! ווער אַנטלוי־

פען? נאך וואס? נאר מילא, אז דו זאגסט: אנטלויפען! וועל איך אליין מיט דיר אראפגעהן.

— אין וואס וועסט דו געהן? — רופט זיך אפ א ווייבעריש קול פון אונטער'ן אויווען.

— גיב טאקע אהער די קאפאטע! — ענטפערט דער רב.

— געבען? איך האב זי ערשט צוטרענט!

— מילא, — מאכט דער רב, — אויך נישט קיין אומגליק. חס ושלום! וועלען מיר מארגען געהן.

איך גיב איהם צו פארשטעהן, אז עס איז ערשט מיטאג־צייט, אז עס איז מיר א שאד דער טאג.

— נו, וואס זשע זאל איך טון? — פרעגט דער רב און פארלעגט די הענט, — פונקט האט די רבי'צין זיך גענומען צו מיין קאפטאן...

— רופט זיי ארויף אהער!

— רופען איז א קלייניגקייט, אויך אן עסק! נאר ווער וועט קומען? מען וועט מיך הערען :וי דעם רב! אפשר בעסער אראפ־געהן אין שלאפראק?

— עס פאסט נישט, רבי, — רופט זיך אן דער משכיל,— דער סטראזשניק געהט ארום אין גאס!

— פון מיינטוועגען, — זאגט דער רב, — איך וואלט גע־נאנגען; זאגט איהר: ניין, איז ניין.

עס בלייבט דערביי, מיר זאלען אלע דריי ארויפרופען דעם עולם פון גאס דורכ'ן פענסטער. מיט'ן פענסטער־עפענען איז אבער נישט לייכט צוגעגאנגען. מען האט עס שוין א יאהר פופ־צעהן נישט געעפענט. די שויבען זענען דורכגעברענט פון דער זון, דער קיט איז אויסגעדארט, און די שויבען ציטערען ביי יעדען טריט איבער דער פאדלאגע. די קוואטירען זענען געלעכערט פון האלץ־ווערים, צוגעקלעפט נאר מיט'ן ראסט (זשאווער) צו דער וואנט, עס איז נאך א ספק, אויב זיי האבען זאוויאסען.

עס איז אונז דאך געראטען, מיר האבען איין זייט געעפענט, דערנאך די צווייטע און אהן א שאדען. דער רב האט זיך אנידער־געשטעלט אין דער מיט, איך און דער משכיל פוןביידע זייטען. און מיר אלע דריי רופען.

דער מארק איז פול מיט מענשען. אין א פאר מינוט ארום, איז שוין געוועזען אן עולם אין שטוב.

— רבותים, — מאכט צו זיי דער רב, — א י ך קען דעם מ ע נ ש...

— מען וועט נישט שרייבען! — האבען זיך אנגערופען עטליכע קולות צוזאמען.

דער רב פארלירט באלד דעם קוראזש.

— נישט! — נישט! — מאכט ער שטיל. דער משכיל איז אבער דערוויל ארויף אויפ'ן טיש און רופט:

— חמורים! מען מוז שרייבען! דער טובת הכלל פארלאנגט עס!

„לטובת הכלל“, לייגט ער, אז ער האט מיט מיר „איבערגע־רעדט שוין דאס גאנצע פשט'ל“, אז עס איז נישט ווי ער האט „קאטאוועס געטריבען“, אז איך האב איהם אפילו געוויזען בריעף פון רבנים!

— פון וועלכע רבנים? — רופט מען פון אלע זייטען.

— פון פאריזער רב, — האט דער משכיל ווייטער געשפונען אויפ'ן הויכען קול, — פון פאריזער רב — (קיין אנדערער פאסט איהם נישט), פון לאנדאנער...

— אידען, אהיים! — האט איהם עמיץ איבערגעהאקט, — נישט אונזערע לייט!

און דער עולם האט זיך אנגעהויבען ארויסצושיטען אזוי גע־שווינד, ווי ער איז אנגעקומען. געבליבען זענען מיר דריי און — דער שמש, וואס האט זיך צוגערוקט צו מיר —

— שענקט מיר עפעס, — מאכט ער, — פאר'ן טאג.

איך האב איהם געגעבען עטליכע צעהנערלעך. ער האט נישט איבערגעצעהלט, אריינגעווארפען אין קעשענע, און, נישט געזעג־נענט זיך, אוועקגעגאנגען.

— וואס זאגט א י ה ר, רבי? — פרעג איך דעם רב.

— איך ווייס? איך האב שטארק — שטארק מורא — עס זאל מ י ר נישט שאטען...

— אייך?

— וועמען דען? דיר? זעהסט דו אן עסק! וועסט דו נ י ש ט מאכען די סטאטיסטיק, וועט מען זיך באגעהן אהן איהר... כי

הנה לי ינום ולא יישן שומר ישראל!... איך מיין די שני זהובים א וואך!

די רבי'צין מיט די גרויסע ברילען איז דערוויל אפיר פון הינטער'ן אויוועז:

— איך האב דיר לאנג געזאגט, — מאכט זי, — דו זאלסט זיך נישט אריינמישען אין קהל'ס זאכען, נאר דו פאלגסט דען מיך? ווי קומט א זוינס צו א רב, דיין דאגה — קהל?

— נו, שטיל שוין, רבי'צין, שטילער, — ענטפערט ער איהר ווייך, — זעהסט דאך, איך בין שוין אזוי, איך האב א ווייך הארץ, עס באריהרט מיך — נאר א שאד די צוויי גילדען א וואך!

ח.

דערצעהלטע מעשיות.

„אבל וחפוי ראש" בין איך אראפגעגאנגען פון רב מיט'ן משכיל צוזאמען אין גאס אריין. מיר טרעפען דאך דעם שמש אויפ'ן וועג און דער פארזיכערט, אז, ווי איהם זעהט אויס, וועט מען קאנען מארגען ווייטער שרייבען.

דעם גאנצען „טאראראם" האבען אנגעמאכט צוויי אפגעקומע־נע בעלי־בתים, וואס זענען היינט, פאר גרויס דחקות נעבעך: איי־נער א טרפה'נער שענקער און דער צווייטער א פערדס־הענדלער...

דער משכיל, פון זיין זייט, זאגט מיר צו צווישען מנחה ומעריב איבערצושמועסען „דאס פשט'ל" מיט'ן עולם. און — „הייסט זיין נאמען נישט שמערל" (אזא נאמען האט א משכיל אין טישאוויץ!) אויב ער וועט נישט „איבערקעהרען דאס שטעדטעל".

— זיי מעגען זיך — זאגט ער — אויף די קעפ שטעלען, און שרייבען מוז מען! הפה שאסר הפה שהתיר!

גוט כאטש, דער משכיל האט אין א חדר געלערענט; אויף דער גרויסער וועלט טרעפען זיך נאך אנדערע משכילים. —

איך געה צוריק אויף דער סטאנציע; דער שמש געהט מיט.

ביי מיין בעל־הבית דעם אלמן איז נאך א מנין געוועזען. צוויי־שען מנחה ומעריב האט מען אנגעהויבען רעדען פון פאליטיק, נאך מעריב איז מען אראפ אויף אידען! דער רוב איז שרעקליך אפ־טימיסטיש. ערשטענס מיינט מען נישט ז י י, צווייטענס וועט מען זיך מיט „יענקלען„ נישט קיין עצה געבען; שכל האט ע ר! דריטענס, געהט עס ווי א רעדעל, אביסעל ארויף אביסעל אראפ, פיערטענס — וועט גאט העלפען, פינפטענס — וועלען גוטע אי־דען נישט דערלאזען.

דאס אלטע ליעדעל!

— גלויבט מיר — שפרינגט ארויס איינער מיט פליהענדיגע קליינע אויגעלעך אונטער א קורצען שטערן, — גלויבט מיר, אז ווען עס זאל זיין אחדות צווישען אלע גוטע אידען, זיי זאלען זיך האלטען איינס, טאקע יד־אחת און אויפהערען צו זאגען תחנון, וואלט משיח ג ע מ ו ז ט קומען.

— דער קאזיניצער ז"ל האט דאך אויפגעהערט, — פרעגט איינער.

— איין שוואלב, — ענטפערט דער יונגערמאן, — מאכט קיין זומער נישט. ווער שמועסט, זיי זאלען ארויסגעבען אן אסור אויף כלל ישראל!

אמאל מוז מען זיך אגעגען שטעלען! איינשפארען זיך!

— ווען זיי גיבען ארויס אן אסור — שפעט עמיץ און ווארפט אויף מיר אן אויג, — וואלטען די אפיקורסים אנגעהויבען באדיי דאווענען אבי צו זאגען תחנון! אבי משיח זאל נישט קומען!

דער עולם שמייכעלט.

— וואס קומט אבער ארויס — מיינט אן אנדערער — אז די גרויסע האלטען זיך נישט צוזאמען...

דער עולם האט אפגעקרעכצט.

געוויס האט זיך יעדערער דערמאנט, וויפיעל פעטש ער האט שוין געקריגען, וויפיעל צרות ער האט שוין געהאט דורך דעם נישט ביינאנד האלטען. און דער בעסטער סימן, אז טישאוויץ האט שטארק געליטען פון מחלוקת, איז דאס, וואס פון דעם רעדען איז שוין נישט ארויסגעקומען קיין זכות וועגען דעם, ווער עס איז שולדיג, פארוואס עס איז קיין שלום נישט דא צווישען די גרויסע. מען האט מורא פאר א נייע מחלוקת.

איך האָב מיך אָנגערופען, אַז אינ׳ם מחלוקת איז מעהר שול־דיג דער דלות. עס איז נישטאָ מיט וואָס צו האנדלען, מען געהט לעדיג, זוכט מען זיך געשעפטען, זוכט מען נאָך עברות, פיהרט מען וכוחים, א והא ראיה: אין גרעסערע שטעדט, וואו יעדערער איז פארנומען מיט זיינע געשעפטען, איז שטיל.

— עס זאָל עמיץ — מיין איך — אריינוואַרפען אין טישאָ־וויץ א פּאָר טויזענט רובּל, וואָלט מען פארגעסען אַן די אַלע זאַכען.

— א גרויסע זאַך עשירות, — רופט זיך אָן איינער, — איך זאָל געוועזען האָבען אַט אַזוי גרויס, אַ נאָגעל שכל, וואָלט איך היינט גאַנץ טישאָוויץ אריינגעשטעקט אין בוזעם... עס האָט זיך אין איין האר געווענדט; איך האָב נאָר געדאַרפט וועלען.

— אמת, אמת! — האָט מען מעיד געוועזען אין אַלע זייטען, — אמת, א מעשה שהיה —

— מילא, המפורסם אין צריך ראיה.

דער איד, וואָס עס האָט איהם נאָר געפעהלט „אַ נאָגעל שכל“ אָדער אַ פּיצעלע רצון, נתעשר צו ווערען, האָט אויסגעזעהן ווי דער דלות אַליין: דאַר, געלב, צוזאַמענגעצויגען, אויסגעוויינט, און אין אַ קאַפּאָטע, וואָס האָט נאָר אין טישאָוויצער רב׳ס שלאַפראַק איהר גלייכען געהאַט.

אויף דעם איז אָנגעקומען דער משכיל.

— נאַטירליך! — האָט ער זיך צולאַכט.

— ר׳ אליה — לאַכט ער — איהר האָט אודאי דאָס גרויסע געווינס אַ שעה פאַר׳ן ציהען פארקויפט.

— זעה נאָר זיין לצנות, — מאַכט דער ר׳ אליה, גלייך ער געדענקט נישט די מעשה. —

— אַזוי לאַנג קרענקט מיר נישט מיין קאָפּ — שווערט דער משכיל, — ווי לאַנג איך האָב שוין פארגעסען, אויב איך האָב אַמאָל געהערט די ליגען —

— ליגען? — באַליידיגט זיך ר׳ אליה — גלאַט אַזוי, לי־גען?! נאָך אייך נאָך איז עפּעס אַנדערש אויך ליגען!

איך מיש מיך אריין און פרעג, וואָס די מעשה איז געוועזען.

— פון וואַרקער צדיק, זכרונו לברכה, האָט איהר דאָך אודאי געהערט? — הייבט ר׳ אליה אָן.

— אודאי!

— מן הסתם! פון איהם האט קינד־און־קייט געוואוסט! איהר ווייסט, אז צו איהם פלעגען פאהרען נישט נאר חסידי אומות־העולם, נאר אפילו דייטשלעך אויך; אפילו ליטוואקעס, די צלם־קעפ, אויך! אזוי גרויס גאלד זאל איך האבען, ווי גרויס ליטוואקעס איך האב דארטען געזעהן. עס איז אפילו א מעשה געוועזען מיט א תוספות׳ל, א ליטוואק מוז דאך אומעטום ווייזען זיין חריפות, פרעגט ער ד א ר ט א תוספות אין נדרים, דער רבי, זכרונו לברכה, האט איהם אומישנע פארטייטשט פארקעהרט: „ס׳טייטש רבי, שפרינגט דער ליטוואק ארויס, א תוספות אין ראש השנה פון דער אייגענער סוגיא זאגט דאך בפירוש דעם היפך פון אייערע דבורים?“ מילא, וואס קלערט איהר — עס איז געוועזען א נס מן השמים, אז אנשי שלומינו האבען איהם נישט גע׳ממית׳ט אויפ׳ן ארט. נאר נישט אין דעם בין איך אויסען. געהאנדעלט האט דער וואָרקער מיט׳ן רבונו של עולם, כביכול, ווי מיט א גוטען ברודער:

— רבונו של עולם, — גיט ער זיך א שטעל אנידער אינמיטען שטוב, — עס וואלט שוין אפשר גענוג געוועזען צו מוטשען ריינע אידעלעך מיט היצען! זיי קאנען נישט זיצען און לערנען!

מען האט, אפנים, עפעס געענטפערט פון דארט.

— אזוי! — מאכט ער, — איז עפעס אנדערש! איך גיב דיר נאך! ביי גוט באצאהלען איז אלץ רעכט. נאר רבונו של עולם! טאמער אביסעל אויף ד ע ר וועלט!...

מען האט ווייטער אנגעזעהן בחוש אין זיין פנים, אז ער הערט א תשובה און ענטפערט:

— מילא, נישט איז — נישט! דו ביסט קוראנט, וועל׳מיר ווארטען!

נאר אין דעם בין איך אויך נישט אויסען. דער עקר איז געוועזען פאר סנדקאות. פאר א סנדקאות איז ער שוין געוועזען שטאל און אייזען; עס האט נישט געהאלפען קיין תירוץ. מען האט שוין געווארט דארטען, און קוים האט ער געגעבען א וואונק, איז באלד מקיום געווארען. ער האט געזאגט, אז איידער ער געהט צו סנדקאות, אז ער דערמאנט זיך נאר אינ׳ם מוהל־מעסער, איז ער שוין בבחינת פחד. און דעריבער — „רצון יראיו יעשה“!

ער האט זיך שטארק מצער געווען, וואס מען איז דערפון געוואר געווארען. ער האט געוואוסט, אז ער וועט דעריבער שוין נישט לאנג דא פיהרען, אז ער וועט נתבקש ווערען בישיבה של מעלה. אניט וואלט דאך די וועלט קיין קיום נישט געהאט. עס האט ג ע ד א ר פ ט צו זיין בסוד!

נאר מען איז דערפון געוואר געווארען. איך אויך! איך אפילו פריהער ווי אנדערע, ווייל דער גבאי משה איז מיין ערשט ווייבס א לייבליכער שוואגער געווען... און טאקע דער משה, וואס האט אויסגעפלאפּעלט דעם סוד. דערפאר האט מען איהם אפילו מעביר געווען אויף א האלב יאהר; נאר דער צער פון דעם איד איז אזוי גרויס געווען, אז דער רבי האט רחמנות געקריגען, און באלד צוריק געשטעלט על כנו. נאר דאס געהער אויך נישט צו דער זאך.

געגנוג איך בין געוואר געווארען.

מילא — „וישמור הדבר בלבו"; איך האב געווארט; איך וועל דאך נישט געהן איבער א נארישקייט דולען דעם רבי'ן דעם קאפ; איך ווארט. דאמאלט האב איך געוואוינט אינגאנצען א מייל הינטער ווארקע. מיין ערשט ווייב האט געלעבט, און עס איז א י ה ר נישט שלעכט געגאנגען: שווער אויסצוקומען איז אפילו געווען... נאר — איך האב פארדינט פון מיין שדכנות וואס עס איז, און זי האט אונז מפרנס געווען פון שטעל. אחוץ'ן „דרויב", האט זי נאך קעסט געגעבען א פאר־פאלק. — מיין עלטערער טאכ־טער. דער איידעם — א למדן מופלג! וואס האט מיר געפעהלט?

ויהי היום, דער איידעם איז אין גער, אין שטעדטעל איז יריד, און די טאכטער געהט צו קינד. שווער — אן ערשטלינג... ביילע־באשע, אונזער באבע, קאן זיך קיין עצה נישט געבען, און זי האט שוין וועהען דעם דריטען טאג. עס העלפען נישט קיין טרוקענע, נישט קיין געהאקטע באנקעס, קיין אדער־לאזען, עס איז ביטער! און דא קריג איך א ידיעה, אז דער רבי קומט אויף סנדקאות! וואס קלערט איהר? „ליהודים היתה אורה!" — מיר זענען אלע דערפרעהט געווארען! עס איז אין אונז אריין א נייע נשמה! מיר בעטען נאר, גאט זאל זי דערהאלטען נאך אנדערהאלבען טעג! ווארים אריינגעלאזט האט מען ערשט פונקט א שעה פאר'ן סנדקאות! דא ווערט אבער דערווייל ערגער און ערגער; עס ווערט סכנות־נפשות!

א פּאָר שעה פּאַר'ן סנדקאות איז איהר דאָך בעסער געוואָ־רען, אזוי האָט זיך מיר געדאַכט. זי איז צו זיך געקומען, גע־עפענט די אויגען, געטריבען די מוטער אויפ'ן יריד, און מיד צו־גערופען צום בעט!... א נאַרישע אידענע... א ל ע זענען אזוי, פּאַר'ן ה אָ ב ע ן זענען זיי בייז אויף אונז... שמואליק — זאָגט זי — געפעלט איהר נישט; ער איז איהר קיינמאל נישט געפעלען. זי האָט איהם פון דער ערשטער שעה נישט געוואָלט! זי קאָן איהם גאָרנישט ליידען, זי וויל בעסער שטאַרבען! זי האָט אומישנע ארויסגעשיקט די מוטער, ווייל פאַר איהר האָט זי מורא געהאַט! זי, עליה השלום, איז טאַקע א פייער געוועזען צו קינדער. ביים באַדעקענס, האָט זי ז י געוואָלט פּאַטשען!

איך, פאַרשטעהט זיך, גיב איהר צו פאַרשטעהן, אז אַלע ווייבער זענען אזוי; אז טייל טוען אפילו נדרים, מיט די מאַנען נישט מעהר צו וואוינען; אז דעריבער איז טאַקע דער קרבן חטאת... טייל שווערען אפילו... נאָר — „אין אדם נתפס על צערו". און זי האַלט זיך איהרס, זי געזעגענט זיך מיט מיר... זי דאַרף נישט, נישט קיין נדרים, נישט קיין שבועות, — שמייכעלט זי, — „איך געה— זאָגט זי — אוים ווי א ליכט!

מילא, הער איך זי עפּעס, אז איך זעה בחוש, אז עס איז איהר בעסער; זי איז צוריק ביים גאַנצען שכל. און עס איז נאָך אינ־גאַנצען א האַלבע שעה צו סנדקאות! זי איז גאָר, אויף נאַמנות, שעהן־חנ'עוודיג געוואָרען!

איך זיץ ביים בעט, רעד מיט איהר... די באָבע אפילו איז אוועקגעגאַנגען; זי איז געגאַנגען קויפען א וויגעל אויפ'ן יריד. איך קוק אויפ'ן זייגער, עס איז שוין צייט צו געהן, איך קוק אויף איהר, — כאחד האדם! געזונט! דאָך גלוסט זיך מיר נישט פון איהר אוועקצוגעהן, זי איינע אליין צו לאָזען. און איינע אליין, כמעט אין דער גאַנצער שטאָדט.

ביי אונז — פאַרשטעהט איהר — איז יריד איין מאָל אין יאָהר, און שטעהט דריי טעג, און פון דעם האָט מען א גאַנץ יאָהר פּרנסה. איהר קאָנט פאַרשטעהן, אז אפילו ביים רבי'ן איז אויך קיינער נישט געוועזען; אלע אויפ'ן יריד.

נו, וואַרט איך אביסעל.

אין א האַלבע שעה אַרום איז אָבער ראַפּטאָם ערגער געוואָ־

רען. זי כאפט מיך אן ביי דער האנט, פאלט ארונטער אויפ׳ן קי־
שען, מאכט הועיות, שלעכט!

זי הויבט אן פייפען... איך שריי, עס ענטפערט קיינער! פון
מארק קומט אריין א גול, א גערויש פון טויזענטער מענשען, נאר
מיך הערט נישט קיינער... צווישען אלפים מענשען מיט פויערען,—
ווי אין א מדבר! איך וויל אויסרייסען די האנט... געהן עמיצען
רופען, זי האלט אבער זי שטארק...

עס דויערט איין מינוט, צוויי, עס איז שוין באלד שפעט,
דא איז ביטער — רייס איך פארט אוים די האנט און לויף גלייך
אהין! — דער ברית איז געוועזען אין צווייטען עק שטאדט —
איך פליה איבער וועגען, איבער קופעס סחורות, איך פליה און
פליה... עס דויערט מיר אלץ צו לאנג. געוועזען איז תמוז, און
מיך האט לויפענדיג געווארפען די קעלט... אט, אט, דערזעה איך
שוין צמח׳ם הויז, וואו עס איז דער ברית... „לב אדם יודע מרת
נפשו“ — דאס הארץ קלאפט אין מיר ווי ביי א גזלן: איך
פ י ה ל, אז דארט איז יציאת נשמה. אט, האב איך שוין דאס
ערשטע פענסטער! איך וויל אויף דער טיר נישטווארטען, איך
וועל אויסהאקען די שויבען און אריין. איך לויף גלייך צום פענס־
טער, איך זעה, דער רבי איז טאקע אין שטוב, ער געהט ארום אויף
און אפ. איך וועל אריין ווי א גזלן! איך נעם צונויף די לעצטע
כוחות... אין די אויערען קלינגט מיר: „טאטעשי! טאטעשי!“...
איך שפרינג —

דעם דערצעהלער האט אטעם פארפעהלט. ער רוהט זיך אפ,
לאזט אראפ די אויגען, אין וועלכע עס האבען זיך דיקע טרערען
געוויזען, און ענדיגט שטילערהייט מיט א צובראכען קול.

— עס איז אבער נישט באשערט געוועזען! — פאר׳ן פענס־
טער איז געוועזען א בערגעל מיסט מיט שטיינער — איך בין גע־
פאלען, און שיער נישט האלז און לייב צובראכען... איך האב נאך
עד היום א צייכען אויפ׳ן שטערן... אז מען האט מיך אריינגע־
ברענגט צום רבי׳ן, האט ער שוין אוועקגעמאכט מיט דער האנט...

אז איך בין אהיים געקומען (ווי אזוי, ווייס איך נישט), איז
זי שוין געלעגען אויף דער ערד... א ד ע ר זי איז אראפגעפא־
לען ביים גוסס׳ען, אדער איך האב זי אראפגעשלעפט ביים ארויס־
רייסען די האנט...

דער עולם איז שטיל געוואָרען, עס האָט אונז געדריקט אַ שטיין אויפ'ן האַרץ. איין משכיל איז באַלד צו זיך געקומען.

— נו, — מאַכט ער — „ברוך דיין אמת!“, וואו איז דאָס עשירות!

דער דערציילער האָט זיך אויסגעווישט מיט'ן אַרבעל די אויגען, אַ טרויערדיגען שמייכעל געגעבען און ווייטער פאַרציילט—

— יאָ... איך האָב איך נאָר געוואָלט ווייזען, וואָס מען מיינט: נישט באַשערט. דערווייל האָט זיך געמאַכט צרות איבער צרות... מיין ווייב איז נפטר געוואָרען.... די שטעל איז געגאַנגען לאיבוד... ביי אַ מאַנספאַרשוין... איך בלייב מיט'ן דרויב אַהן אַ שטיקעל ברויט... האָב איך חתונה געהאַט... איך האָב אומישנע גע־נומען אַן עלטערע אידענע! וואָרים, באמת, געמיינט האָב איך — אַ אידענע צו דער שטעל! איך האָב אָבער געהאַט אַ „מקח טעות“. וואָס א יאָהר — א בן! דערווייל זענען אונזער'ע ירידים אָפּגעפאַ־לען, און אַ גאַנץ יאָהר איז די שטעל ווערט אַ „שישקע פּולווער“... האָב איך מיר מישב געווען! אַן עק זאָל עס האָבען! איך וועל אָוועקלייגען דאָס שדכנות, ווערען אַן עושר, און זיצען און לערנען! אי — ווי אַזוי ווערט מען אַן עושר? איך שרייב צו מיין געוועז־ענעם ווייבס שוואָגער, צום גבאי, אַז, למען־השם, ער זאָל מיר מודיע זיין, ווען עס וועט זיך מאַכען אַ סנדקאָות.

עס איז נישט אַוועק אַ חודש, קריג איך אַ שליח מיוחד, און לויף קיין וואָרקע. איך שטעל מיך אין ערגעץ נישט אָפּ, לויף גלייך צום רבי'ן.

— און — אַ גרעסערער בארג מיסט? — לאַכט דער משכיל.

דער דערציילער שיקט אין זיין זייט אַ בליק ווי אַ שפּיז.

— דער וואָרקער צדיק, זי"ע, — זאָגט ער — האָט געהאַלטען פון טהרות, זיין גאַנצע עבודה איז געווען ט ה ר ו ת.

— זעה נאָר, — מאַכט דער משכיל, — ווי ער קוקט אויף מיר! שייגעץ איינער! אז דו ביסט געקומען אהער, ווער האָט דיר געהאָלפען? אַ וואָרקער חסיד? אפשר דיין אייגענער פעטער, דער צדיק? אָדער איך? האָ? דו וואָלסט שוין לאַנג גע'פגר'ט פאַר הונגער, ווען נישט איך!

און צו מיר זיך ווענדענדיג:

— און היינט מיינט איהר, וואס איז ער? מ ל מ ד ב י י מ י י נ ע קינדער, זאל איך זיי איהם היינט אוועקנעמען, בלייבט ער שטעהן אהן פרנסה — אהן א שטיקעל ברויט אין פיסק...

דער איד שווייגט מיט אראפגעלאזטע אויגען.

דער משכיל ווערט מיר אלע רגע עקעלער, באטש ער האט מיר נאך פריהער מיט די אויגען א צייכען געגעבען, אז ער האט גע־פועל'ט, און מיט די הענט געוויזען, אז מארגען וועט מען שרייבען. איך דרעה מיך איבער צום איד:

— נו, נו, דערצעהלט ווייטער, ר' קרוב.

— זעהט אליין, — מאכט ער צום משכיל, — אונזער „פאר־שרייבער", אויפ'ן פנים קוקענדיג, איז מעהר משכיל פון אייד, און חוזק מאכט ער נישט... מען מעג זאגען אנדערש... דער רמב"ם, זי"ע, האט אפילו אין כשוף, להבדיל, נישט געגלויבט... נאר, ווי עס איז, ענטפערט מען ערנסט... א איד דארף האבען א ד ר ך... נאר חוזק איז נישט מעשה... מעשה... איד, עס כאפט אן ביי דער לעבער!

— נו, נו! — מאכט דער משכיל ווייכער, — שיט שוין אוים די רעשט.

— איך וועל שוין מקצר זיין — הויבט אן דער ארעמער איד — איך קום אריין אהן א קוויטעל, בעל־פה... אפילו אהן א פדיון... דאמאלט ג ע ה ט נישט קיין פדיון... פאר סנדקאות איז ער בבחינת „לא יועל כל כופר", אזוי כלפי מעלה, ווי כלפי מטה... נאר דאס פנים איז געוועזען שרעקליך! הענט און פיס האָ־בען אונטער מיר געציטערט! איך שטעה און עפען נישט דאס מויל. ער, זכותו יגן עלינו, מאכט גרויסע שפרייז אויף און אפ.

ראפטאם דערזעהט ער מיך, און גיט א געשריי, טאקע ממש ווי א לייב.

— וואס ווילסט דו?

איך האב מיך נאך מעהר דערשראקען און — קוים געענט־פערט:

— עשירות!...

דער רבי האט, אפנים, נישט גוט דערהערט.

— עשירות? — פרעגט ער, און דער קול איז געוועזען ווי פון א דונער.

— כאַטש... פּרנסה. — ענטפער איך נאָך שטילער.

— וואָס, פּרנסה? — שרייט ער ווייטער —

— כאַטש פאַר הונגער נישט שטאַרבען.

דער רבי לויפט אויף און אָפּ, און שטעלט זיך ראַפּטאָם אָפּ און פרעגט:

— וואָס נאָך?

— איך האָב געמיינט — איך שטאַרב! דאַכט זיך מיר. (ווייס איך, מיר דאַכט זיך אזוי), אז נישט איך, נאָר עמיץ אַנדערש האָט מיר איבערגעדרעהט די צונג! און זי האָט געענטפערט:

— יוסף זאָל זיין אַ למדן...

און שוין! — איך בין קוים לעבעדיג אַרויס, און ער, זי"ע, איז די אַנדערע וואָך נפטר געוואָרען...

נו? האָט עפּעס אָסך געפּעהלט צו עשירות? אַ האָר! איך בין מיר אַליין שולדיג! ווען איך שפּאַר מיך איין, האָלט מיך איינם — מילא!

— איז כאָטש — פרעג איך — אייער יוסף אַ למדן מופלג?

— ער וואָלט אודאי געוועזען, — ענטפערט ער מיר מיט אַ צו־בראָכען לשון, — נאָר ער וויל נישט... אויף דעם איז שוין קיין רבי נישט פאַראַן... ער ו ו י ל נישט לערנען... טו עפּעס!

— וואָס טויג מיר דאָרטען — פאַלט דער משכיל אַריין אין די רעד — דער „היוצא לנו מדברנו" איז: אַז מען דאַרף נישט האָבען קיין מיסט אונטער די פענסטער; אַז מען פועל'ט נישט אָהן אַ פדיון, און דער עקר — אַז מען דאַרף פאַר קיין רבי'ן נישט מורא האָבען!

אין איין רגע איז דער בלאַס־געלער איך פלאַמענדיג געוואָרען, די אויגען האָבען זיך איהם אונטערגעצונדען, די געשטאַלט האָט זיך אויסגעצויגען, און די שטוב האָט אַ הילך געטאָן פון צוויי פּעטש, וואָס דער משכיל האָט געקריגען.

— — — — — — — — — — — —

איך האָב מורא, אַז זיין ערשטע בקשה וועט אויך נישט דער־פילט ווערען: ער וועט נאָך שטאַרבען פאַר הונגער

ט.

אַ אינגעלע.

דעם גאַסטהייזערס שעהן חנ'עוודיג אינגעלע מיט די מאָוס'ע תנועה'לעך, מיט די לעקעלעך פול מיט פּעדערעז, קאָן מיר אויס'ן קאָפּ נישט אַרויס. אָדער ער שטעהט מיר פאַר די אויגען מיט אַ סטשיפּיאָרעק אין האַנט און וויינט, און וויל דעם צווייטען; אָדער איך הער איהם ביי מנחה־מעריב זאָגען אַזוי קינדיש־וויינענדיג־ערנסט דעם קדיש, אַז עס כאַפּט מיך אָן ביים האַרץ.

ווען דער חסיד האָט דעם משכיל געפּאַטשעט, איז דאָס קינד אַזוי בלאַס און גרין געוואָרען פאַר שרעק, אַז איך האָב איהם אָנגענומען ביי דער האַנט און אַרויסגעפיהרט פון שטוב.

— קום אביסעל שפּאַצירען!

— שפּאַצירען? — שטאַמעלט ער.

דאָס בלאַסע פּנים רויטעלט זיך.

— דו שפּאַצירסט קיינמאָל נישט?

— היינט נישט. אַז די מאַמע, עליה השלום, האָט געלעבט, פלעגט זי מיך מיטנעמען שבת ויום־טוב שפּאַצירען... דער טאַטע— איהר צו לענגערע יאָהר — הייסט בעסער אַריינקוקען אין אַ ספר.

דאָס איז שוין געוועזען אין לאַנגען איינפאַהר־הויז; פון דערווייטענס שימערט אַ רויטער „מגן־דוד" פון אַ לאַמטער אַרויס. איך האָב זיין פּנים נישט געזעהן, נאָר זיין דאַר הענטעל האָט אין מיינער געציטערט.

מיר זענען אַרויס אין גאַס אַריין.

דער הימעל הענגט איבער טישאָוויץ ווי אַ טונקעל בלויער כּונדיר מיט מאַט־זילבערנע קנעפּ. מיין מיט־שפּאַצירער האָט עס אודאי אויסגעזעהן ווי אַ פּרכות מיט זילבערנע פּליטערלעך באַנעהט. איהם חלום'ט זיך אפשר אַזאַ בלוי־זיידען תפלין־בייטעלע מיט פּליטערלעך; אין אַ יאָהר פינף זעקס וועט ער אפשר קריגען אַזאַ מתנה פון דער כלה.

ביינאַכט זעהט דאָס שטעדטעל גאָר אַנדערש אויס. די קרום־און לאַם־געבויגענע הייזלעך פאַרשווינדען אין דער „פּאַטשישער

שטילער שוים פון דער נאכט"; און די פענסטער און שויבען־טי־רען זעהען אוים ווי גרויסע פייערדיגע, פורפור־שטראלענדיגע אוי־גען...

אויף די קוימען שטעהען שוין אודאי טעפ מיט זידענדיגע וואסער צו קארטאפעל אדער „קליסקעלעך מיט ביבערלעך". לויט סטאטיסטיק פאלט אין טישאוויץ דורכשניטליך 37 און א האלבער רובל אויף א קאפ א יאהר, לערך 10 קאפיקעס א טאג. בארע־בענט: מלמד־געלט, צוויערליי געפעס, שבתים און ימים־טובים, א קרענק און א גוטען איד — אחוץ בייזאכען... ווער איהר פאר־שטעהן, אז א יאיבעל טרעפט זיך ביינ קוימען זעלטען, אז די קליסקעלעך ווערען געמאכט פון רעטשען־מעהל אהן אן איי, און ווער ווייסט, אויב די קארטאפעל ווערען געשמאלצען.

דאך שטעהען מאנכע הייזלעך שטאק בלינד. דארט געהט א שטיקעל טרוקען ברוים, מיט אזער אהן א הערינג. און אפשר — קריאת־שמע אהן וועטשערע... אין איינעם פון די הייזלעך מוז שטעהן די אלמנה, וואס דארף אזוי וועניג, און קלאפען זיך אין דארען הארץ־ברעטעל אריין ביי דער לאנגער ידוי. אפשר מעסט זי זיך אן איהרע תכריכים... דערמאנט זיך אן אמאליגען, מיט א גאלדענעם פאס באזוימטען חופה־קלייד, און פון די אלטע אויגען קאפעט אראפ א טרער, און זי שמייכעלט דערביי אריין אין דער פינסטערער נאכט: וואס דארף א אידענע?

מיין יתום האט עפעס אנדערש אין זין.

אונטערטאנצענדיג אויף איין פיסעל, רייסט ער ארויף דאס קעפעל צו דער לבנה, וואס שווימט נאריש־אריסטאקראטיש פון איין דרילע ארויס אין דער צווייטער אריין.

ער זיפצט. צי האט ער געזעהן א שטערן פאלען? — ניין:

— אוי, — זאגט ער — וואלט איך געוואלט, משיח זאל קומען!

— וואס איז?

— איך וויל, די לבנה זאל שוין גרעסער ווערען! עס איז אויף איהר אזא רחמנות! זי האט טאקע געזינדיגט, אבער אזוי לאנג צו ליידען... עס געהט שוין דער אלף הששי...

איננאנצען צוויי בקשות: פון טאטען אויף דער ע ר ד —

גאָר אַ סטשיפּיאָרעק, און פון פאָטער אין ה י מ ע ל — די לבנה זאָל גרעסער ווערען!

עס כאַפּט מיך אַן אַ ווילדער חשק איהם צו זאָגען: לאָז גע־מאַך! דיין היגער טאַטע וועט באַלד חתונה האָבען, דו וועסט באַלד אַ שטיפמאַמע קריגען, אַ שטיפקינד ווערען, און וועסט וויינען אַ שטיקעל ברויט! זיי מוחל דעם סטשיפּיאָרעק, פאַרגעס אויך די לבנה...

איך האָב מיך קוים איינגעהאַלטען.

מיר זענען אַרויס פון טישאָוויץ, דער פריהלינגס־אָטעם בלאָזט אויף אונז פון גרינעם פעלד. ער שלעפּט מיך צו צו אַ בוים. מיר זעצען זיך.

דאָ — פאַלט מיר איין — האָט ער געמוזט זיצען מיט זיין מוטער. זי האָט איהם געמוזט ווייזען, וואָס עס וואַקסט אויף די שמאָלע פאַסען פון די מעשטשאַנסקע פעלדער; ער דערקענט: ווייץ, קאָרן, קאַרטאָפעל.

— און דאָ וואַקסען דערנער! צי קיינער עסט קיין דערנער נישט?

— עזלען, זאָגט מען, עסען דערנער!

— פאַרוואָס — פרעגט ער — האָט גאָט באַשאַפען, יעדע בריאה זאָל עסען עפּעס אַנדערש?!

— ער ווייסט נישט, אַז ווען אַלע זאָלען גלייך עסען, וואָלטען אַלע גלייך געוועזען.

י.

דער יאַרציעווער רב

איז אַ מענש מיט אַלע „וויגאָדעס“, מיט אַלעם גוטען. ער געמט פיער רובל אַ וואָך און האָט כמעט די והותר! וואָס? „דזיאַד ז׳באַבאַן!“ ער איז פריהער דין געוועזען אין אַ גרעסערער שטאָדט, אויך גענומען פיער רובל אַ וואָך, און האָט זיך משבת לשבת ביים הערינג כמעט די פינגער צושניטען. ער רעכענט מיר אויס: אַנ־בייסען, וויים איך, אַביסעל מילך־גריץ, אַ האַלב פונט פלייש צום וואַרמעס. ביינאַכט אַ גלעזעל וואַרעמס מיט נעכטיגע בייגעל, —

איז שוין געוועזען ענג! נהרא נהרא ופשטיה. — דאס ווארמעס אין די גרויסע שטעדט איז א דלות. אזוי איז מען אינגאנצען פטור פון קאלדאן... ער איז נישט קראנק צו ווארטען ביז וועטשערע. און אין דערפריה — אביסעל בארשטש. אזוי פיהרט מען זיך טאקע אין יארציעוו און אזוי איז טאקע גוט! דארט איז זעהר שלעכט געווען. איהם האט עס אפילו נישט געארט, ער האט ג א ר נ י ש ט ל י ע ב קיין פלייש, אינדערוואכען איז עס א „מאכל גס“. טאקע א שווער מאכל. אינדערוואכען האט ער ליעב א ציבעלקע מיט אביסעל פיצמיטהאנע. פיצמיטהאנע האט ער ליעבער אפילו ווי פורים׳דיג קרויט. ער האט שוין אזא טבע. „נאר די רבי׳צין, זי הערט דאך נישט — שמייכעלט ער אויף איהר קוקענדיג — איהר האט עס אמאל פארדראסען! א אידענע האט קנאה! ווי הייסט? די שוחט׳קע האט קישקע, און זי, די דיין׳טע — אפילו קיין בייגעל! נישט א רציחה. הא? היינט בין איך אלץ פטור; אין יארציעוו, ברוך השם, עסט קינד און קייט פלייש — משבת לשבת, און אויך שעפסענס! און אבי די רבי׳צין האט נישט וועמען מקנא צו זיין, איז אלץ גוט.

— מקנא צו זיין! — ווארטשעט אריין די רבי׳צין.

— איך ווייס, איך ווייס — לאכט שטיל דעם רב׳ס קליין גערונצעלט קעפעל, בשעת דאס ווייך־שפיציגע בערדעל ציטערט, און די אלטע אויגען ווערען פייכטער — איך ווייס, דיר איז נישט געגאנגען אינ׳ם זינדיגען גוף, נאר אין כבוד התורה... סטייטש א שוחט — יא, און א דיין — נישט! א דיין איז דאך גרעסער ווי א שוחט! סיי ווי סיי, ה י י נ ט בין איך פטור פון די אלע זאכען! — אז מען קוילעט גארנישט א גאנצע וואך.

נאך צופרידענער איז ער פון דער פרישער לופט. אין דער גרויסער שטאדט פאסט נישט פאר בעלי־בתים, נאר גרויסע הייזער: אינמיטען וואוינען רייכע בעלי־בתים; אונטען אין קעלער, און אויבען אונטער׳ן דאך — ארעמע לייט, און — פארשטעהט זיך — די משעובדי־קהל.

זומער האט עס איהם געשטיקט... עס איז אזוי ווייט געקומען, אז די רבי׳צין האט איהם אוועקגע׳גנב׳עט דאס טאבאק־פושקעלע, ער זאל כאטש קיין טאבאק נישט שמעקען. זי האט עס אבער געמוזט אפגעבען; אהן טאבאק איז ער גאר אוים מענש;

ער קאָן אפילו ביי אַ ספר אָהן טאַבאַק נישט זיצען. אפילו ווען ער שמעקט נישט, מוז ער דאָס קאַרינגע פּושקעלע דרעהען אין דער האַנט ביים לערנען, און אפילו (ווי אַצינד) ביים רעדען, אַניט פּאַרלירט ער די מחשבות, איז ער מגמגם מיט'ן לשון.

מילא — וואָס קלערט איהר — „אַז ער האָט דערזעהן יאָר־ציעוו מיט'ן גרויסען, מיט גראָז־באַוואַקסענעם מאַרק", האָט ער זיך געוואָלט לאָזען כלי־זמר שפּילען. „כלי־זמר האָבען טאַקע גע־שפּילט", דעם טאָג איז גאַנץ קהל אין דערהיים געוועזען, און מען איז איהם אַקעגען געגאַנגען מיט קאַמאָ־ראַווער מוזיק. אויך האָט ער זיך גאָר מחיה געוועזען מיט די פּיצעלעך הייזעלעך, טאַקע ווי קאַרינגע טאַבאַק־שטעקעלעך, סאַמע הילצערנע, איינס איז דאָ אַ געמויערטס, אַ גרויס, דאָס וואָס שטעהט אינמיטען מאַרק, — איז עס דעם פּריצ'ס.—

און היינט די טרעפּ, וואָס ער איז פּטור געוואָרען. ער איז בטבע אַ כשל־ברך, נאָך אַ יאָהר וואָלט ער אָהן פּיס געבליבען! און די מנוחה! שטיל! עס בילט נישט קיין הונט, און להבדיל, עס וואויען נישט די קינדער. עס איז דאָ אַ דרייסיג קינדער איז אי־בער זיי אפשר זעקס מלמדים. האָט מען טאַקע אויף זיי השגחה, נישט ווי אין די גרויסע שטעדט! וואויען, יאָ! פּורים, חנוכה, אַזוי אַ יום־טוב! אַזוי אָבער — מען זאָל איהם עס הערען אַ שאָרך!

און דער עיקר, האָט ער אַ ברכה פון זיין ליעבען נאָמען — אַ שטעדטעל אָהן מחלוקת! עס איז אפילו דאָ צוויי־דריי חסידים מיט תכלת, — „גלויבט מיר, איך בעט פאַר זייער לעבען", וואָרים, חס ושלום, איבער הונדערט יאָהר, וועט זיך מאַכען אַן עסק מיט דער קבורה! אַזוי איז שטיל.

דאָס שטעדטעל איז סאַמע דאָרפס־געהער, אָדער „לויפער". אפילו די בעלי־מלאכות זיצען נישט אין דערהיים, און געהען אויף די דערפער אַרבייטען. אפילו דער פעלדשער לויפט אַרום אין דער סביבה מיט די באַנקעס. זונטאָג אין דערפריה קאָנט איהר טרע־פען דעם גאַנצען עולם, ווי ער שיט זיך אַרויס פון די היהנערשע הייזלעך. הינטער דער שטאָדט טוט מען אויס די שטיוועל, מען הענגט זיי אויף אַ שטעקען איבער די פּלייצעס, און מען צולויפט זיך אין אַלע זייטען. פריטאָג פאַרנאַכט קומען זיי צוריק. אפילו דער שוחט געהט אַמאָל אַוועק אויף אַ גאַנצע וואָך.—ווען האָט מען

צייט צו פיהרען מחלוקת?

שבת און יום־טוב, איז אפילו עלול צו אזוינע זאכען, עס מאַכט זיך אַמאָל אַן עסק. נאָר ווי! זיי זענען גאָרנישט געוואוינט דערצו; עס געהט עפּעס אומגעלומפּערט. דער עולם איז שלעפעריג און מיד.

זיצט ער טאַקע און לערענט.

„עס מאַכט זיך אפילו (שמייכעלט ער) אַמאָל אַ שטיקעל מחלוקת, נאָר — לשם שמים! צווישען מיר מיט'ן שוחט. פאַר־שטעהט איהר: אַ שאלה טרעפט זיך זעהר זעלטען: אַ גאַנצע וואָך געהט מילכדיג געפּעס, שבת — פליישיג געפּעס, ביי איין קוי־מען, בבית־אחת, שטעהען זיי נישט! אַ שאלת הריאה טרעפט זיך איין מאָל אין יאָהר! נו, פאַר דאָס, אַז עס טרעפט זיך שוין, לאָזט מען זי אזוי געשווינד נישט אַרויס; וואַרפט מען דורך גאַנץ ש"ס, אַלע פּוסקים, און עס ווערט אַ מחלוקת. דער שוחט איז זעהר איינגעשפּאַרט און פאַרקרעקט, און האָט נאָך אַ טבע זיין בינטעל הסרונות צולעגען אויף יענעמס פּלייצע; זאָגט ער, אַז א י ך בין „איינגעשפּאַרט און פאַרקרעקט!"

לכתחילה האָט ער אפילו דאָ אויך ווילד צער געהאַט פון צוויי זאכען: פון די הייוועז, און—פונ'ם הייזעל. „אַלץ (שמייכעלט ער) דורך דער רבי'צין". מיט די הייוועז איז אזוי געוועזען די מעשה: ער האָט זיך משוה געוועזען מיט קהל פיער רובל אַ וואָך. אַז דער פריהערדיגער רב האָט באַקומען פיער רובל אַ וואָך מיט די ה י י ו ע ז, האָט מען פון איהם מעלים געוועזען, און גאָרנישט.

נאָר דעם ערשטען שבת־הגדול האָט ער געהאַלטען גאָר אַ גרוי־סען דרוש איבער חמץ בפסח. די שטאָדט איז גאָר אויסער זיך געוואָרען. „אַ גוטע זאַך שמעקט יעדען, אפילו אַן עם־הארץ דאורייתא. איך זאָג, אַז עס קומט פון דעם, וואָס אַלע נשמות זענען געוועזען ביים באַרג סיני, און דאָרטען איז געוועזען „כל מה שעתיד תלמיד ותיק לחדש"! דעריבער אפילו ווען די נשמה האָט שוין פאַרגעסען, דערשמעקט זי דאָך, אַז דאָס איז עפּעס פון יענע זאכען... און טאַקע באַלד חול־המיעד האָט מיר די שטאָדט אַליין צוגעגעבען די הייוועז. באותו הרגע האָב איך ביי מיר גע־פיהלט אביסעל גאוות, און זיין ליעבער נאָמען האָט מיך טאַקע באַלד געשטראָפט דערפאַר.

איך האָב געהאַט צרות פון די הייוועז. אַ גאַנצע וואָך האָב איך געהאַט דין־תורות צווישען די בעלי־בית'טעס מיט דער רבי'־צין: דער איז די חלה געוועזען צו האַרט, דער — צו שווער, דער איז די חלה אַפּריינדיג געוואָרען. מען האָט זי חושד געוועזען, אַז זי גיסט אַריין וואַסער. ווייס איך? איך האָב נישט געזעהען און זי זאָגט: ניין.

מילא, עס איז דאָך נאַריש, איך וועל דאָך דער רבי'צין קיין דין־תורה נישט פּסק'ענען, מאַך איך פּשרות. קומט מען פרייטאָג, טויש איך אויס אויף מיינע קוילישען, אַ גאַנצע וואָך גיב איך צו אַביסעל הייוועז אויף קליסקעלעך. הכלל — צרות צרורות! געלויבט איז גאָט, עס האָט אַ שניידער געברענגט געפּרעסטע הייוועז! אויס פּונדוש! אַז—עק!

מיט'ן הייזעל ווייטער איז אַזוי געוועזען:

ער האָט באַמערקט, אַז די רבי'צין מאַכט זיך אַ קניפּעל. מילא, מאַכט זי — מאַכט זי; זיין דאגה. די קינדער געהט עס אפילו גוט, נו, וויל זי אפשר אַן אייניקעל אַ מתנה קויפען; זאָל זיין אַזוי. ער אפילו האַלט נישט דערפון, נאָר מיט אַ אידענע פיהרט ער קיין מלחמה נישט. אפשר, טראַכט ער, מיינט זי עפּעס אַנדערש. „איך ווייס, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, אַ סך גרייטען זיך אַן אויף שפּעטער... ווייס איך! א י ך זאָג: „ברוך השם יום יום!", אַז מען וועט נפטר ווערען, וועט זיין תכריכים! נאָר ער מישט זיך נישט אַריין!

די הייוועז זענען נאָך דאַמאָלט געגאַנגען, און, קורץ און בקיצור, „איינמאָל דערצעהלט מען מיר אין בית־המדרש אַ מעשה! באשר בכן, די רבי'צין האָט געקויפט אַביסעל געהילץ! איך קום אַהיים, אמת! זי האָט שוין אפילו באַשטעלט בעלי־מלאכות, זי הויבט אָן בויען אַ הייזעל! וואָס איז? זי וויל נישט וואוינען קאַמאָרינע!". ער האָט זיך ווייטער נישט גע־מישט, — זאָל זי בויען! און זי האָט אויפגעבויט, זי האָט זיך אַריינגעצויגען, ער — האָט נאָר איבערגעטראָגען זיין ש"ס. —

„נו, בין איך בעל־הבית אויך!"

איז איהם אָבער זעהר ווייט געוועזען צום בית־המדרש.

„לא־עליכם, אויף דער עלטער זענען מיר שוואַך געוואָרען די

פיס. אין דערהיים קיין ספר ספרים האָב איך נישט. אין בית־המדרש ווייטער איז אַ חרם, נישט ארויסצוגעבען קיין ספר. נישט נאָר דעם רב, קיין ראש־הקהל אפילו נישט. מאַכט זיך אַ שאלה, האָב איך מיר נישט מיט וואָס די הענט צוצופיהרען, איך האָב גע־ליטען צער דערפון!"

— „וואָס טוט גאָט? מאַכט זיך אַ שרפה'לע, עס זענען אָפּגעברענט געוואָרען עטליכע הייזער. מיינס אויך! געלויבט איז גאָט! די בעלי־הבתים האָבען קיין גרויסען היזק נישט געהאַט, זיי זענען געווען „סעקורירט"; איך אודאי נישט — קהל האָט מיר, ווי איהר זעהט, אָפּגעצאָמט אַ שטיקעל „בית־המדרש!".

יא.

לאַשטשאָוו.

אין אַ טונקעלע זומער־נאַכט, צווישען עלף און צוועלף, בין איך אָנגעקומען קיין לאַשטשאָוו. ווייטער אַ מאַרק, ארומגעצאָמט מיט געבויטע און געמויערטע הייזלעך. אינמיטען מאַרק ליגען אָנגע־וואָרפענע ווייסע שטיינער. איך פאָהר צו נעהנטער, — די שטיי־נער ריהרען זיך, קריגען הערנער; עס ווערט פון זיי אַ מאַסע הער־ליך־ווייסע ציגען.

די ציגען זענען געשייטער פאַר טישאָוויצער קהל; זיי דער־שרעקען זיך נישט. איינע אָדער צוויי אינגאַנצען האָבען אויפגע־הויבען די קעפּ, באַטראַכט אונז שלעפעריג, און ווייטער זיך גע־נומען צום קאַרגען גראָז אין גאַס און צום קראַצען איינס דאָס אַנדערע!

גליקליכע ציגען! עס מאַכט אויף אייך קיינער קיין בלבולים, איהר ברויכט זיך נישט שרעקען פאַר סטאַטיסטיקער. אמת—מען קוילעט אייך, נו וואָס? ווער שטאַרבט נישט פאַר דער צייט? יסורים — האָט איהר זיכער ווייניגער!

איך דערמאָן מיך, וואָס מען האָט מיר אין טישאָוויץ געזאָגט: אין לאַשטשאָוו וועט אייך בעסער און געשווינדער געהן. רוהיגע

בעלי־בתים, שטילע, עס וועט אייך קיינער נישט נאכלויפען."

קהל און די ציגען זעהען עס אוים א זווג צו זיין; איינס איז דאס אנדערע געראטען.

דאך מיין גאסט־הייזער, מיינס אן אלטער באקאנטער, מאכט מיר אביסעל שווער דאס הארץ, עס איז נישט, זאגט ער, אזוי לייכט ווי מען מיינט.

— און וואס וועט איהר טון, — פרעגט ער, — איהר וועט ארומגעהן מבית לבית?!

— ווי דען?

— הלואי מען זאל אייך ענטפערען א גוט ווארט!

— פארוואס נישט?

— א איד האט פיינט, מען זאל איהם עפענען און צעהלען די קאסע.

— וואס איז, די ברכה וועט נישט אריין?

— ניין, דאס נישט, נאר די קללה — דער קרעדיט וועט צרוים.

יב.

די ערשטע פרואוו.

אין דערפריה, נאך איידער דער שמש איז געקומען, זענען שוין געווען ביי מיר עטליכע אידען; זיי ווילען זעהן דעם פאר־שרייבער. מיין שם פאהרט פ א ר מיר!

איך מאך א פרואוו, און ווענד זיך צו איינעם.

— גוט מארגען, ר' קרוב.

— גוט מארגען, שלום־עליכם.

ער דערלאנגט מיר גאנץ פויל די האנט.

— ווי הייסט איהר, ר' קרוב.

— לוי־יצחק.

— און אויפ'ן דייטשען נאמען?

— וואס דארפט איהר צו וויסען?

— וואס, א סוד איז עס?

— א סוד צי נישט א סוד, נאר איהר מעגט מיר זאגען, נאך

וואס איהר דארפט וויסען... דאס איז דאך אודאי קיין סוד נישט!

— איהר ווייסט דען נישט?

— נישט אקוראט...

— און ווי איז אייער „מכח שטוים?“

— „בערענפעלץ“, — ענטפערט ער אביסעל פארשעמט.

— א ווייב?

— עט!

— וואס הייסט „עט“?

— ער וויל זיך גט'ן! — ענטפערט פאר איהם אן אנדערער.

— וויפיעל קינדער?

ער מוז זיך מיישב זיין, און צעהלט אויף די פינגער: פון ערשטען ווייב, מיינע — איינס, צוויי, דריי, איהרע — איינס, צוויי, — פון צווייטען ווייב...

עס ווערט איהם דאך נמאס צו צעהלען —

— גו, זאל זיין זעקס!

— „זאל זיין“ טויג נישט, איך דארף וויסען אקוראט!

— זעהט איהר, אט דער „אקוראט“ איז נישט פראסט! א ק ו ר א ט!

— וואס דארפט איהר וויסען אקוראט? וואס איז, א טשי־נאווניק זענט איהר? מע'צאהלט אייך דערפאר? עס ווערט אייך עמיץ נאכפאהרען און קאנטראלירען? א־ק ו־ר א ט!

— זאג, בהמה, זאג! — מונטערען די רעשט. — האסט אנ־געהויבען — זאג!

זיי ווילען וויסען, וואס פאר א שאלות עס ווערט אלץ זיין.

ער האט נאך אמאל איבערגעצעהלט אויף די פינגער און עס איז געווארען, ב"ה, דריי מעהר.

— ניין קינדער, זאלען געזונט און שטארק זיין.

— וויפיעל זיהן, און וויפיעל טעכטער?

ער האט נאך אמאל געצעהלט:

— פיער זיהן און פינף טעכטער.

— וויפיעל זיהן, און וויפיעל טעכטער האט איהר אויסגע־געבען?

— דאס דארפט איהר אויך וויסען? זאגט מיר פארט, נאך וואס?

— זאג שוין, זאג! — רופט דער עולם אומגעדולדיגער.—
— דריי טעכטער און צוויי זיהן, — ענטפערט עמיץ פאר'ן געפרעגטען —
— טאקע? — מאכט דער געפרעגטער, — און ישראל'יק?
— ער האט דאך נאך נישט חתונה געהאט?
— ביסט א פערד! מע'רופט איהם דעם שבת אויף! וואס מאכט אוים אנדערהאלבען וואכען? —
איך פארשרייב, און פרעג ווייטער:
— געדינט אין מיליטער האט איהר?
— א באצאהלטער, 400 רובל! וואו נעם איך זיי היינט!— קרעכצט ער.
— און די זיהן?
— דער עלטערער האט א גולע אונטער'ן רעכטען אויג, און איז, לא־עליכם, נאך אביסעל געברעכט... אפגעלעגען איז ער אין דריי שפיטעלער, געקאסט האט מעהר ווי א חתונה! און מע'האט איהם קוים פון פאלק אהיים געשיקט! דער צווייטער האט א וויבאר, דער דריטער דינט —
— און דאס ווייב?
— מן הסתם איז זי ביי מ י ר! וואס איז די שאלה?
— זי האט דאך געקאנט זיין ביי א י ה ר פאטער!
— א קבצן!
— א הויז האט איהר?
— ווי דען!
— וויפיעל איז עס ווערט?
— עס זאל שטעהן אין זאמאשץ וואלט עס ווערט געוועזען, הי איז עס נישט ווערט א דרייער, טיליע וואס איך האב א דירה.
— פאר 100 רובל וואלט איהר עס פארקויפט?
— חס ושלום! א נחלה?! פאר 300 אויך נישט, זעהט איהר — 500 רובל! מא! וואלט איך מיר געדונגען א שטיבעל, געמאכט א שטיקעל עסק...
— און אזוי וואס איז אייער געשעפט?
— ווער האט א געשעפט?
— פון וואס לעבט איהר?
— ד א ס מיינט איהר?! מע'לעבט!

— פון וואַנען?
— פון השם־יתברך! אז ער גיט, האָט מען!
— ער וואַרפט דאָך נישט פון הימעל אַראָפּ!
— ער וואַרפט טאַקע! איך וויים, פון וואַנען איך לעב? אַט, מאַכט אַ חשבון: איך דאַרף אַ הון — 4 רובל אַ וואָך אודאי! פון הויז האָב איך, אַחוץ מיין דירה, אַ רובל 12 הכנסה; גיעהט אַראָפּ 9 רובל פּאַדאַטעק, אַ 5 רובל אויף רעפּעראַציע, בלייבט — אַ לאָך אין קעשענע אויף 2 רובל אַ יאָהר אודאי!
ער פאַלט אַריין אין גדלות:
— קיין געלט, ברוך־השם, האָב איך נישט! נישט איך, נישט די אַלע אידען, וואָס שטעהען דאָ, נישט אַלע אידען! אויסער, אפשר, די דייטשען פון די גרויסע שטעדט... מ י ר האָבען נישט קיין געלט! קיין מלאכה קאָן איך נישט, מיין זיידע האָט קיין שטיוועל נישט גענעהט! פונדעסטוועגען, אַז השם יתברך וויל, לעב איך; און לעב שוין אַזוי אַ יאָהר עטליכע פופציג! און — דאַרף מען אַ קינד חתונה מאַכען, מאַכט מען חתונה, טאַנצט מען אין דער בלאָטע!
— הכלל, וואָס זענט איהר?
— אַ איד!
— וואָס טוט איהר גאַנצע טעג?
— איך לערען, איך דאַווען... וואָס טוט אַ איד?! אַז איך עס אָפּ, געה איך אין מאַרק אַריין...
— וואָס טוט איהר אין מאַרק?
— וואָס איך טהו? וואָס עס לאָזט זיך! אַט, נעכטען למשל, האָב איך, דורכגעהענדיג, געהערט, אַז יונה באַריק וויל קויפען, פון אַ פּריצ'ס וועגען, דריי טריקעס; פאַרטאָג בין איך שוין ביים צווייטען פּריץ, וואָס האָט אַמאָל געזאָגט, אַז ער האָט צופיעל טריקעס! האָב איך געמאַכט מיט יונה באַריק יחדו, און האָבען ברוך־השם פּאַרדינט צו אַנדערהאַלבען קערבעל־שטיק!
— זענט איהר, הייסט עס, אַ מעקלער?
— איך וויים? אַמאָל פאַלט מיר איין, קויף איך גאָר אַ קערצעל תבואה!
— אַמאָל?
— וואָס הייסט אַמאָל? אַז איך האָב דאָס קערבעל קויף איך,

— און אז נישט?
— שאַף איך מיר אַ קערבעל!
— ווי אזוי? —
— ווי הייסט ווי אזוי?

און עס דויערט אַ שטונדע, איידער איך ווער געוואר, אז לוי יצחק בערענפעלץ איז אַ שטיקעל דיין און זיצט אין בוררות, אַ שטיק מעקלער, אַ חלק סוחר, אַ פיצעל שדכן, אמאָל, פאַלט איהם איין, געהט ער גאָר אין שליחות.

און פון די אַלע, אויסגערעכענטע און פאַרגעסענע „מאלכות" פאַרדינט ער, כאָטש בדוחק גדול, זיין ברויט פאַר ווייב און קינד! אפילו פאַר דער אויסגעגעבענער טאָכטער, ווייל איהר שווער איז גאַר אַ קבצן!

יג.

די צווייטע פּרואָווו.

מען פיהרט מיך אין אַ געוועלבעל אריין.

עטליכע פעקלעך זאַפּאַלקעס, עטליכע פּידעלעך פּאַפּיראָסען; נאָדלען, שפּילקעס, האַרנאָדלען, קנעפּלעך, געלער, גרינער זייף! עטליכע שטיקלעך היימיש־גע׳מלאכה׳טער שמעקעדיגער זייף... אביסעל בשמים, און נאָך קליינינקייטען... אַ צושפּרינג; ביים טיש ליגט אַן אַלטע סאָכע. דאָס איז שוין, אַ ביי־געשעפט.

— ווער וואוינט דאָ? — פרעג איך.

— איהר זעהט דאָך! — ענטפערט מיר אַ אידענע און קעמט ווייטער אַ מיידעלע פון אַ יאָהר צעהן, וואָס האָט דערווייל אָפּיר־געכאַפּט דאָס קעפּעל פון אונטער׳ן קעמעל, און באַקוקט מיט גרויסע פאַר׳חדוש׳טע אויגען דעם גוי, וואָס רעדט אידיש!

— לעגסט צוריק דעם קאָפּ! חצופה! — שרייט די מוטער.

— ווי הייסט אייער מאַן? — פרעג איך.

— משה!

— אויפ׳ן דייטשען נאָמען?

— זיי נאָמען זאָל אהיים קומען! — שילט זי פלוצים — פיער־שעה איז ער געגאַנגען אָפּנעמען ביי דער שכנה אַ טעפּעל.

— הער אויף צו פיסקעווען! — מאכט דער שמש. — זאג, וואס מען פרעגט דיך.

פאר'ן שמש האט זי מורא. ער איז שמש און סאלטיס צוזאמען. ער נעמט צונויף די פאדאטקעס און איז, אחוץ דעם א חשוב ביים וואיט:

— ווער פיסקעוועט? ווען? וואס? אויף מיין מאן טאר איך אייך קיין ווארט נישט רעדען?

— ווי הייסט ער אויפ'ן דייטשען נאמען? — פרעג איך נאך אמאל.

דער שמש אליין האט זיך דערמאנט און זאגט מיר: „יונג־פרייד".

— וויפיעל קינדער האט איהר?

— איך בעט אייך זעהר, ר' קרוב, קומט שפעטער, ווען מיין מאן וועט זיין; דאס איז זיין זאך! גענוג, איך האב אויף מיין קאפ דאס געוועלב מיט דער שטוב, מיט זעקס קינדער לאבוסעס... טשעפעט איהר אייך כאטש אפ פון מיר!

איך פארשרייב דערוויל: זעקס קינדער, און פרעג, וויפיעל זי האט פון זיי אויסגעגעבען.

— אויסגעגעבען! הלואי וואלט איך אויסגעגעבען, וואלטען מיר ווענינגער גרויע האר געוואקסען! ס'וואקסט ביז'ן גרויען צאפ אריין.

— איהר האט סאמע מיידלעך?

— דריי יונגען אויך!

— וואס טוען זיי?

— וואס זאלען זיי טון? צרות טוען זיי מיר אן! זיי האבען אפענע מיילער!

— פארוואס לערענט איהר זיי נישט קיין מלאכה?

זי פארציהט די נאז,ווארפט א בייזען בליק און וויל מעהר נישט ענטפערען.

איך פאל אויף אן המצאה, קויף ביי איהר א פעקעל פאפיראסען, זי ווערט אביסעל בעטער אויפ'ן פנים. און איך פרעג:

— וויפיעל פארדינט אייער מאן?

— ער? ער פארדינט! מ'קאן זיך דען מיט איהם באהעלפען.

נאָך אַ טעפּעל צו אַ שכנה שיקען? אסור חזיר, ער זאָמט שוין פיער שעה! איך וועל דען עסען היינט וואַרמעס דורך איהם?

זי איז ווייטער אַריין אין אַזאַרט; איך האָב געמוזט אַפּטרעטען און כאַפּען דעם מאַן אין גאַס; איך האָב איהם דערקענט, ער האָט געטראָגען אַ טעפּעל!

יד.

אין שוחט'ס הויז.

פון שוחט'ס הייזעל לויפען מיר אַקעגען פאַרשידענע געמישטע קולות. אַ גבור אַ האָהן שרייט זיין קוקוריקו מיט אַ גאוה, גלייך עס וואָלט קיין חלף אויף דער וועלט נישט געוועזען. טרויעריג דאַגעגען מעקעט אַ צוגעבונדען קעלבעל; עס ליידט, אפנים, הונגער... פאַר דאָס, צווישען די לאַטעס, אונטער'ן הויכען, געלעכערטען דאַך, טשיפּטשען הונדערטער פייגעל, — זיי האָבען פליגעל און לאַכען אויס'ן שוחט! זומער איז, די לופט איז פול ווערימלעך; מענשען, אפילו די אַרעמסטע, די קאַרגסטע, לאָזען איבער די קרישקעלעך... טשיפּ-טשיפּ-טשיפּ, טשיפּ-טשיפּ-טשיפּ! אויסגעבעט איז די נעסט; אויסגעצירט מיט גלאַנצעדיגע פאַרבען דער „ע ר". סקראָמנע און שטיל די „ז י", און די קינדערלעך זענען זאַט! עס איז זיי וואַרעם און — אין ערגעץ נישט פאַרשריבען...

פרעגט זיי אָבער בחרם, וואָס מען מיינט „מום בקדשים?" מיט ד ע ר שאלה באַשעפטיגען זיך צוויי יונגעלייט, באָרוועס, אין יאַרמולקעס, אויסגעטאָן ביז די טליתים קטנים.

די יונגע לייט זענען נאָר פסול צו רעווידירען פּאַטענטע, סחורה אויף דער קאַמער, אָבער קעלבער צום מזבח — פראַנק און פריי.

ווען גאָט האָט די וועלט צוטיילט; דער פויער האָט זיך גענומען די ערד, דער פישער — דעם טייך, דער יעגער — דעם וואַלד, דער גערטנער — די פרוכטבוימער, דער סוחר — די מאָס און די וואָג. און אַזוי ווייטער, האָט דער פּאָעט געוויילט אין אַ וועלדעל. די נאַכטיגאַל האָט איהם געטרילערט, די בוימער — איינגערוימט אַלערליי וואַלד-קלאַטשערייען... און די אויגען, די

פּאַעטישע אויגען האָבען זיך ניט געקאָנט אָפּרייסען פון דער וועשינס קניהען ביים טייך און דער קיאָנקע אין איהרע הענט. און ער האָט אַלץ פאַרשפּעטיגט! אַז ער איז געקימען, איז שוין די וועלט פאַרטיילט געוועזען. ביי גאָט איז פונזיינטוועגען מעהר ניט געבליבען ווי — וואָלקען, רעגענבויגען, ראָסע און זומער־פייגעל. צוריקצואָוועגס האָט ער אפילו שוין די וועשין ניט געטראָפען, זי האָט זיך געשמעלט ערגעץ פאַר אַן אַם...

— האָסט פאַנטאַזיע, באַשאַף דיר וועלטען אַליין! האָט איהם גאָט געזאָגט!—

און מען האָט מקנא געוועזען דעם פּאָעט, זיין וועלט איז די בעסטע! דער פּויער באַארבייט זיין ערד מיט נויט און שוויים. דער פישער געהט אויך ניט לעדיג; ווינטער דורכצוברעכען אייז, איז ניט קיין גוטע זאַך. דער יעגער ווערט מיד פון לויפען און יאָגען. פון וואַלד־עפּעל מאַכען זיך „פּאַנעס" ניט אַזוי גרינג!... דער סוחר אפילו מוז עפּעס טון, כאָטש פעלשען מאָס און וואָג, — אַניט שטאַרבט ער פאַר הונגער. א י י ן פּאָעט, וואָס ליגט אויפ'ן בויך און שאַפט זיך וועלטען!

עס איז אָבער אַ טעות געוועזען. עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז זיין נשמה איז נאָר אַ קאַמערא־אָבסקורא, און די גרויסע וועלט מיט איהרע גרויסע בלאָטעס, און מיט די חזרים אין די בלאָטעס פּאָטאָגראַפירען זיך אָפּ אין איהר! כל־זמן דער חזיר ווייסט זיין אָרט, איז נאָך צו דערליידען! קוים אָבער זעצט ער זיך אויבען אָן... ווערט דעם פּאָעטס וועלט אויך חזיר'יש ווי אונזערע...

מקנא צו זיין בלייבט נאָר אונזערע יונגעלייט: דעם שוחט'ס זוהן מיט'ן שוחט'ס איידעם. אין דער וועלט פון „מום בקדשים" שלאָגט זיך אונזער וועלט מיט די חזרים איהרע ניט אָפּ, צווישען ז י י ע ר וועלט און א ו נ ז ע ר וועלט איז גאָר קיין שייכות, קיין בריק, קיין צוזאַמענהאַנג נישטאָ.

און דעריבער, אַז איך בין געקומען פון א ו נ ז ע ר וועלט אויף י ע נ ע וועלט, ווערען די גמרות פאַרמאַכט, און אויף די יונגע פנימ'ער האָט זיך באַוויזען שרעק און וואונדער; זיי וואָל־טען דערזעהן עמיצען פון אַן אַנדערער וועלט.

דער שוחט איז ניט אין דערהיים. ער איז געגאַנגען אין

דאָרף אַריין — דעריבער בלעקט נאָך דאָס קאַלב אין הויז. די שוחט'קע האָט איהר שניט־קרעמעל.

די שנור און אַ טאָכטער שטעהען ביים קוימען דרייפּאַכיג רויט. ערשטענס פאַר נחת פון די מענער מיט זייער תורה; צווייטענס פון דעם קנאַקעדיגען פייער; און דריטענס — פאַר בושה פאַר אַ פרעמדען מאַנספּערשוין, און אַ דייטש דערצו. איינע האָט געכאַפּט אַ שפּיץ פאַרטוך אין מויל אַריין, די צווייטע האָט זיך אָפּגערוקט, גלייך זי וואָלט אויסגעגאַנגען קדושה; ביידע קוקען אויף מיר פאַרוואונדערט פון אונטער קורצע שטערען אונטער האָרבענדלעך פון געפלאָכטענע פּעדים.

די יונגע לייט זענען דאָך באַלד צו זיך געקומען. זיי האָבען שוין געהערט פון'ם „פאַרשרייבער", געשטויסען זיך, אַז איך בין עס!

דאָס פאַרשרייבען געהט צו געשווינד.

דער שוחט נעמט פיער רובל אַ וואָך, אחוץ וואָס ער פאַרדינט אין דאָרף; ווען נישט „שחיטת־חוץ", וואָלט ער גאָר געלויכטען. דאָס געוועלבעל מאַכט ווייניג, דאָך — אַ באַרער שטענדיגער גראָשען. פּרנסה, ב"ה, איז דאָ! די קינדער זענען פאַרזאָרגט: ביז הונדערט יאָהר עסען זיי קעסט; פליייש ביים שוחט פעהלט נישט! א י ב ע ר הונדערט און צוואַנציג יאָהר וועלען זיי נעמען ירושה: איינער—די חזקה אויף שחיטה, דער צווייטער—דאָס געוועלבעל. דאָס הייזעל וועט בלייבען בשותפות!

זיי זעהען בעסער אויס, ווי אַלע אין שטעדטעל. בעסער פאַר סוחרים, בעלי־בתים, בעלי־מלאכות... אפילו פאַר די שענקער מיט'ן פעלדשער צוזאַמען.

עס וועט נאָך קומען אַ צייט — טראַכט איך אַרויסגעהענדיג— ווען מלמדות אפילו וועט זיין איינע פון די בעסטע פּרנסות...

עס איז דאָך נישט אַזוי שלעכט ווי מען מיינט. אחוץ רבנות, שחיטה, שמשות און מלמדות, איז דאָ נ אָ ך אַ גוטע פּרנסה.

ביים שוחט אין הויז וואוינט אַ „קאַמאַרניצאַ"; זי צאָהלט פופצעהן רובל אַ יאָהר. די טיר איז צוגעשלאָסען, דורכ'ן פענסטער, וואָס געהט אין גאַס אַריין, זעה איך דאָך אַ גאַנץ שעהן שטיבעל. צוויי הויכפאַרבעטע בעטען מיט ווייסע קישען, הילצערנע רויטגעפאַרבטע כלי־בית, אויף דער וואַנט, נעבען קוימען, הענגען

קופערנע כלים, עס בלאנקט א מעשענער הענגעל־לייכטער. דאס שטיבעל איז פול מיט רחבות און בעל־בתישקייט.

— זי האט זילבער אויך, — זאגט מען מיר, — איך זעה א גרויסען קאסטען מיט מעש־בלעך באשלאגען; דארט מוזען זיין בענש־לייכטער, אפשר צירונג אויך.

— וואס קלערט איהר, — זאגט מען, — זי האט א מטמון מיט געלט; דאס גאנצע שטעדטעל ליגט ביי איהר אין קעשענע! זי איז אן אלמנה מיט דריי יתומים. א גאנצע וואך איז די דירה געשלאסען, וויל זי קומט אהיים משבת לשבת, אויסער שבת חזון. א גאנצע וואך איז זי אין די סביבות און בעטעלט מיט אלע דריי קינדער.

טו.

די סקולער רבי'צין.

„אסתר המלכה איז געוועזען גריז, נאר א פאדעם לייטזעליגקייט איז איהר געוועזען אויסגעגאסען אויפ'ן פנים." אסתר די סקולער רבי'צין איז אויך גרין; אבער נישט איין פאדעם חסד, נאר א גאנץ בונט לייטזעליגע שטראלען ליגט אויף איהר פנים. אן אלטע אידענע, א דארע; דאס קעפעל איבערגעצויגען מיט אן איינגעשרומפענעם דין־רויזיגען הייטעל, הוידעט זיך, ווי א הדר אן אתרוג, איבער'ן רויטען ברוסט־טיכעל. נאר דער אתרוג האט צוויי ערנסט־גוטע אויגען!

זי איז א היגע געבוירענע, וואוינט איינע אליין. אלע קינדער האט זי אויסגעגעבען אין פארשידענע שטעדט אריין; נאר זיין ביי זיי, וויל זי נישט מכמה טעמים! פאר שנירען און איידעמס קאן מען נישט ערוב זיין; און א מאן האלט פאר'ן ווייב, א ווייב — פאר'ן מאן. (נישט אומזיסט זאגט די הייליגע תורה: „על כן יעזוב": עס ווערט טאקע איין פלייש). — וויל זי זיי נישט מעביר זיין אויף „כבוד אם; דאס איז אן אמת'ער: „לפני עור לא תתן מכשול".

— „גאט, ב"ה, — זאגט זי, — האט אומישנע באשאפען אזוי דעם מענש, אז ער זאל נישט זעהן דעם נאהנטסטענס פעהלער, א

נישט וואלט געוועזן אזוי פיעל גט'ן ווי כתובות!"

צווייטענס — האט דער סקולער רב נישט איינמאל געזאגט, אז אן אלמנה, וואס קומט אן צו איהרע קינדער, איז א טאפעלע עגונה, און — „דעם סקולער רב'ס ווערטער דארף מען איינפאסען אין גאלד און טראגען אויפ'ן האלז פאר אן אויבעל!".

— אמת, — זאגט זי מיט א שטילען זיפץ, — היינט טראגט מען שוין נישט קיין אויבעל, פאלשע פערעל זענען שענער!

אין סקול האט זי נישט געקאנט בלייבען. זייט דער סקולער רב, איהר מאן, עליו השלום, איז געשטארבען, איז איהר די שטאדט נמאס ומאוס געווארען.

— טאקע, — זאגט זי, — פנה הודה, פנה זיוה, פנה הדרה.

זי פאהרט אהין איין מאל אין יאהר, אויף דער יאהרצייט. נאר זי קאן זיך דארט נישט לאנג אויפהאלטען — „א פוסטקע געווארען!"

פיערציג יאהר האט זי געוואוינט מיט'ן סקולער רב. די, וואס האבען איהם געקענט, זאגען, אז זי איז געווארען ע ר אויס'ן אויג.

— ע ר איז געוועזען, — ער זאל מיר עס מוחל זיין! — א מתנגד; האלט ז י נישט פון גוטע אידען. זיין „עבודה" איז געוועזען תורה, פשוט — „נגלה", זיצט זי שטענדיג ביים „צאינה־וראינה", אדער לערענט דעם שלחן ערוך אויף עברי־טייטש! אלע צוויי ווערטער פאררופט זי זיך אויפ'ן סקולער רב, און — זיין קול, זיינע תנועות, זיינע מנהגים.

נאך דעם סקולער רב'ס קדוש און הבדלה, וויל זי קיין אנדערענס ברכות נישט הערען; מאכט זי זיך אליין קדוש והבדלה, איבער חלות אדער ראזשינקע־וויין. און א י ה ר קדוש איז ז י י ן קדוש אויס'ן אויג; דער אייגענער שטילער, בעלי־בתישער נגון, מיט דער אייגענער מתיקות.

זי עסט „גלאט כשר", און איז א גרויסע מלומדת.

זי קאן אודאי שאלות פסק'ענען אויך! זי איז אודאי געשטאנען פיערציג יאהר דורכאנאנד ביים קוימען, איבערגעדרעהט מיט'ן גוטען פנים צום טיש, וואו דער מאן איז געזעסען און געלערענט; מיט די טויבען־אויגען האט זי איינגעזאפט יעדע תנועה זיינע מיט; די האלב־באהאלטענע אויערען אונטער'ן שטערען־טיכעל — זיין

יעדעם ווארט... זי איז געוועזען אַ אמת'ער „עזר כנגדו"; זיין יעדער געדאַנק האָט זיך דעריבער אָפּגעשלאָגען אין איהר מח, און זיין גוטסקייט — אין איהר האַרץ.

אַ טייך ליגט שוין הונדערטער יאָהר אין אַ אנדער געלעגער, און אלע באַוועגונגען פון זיינע פּאַליעס זענען נאָך אויסגעקריצט אויפ'ן פעלזען פון איבער דעם ערשטען געלעגער. דעם סקולער רב'ס לעבען האָט געקאַנט רוהיגער זיין פון אַ טייך, נאָר די רבי'־צין איז פאַר איהם קיין פעלזען נישט געווען. גיכער אַ שוואם, וואָס האָט אין זיך אַלץ אַריינגעצויגען.

פון דער היינטיגער וועלט איז זי נישט צופרידען. „נישט פרום, — זאָל זיך דער רבונו של עולם זאָרגען.. אַז זיינע אידעלעך פיהרען זיך אַזוי, מן הסתם וויל ער אַזוי... נאָר — אַהן אַ ת כ ל י ת : די טייערסטע שטאָפען זענען שפּינוועבס, אויך נעהט מען נישט ווי אַמאָל, פריהער צושניידט מען אויף קלינעם!"

— פון קיין פ ר ו כ ת וועל איך שוין נישט רעדען, נאָר מען קאָן אפילו קיין קינד קיין בגד דערפון נישט מאַכען. די פאַר־צייטישע אויבלען ווערען אַלע מאָל טייערער, אַ שטערנטיכעל האָט אַן אייביגען ווערט, אפילו פון אַ ברוסט־טוך קאָן מען אויס־טעפּען די פעדים אויף זילבער און גאָלד, נאָר פון פאַלשע פּערעל און דזשיעטען קאָן מען שוין גאָרנישט מאַכען.

— און, גלויבט מיר, אַז ס'איז אַסך מאָוס'ער, על כל פנים— אין מיינע אויגען!

קיין שנאה טראָגט זי דאָך קיינעם נישט נאָך.

— מיין מאַן, דער סקולער רב, זכרונו לברכה, איז אַ מתנגד געוועזען, און קיינמאָל נישט גע'רודפ'ט קיין חסידים, — חס ושלום!

זי געדענקט, אַז די בעלי־בתים זענען אַמאָל געקומען שרייען, אַז מען איז עובר זמן קריאת־שמע — האָט זי געהערט פון זיין אייגען „פה־קדוש" אַזאַ תשובה: עס זענען פאַראַנען, — האָט ער זיי געזאָגט, — פאַרשידענע חילות, האָבען זיי פאַרשידען כלי־זיין, אַנ־דערע מנהגים, נאָר אַלע דינען א י י ן מ ל כ ו ת. אפילו שטי־וועל, — האָט ער צוגעגעבען מיט זיין שמייכעלע — מאַכט מען אויך נישט אויף איין קאַפּיטע.

זי געדענקט אלע זיינע ווערטלעך, און פיהרט זיך לויט זיינע דעות.

ער פלעגט זיך שטארק בייזערען, אויב א בעל־מלאכה האט זיך פאר איהם אויפגעשטעלט; ער האט שטארק געהאלטען פון א נהנה מיגיע כפו! און דעריבער, אז זי איז אהער געקומען מיט איהרע עטליכע הונדערט גילדען, האט זי זיך באלד פארלעגט א פאבריקעל פון פאטאש.

— א אידענע — זאגט זי — איז נישט פטור פון דעם; עס איז נישט קיין „מצוות עשה שהזמן גרמא“. דערנאך האט מען איהר די פאר זהובים ב א ה א ל ט ע ן, און זי איז געבליבען ביים פאטאש א ל י י ן.

— עס וואלט — זאגט זי מיר — קיין שלעכטער מסחר נישט געווען. איך לייז, ברוך השם... פאר ימים־טובים אפילו צוויי—דריי רובל א וואך! ווארים — געלויבט איז זיין ליעבער נאמען — מיין פאטאש האט א שם אין די סביבות. נאר — היינטיגע צייטען. אלץ ג ע ה ט אויף בארג... ווערט מיר אמאל פארפאלען.

איך קוק מיך אום אין אלע זייטען; איך זעה נישט קיין כלים, קיין זאכען צו דער מלאכה.

— דערצו — גיט זי מיר צו פארשטעהען — דארף מען גאר נישט: מען נעמט אביסעל זאלע (אש פון קוימען), קארטאפעל, און אנדערע געוויקסען, מען צוארבייט אין וואסער, לאזט אויספא־רען, און מען שטעלט אויספרייען צום קוימען. פון דעם קומט ארויס אומריינער פאטאש; און — אז מען טהוט נאך אמאל דאס אייגענע, ווערט שוין דערפון „ליטער“, דאס הייסט, ריינער פא־טאש!“

ביי מיין אוועקגעהן, פרעגט זי מיך אביסעל פארשעמט און באזארגט:

— זאגט נאר, איך בעט איבער אייער כבוד, און אז אייערע כתבים וועלען קומען אין די גרויסע הענט אריין, וועט מען מיך גישט הייסען נעמען א פאטענט?

טז.

אסעקורירט.

א רוהיג־שטילע זומער־נאכט. אין עק הימעל שווארצט זיך דאס באריהמטע וועלדעל; אויף זיינע בוימער האבען עס אונזערע עלטערען אויסגעשניטען די מסכתות, אויף וועלכע זיי האבען גע־מאכט א סיום אין וועג. דא נישט ווייט האבען זיי זיך אפגעשטעלט. דער „ראש הגולה" האט געזאגט: פה־לין! און פון דאמאלט אז הייסט דאס לאנד פוילין; די אמות־העולם קאנען אבער נישט אויס־לעגען!

אייך האט דאס וועלדעל א קורצען וועג קיין ירושלים. און— עס איז געוועזען אמאל א ציג, ביי איינעם פון די ל"ו צדיקים, און די ציג האט געקענט דעם וועג; זי פלעגט אלע פארטאג לויפען זיך פאשען צום הר־הבית, און צוריקקומען מיט 3 טעפ מילך פאר'ן צדיק'ס ווענען.

רעכטס פונ'ם וואלד, ביי א טייכעל, ליגט דאס שטעדטעל. עס איז געטיילט אויף צוויי חלקים. איין חלק איז א לאנגע שנור— א גראדע, ברוקירטע גאס מיט געמויערטע הייזער, אונטער בלע־בענע דעכער, — סאמע גשמיות, צוגעקאוועט צו דער ערד מיט פונדאמענטען. די איינוואוינער פון דער גאס זענען זיכער, אז זיי װעלען דא לעבען און שטארבען; אז, ווען עס זאלען קומען אלע ווינטען פון דער וועלט, וועלען זיי זיי נישט ריהרען פונ'ם ארט.

דערנאך געהט ערשט דאס צווייטע טייל. גאר אן אנדער־ע וועלט; סאמע רוחניות: לייכטע היהנערנע הייזער, דורכ־אויס סאסנע און שטרוי, זעלטען א שינדעל־דאך. עס בלאזט א קליין ווינטעל — ואיננו... צי האפען די איינוואוינער צו געפינען דעם קורצען וועג, און זוכען, ווי די אימשטערבליכע ציג, דעם הר־הבית, אדער זיי שפעקולירען אויף פייער־קאסע?

און ווי עהנליך די הייזלעך זענען צו די איינוואוינער! אויך שמאל־ברוסטיגע, פארטונקעלטע פענסטער־אויגען, איינגעהויקער־טע אונטער א פארדרוקטען שטרויענעם ספאדעק.

— פון די סכית קרעהען ארוים העהנער, קוואקען היהנער און געגז גענגען. פון זומפ, וואס לעקט מיט שבעים לשונות די שווע־לען, קוואקען בעל־בתיש די פרעש. נישט זעלטען מישט זיך אריין

א אידיש קעלבעל מיט א בלעק, און א גוי׳שער הונט ענטפערט איהם פון דער לאנגער גאס.

באלד איז דערפריה וועל איך אנהויבען פארשרייבען.

איך ווייס פריהער, וואס עס וועט זיין: אויב נישט 36 רובל א יאהר, וועט ארויס 33 און 32... איך וועל געפינען אסך מלאכות און ווייניג ברכות; פאבריקען פון פאטאש, אסך לעדיגע שטובען... דער שמש וועט מיר אויסרעכענען: ע ר איז א לויפער, ז י — א פשעקופקע; צוויי מיידלעך דינען, אין לובלין, אין זאמאשץ... איין בחור איז א בעלפער, דער אנדערער דינט, און די שנור מיט 3—4—5 קינדער איז אהיים געפאהרען צו איהר פאטער־און־מו־טער...

איך וועל טרעפען פארלאזטע קינדער, וואס באדען זיך צוזא־מען מיט גענז און ענטען אין עק זומפּ; פיצלער־דרויב, וואס רייסט זיך די העלזלעך — אין וויג, קראנקע אהן הילף אין די בעטען, קעסט־קינדער ביי גמרות, יונגע ווייבלעך אין פעלענע שייטלעך מ י ט בושה און א ה ן בושה... קוים מאך איך צו די אויגען, שווימען פאר מיר דורך סאמע מאטע, גרינע, בלאסע, פארקרימטע צורות... זעלטען איינע שמייכעלט. זעלטען איינע מיט א חן־גרי־בעל... אלע מענער אזוי ווייניג מעניש, אזוי גולם׳עוואטע... ווייב־לעך מיט פארטריפטע אויגען, טראגענדיג — א מולטער אויבס, א זאק ציבעלעס, אדער א פרישען „אתה בחרתנו" מיט א זאק ציבע־לעס צוזאמען. — איך ווייס פאראויס, אז איך וועל טרעפען א טרפה׳נע שענק, צוויי־דריי פערדס־גנבים, און מעהר ווי צוויי־דריי פאסירער...

נאר וואס וועט זיין פון דער סטאטיסטיק? צי קאן זי ענט־פערען אויף דער פראגע: אויף וויפיעל לעדיגע מאגען, לעדיגע ציין; אויף וויפיעל מענשען, וואס א שטיקעל דאר ברויט ציהט זיי די אויגען ווי מיט צוואנגען אויס די לעבער ארויס; אויף וויפיעל מענשען, וואס זענען באמת געשטארבען פאר הונגער — עס פאלט אויס א טרפה׳נע שענק, א גנב און א פערדס־גנב?

די געלעהרטע מעדיצין האט ערפונדען א מאשין, וואס פאר־שרייבט דעם דפק, דאס הארצקלאפען; די נארישע סטאטיסטיק שפילט זיך מיט ציפערען.

צי ווייסט זי, וויפיעל מאל און — יעדעס מאל — ווי טיף אין

ווי שטארק דאס הארץ האט געקלעמט ביי א הישפאנישען מיוחס'ס אייניקעל, דעם תבואת שור'ס א זוהן, אדער אזוי א בעל־הבית, איידער ער האט דאס ערשטע מאל אפגעטהון. וואס נישט רעכט איז? און ווי לאנג עס האט דערנאכטען געבלוטיגט? צי צעהלט זי כאטש די פריהער און שפעטער נישט געשלאפענע נעכט? צי רעכענט זי, וויפיעל טעג הונגער, וויפיעל מאל די קינדער האבען זיך געווארפען אין קראמף, וויפיעל מאל די הענט און פיס האט געווארפען דאס פיבער ביים ערשטען אנגיסען א גלעזעל בראנפען אהן א פאטענט?

אין דער לעדיגער לופט שווימען פאר מיר ארויס געלע, בלאסע און בלויע פנים'ער, און ברוינבלויע פארברענטע, ליפען—ליספעלען:

— פיער און צוואנציג טעג איז אויף מיין קוימען קיין פייער נישט געוועזען.

— צעהן טעג דורכאנאנד האבען מיר געגעסען שאלען פון קארטאפעל.

— דריי זענען געשטארבען אהן א דאקטאר, אהן א רעצעפט; דאס פיערטע האב איך שוין געמוזט ראטעווען.

די הייזעריגע ווערטער שניידען מיר דאס הארץ, ווי א שטומ־פיג מעסער; איך אנטלויף פון פענסטער, ביי וועלכען איך בין געשטאנען; אבער די שטוב איז פול מיט געשפענסטער.

ביים אויווען שטעהט א רויטער איד, אן אנגעפרעסענער.—

— כי, כי! — לאכט ער, — גנב'ענע, קויפען א גנבה? איך א געשעפט! לכל הפחות א חודש זיצען! — און א חודש וואלט איך היזק געהאט א מטמון... אויף מיר וועלען אלע פריצים עדות זאגען... עהרליך! עהרליך!

דאס קול איז נאך ערגער; עס זעגט... איך ווארף מיך אויפ'ן בעט, איך פארמאך די אויגען, און עס באווייזט זיך מיר די אלטע גוטע סקולער רבי'צין.

— אבער, מאכט זי מיט איהר קינדיש זילבערען קול, — אבער, אז אויב נאך אלעס, וועט זיך אויסווייזען נישקשה'דיג, — וועסט דו, קינד מיינס, זאגען פרק: ועמך כלם צדיקים?...

עס דאכט זיך מיר, אז איהרע בלויע, גוטע, טויבענע אויגען גלעטען מיין הייסען שטערן מיט פאר'כשופ'ט־ליכטיג־זיסע, לייט־זעליגע שטראלען.

אונטער די אויגען ביז איך איינגעשלאָפען, אוןביידע מלאכים, דער יצר־טוב מיט'ן יצר־הרע, האָבען זיך מיר גע'חלומ'ט. איך האָב זיי געזעהן, ווי זיי פליהען אראָפּ פאַרטאָג פון הימעל, איינגע־הילט אין א רויזיגען לייכטען נעבעל.

דער יצר־הרע האָט געטראָגען אין איין האַנט — א בלוי פּאַ־פּיר מיט א גרויס שוואַרץ אויג אין דער הויך פון דער לינקער זייט, — אַן אַקט, אַודאי אויף א הויז, אפשר א גוט... אחוץ טייערע קליידער, שטריימלעך, קאַפּטאַנעס מיט סטראַקעס, זיידענע גאַרט־לען, ווי אויך צילינדער און פרעק, ווי פּאָר איינעם. אויך: שטערענ־טיכלעך, אויבלען, ברוסט־טיכער פון גינגאַלד, העלזער־פּערעל, ווי אויך — זיידענע און אַטלאַסענע שלעפּען פון אלערליי קאָלירען.— דאָס אַלץ אין איין האַנט, און אין דער צווייטער: שאַלען פון קאַרטאָפעל...

דער יצר־טוב — נאַקעט און בלויז, אַהן קליידער און אַהן כלים, אַזוי ווי גאָט האָט איהם באַשאַפען...

ביידע פליהען. עס דאַכט זיך מיר, דער יצר־טוב וויל מיר עפּעס זאָגען, ער עפענט דאָס מיילעכעל... אבער נישט זיין קול וועקט מיך אויף, נאָר א ווילד געשריי: עס ברענט! איך שפּרינג אויף, א שרפה פונקט קעגענאיבער!

א פייערדיגע צונג שטרעקט זיך אויס צו מיר, און זי, דאַכט זיך, זאָגט:

— שרעק נישט... אסעקורירט!

יז.

דער נשרף.

די פייערדיגע צונג האָט מיר אַרויסגעשטרעקט ר' חיים ווייַ־צענזאַנג'ס הויז. וואָס אַמאָל ווערט די צונג גרעסער, דאָס הויז קלענער, ביז עס איז אינגאַנצען איינגעפאַלען אין א ים פון יללות און געשריי פאַר שרעק. צום גליק איז קיין ווינט בשעת שרפה נישט געוועזען.

אַז פון הינטער'ן באַד איז אַרויס די זון, א רויט־חנ'עוודיג,

ווי א יונגע צדקת נאך טבילה, האט זי שוין מעהר נישט געזעהן, ווי שווארצע, לאנגע מענער־קעפ מיט שטעקעלעך צווישען די גלאוור־ניעס. זיי זוכען „שירים“ פון ווייצענזאנג׳ס עשירות, צווישען די „שיריים“ פון ווייצענזאנג׳ס הויז.

ארום הייזעל שטעהען שוין רעדלעך געלע ווייבער, זיי האל־טען זיך צו מיט די „אפגעגאסענע נעגעל“ די ברודיגע שאלען אי־בער די אומגעוואשענע קעפ. און מיט בלאסע ליפען, באקרעכצען זיי און באוויינען דאס הויז.

מיט׳ן מארגען איז אנגעקומען א פריש ווינטעל. פריהער וואלט עס זיך די הענט צופיהרט, אצינד שאקעלט עס קוים מיט׳ן איבערגעבליבענעם אלטען קוימען, ווי מיט א לולב איבער די ווייבער. דער קוימען שאקעלט זיך און קרעכצט טרויעריג, ווי אן אלמן — אן אבל. און אפשר הערט ער, ווי דער גאסט־הייזער פארצעהלט מיר דעם „חורבן־הבית“, און שאקעלט צו מיט׳ן קאפ: אמת, אמת!

— — — — — — — — — — —

געשווינדער וועסט דו אמאל אויפקלייבען יעדען פאדים, יע־דען שטויב פון לעבען, פון וועלכע דער שר של שינה האט דיר איינגעוועבט א פאנטאסטישען חלום. איידער דו וועסט נישט אויסזיכען אלע מעשים, וואס א איד מוז טון, איידער זיין אויער דערהערט דעם זיסען קלאנג פון קופערנעם גראשען.

איך זאל וועלען אלץ פארשרייבען, וואלט א שטעדטעל גע־דארפט האבען א בלאנקעט, ווי די „יריעה מיט די זילבערנע פלי־טערלעך“, וואס דער רבונו של עולם האט אויסגעשפרייט צווישען „רגלי השכינה“ און אונזערע קעפ, כדי די אויגען פון א בשר ודם זאלען נישט זעהן, וואס פאר א מינע ער, כביכול, מאכט, ווען אזא מטיפל שטעלט זיך אנידער, הויבט אויף דעם קאפ מיט׳ן אויסגע־ברענטען מח, פארלאשענע אויגען און ציטעריגען גארגעל, און, צו־האלטענדיג דעם לעדיגען, איינגעצויגענעם מאגען מיט אויסגע־קנאקטע, דארביינינגע הענט — און ער בעט אהן א קול, אהן א לשון — די צונג וויל זיך נישט איבערדרעהען — נאר דאס ב ל ו ט זיינעס רופט: „רבונו של עולם“, א י ך ה א ב מ י י נ ס גע־טאן, אצינד מוזט ד ו שוין העלפען! — „רבונו של עולם!“

פ ר נ ס נ י כעורב... וואס בין איך ערגער פונ׳ם פויגעל?... רבונו של עולם, וואו זענען מיינע קרישקעלעך? ווען וועט זיין מיין „ש ב ת ־ ש י ר ה ?״.

און לויט׳ן לייב, וואס ער האט אויף זיך, איז ער גאנץ עהנליך צו א פויגעל; עס פעהלט איהם נאר פ ל י ג ע ל, און דעריבער אויך — א נעכט מיט קרישקעלעך.

פאר דאס זענען אמאל די אידישע פרנסות אזוי ספעציאליזירט, אז זייער גלייכען וועט זיין אין 21טען יאהרהונדערט, ווען א י י ן ספעציאליסט וועט אויפהויבען די אויבערשטע ברעם, דער צ ו ו י י ט ע ר — אראפדריקען די אונטערשטע, און א דריטער וועט באטראכטען דאס קראנקע אויג.

ווען א קאלבס־בראטען, א שמאטע אין א פאבריק פון פאפיר, אדער אן עקספארטירט איי — זאלען האבען א מויל צום רעדען און דעם רבין ר׳ העשיל׳ס זכרון, וואלטען זיי דאך נישט אימשטאנד געווען אויסצורעכענען, וויפיעל אידישע הענט עס האבען זיי ארויסגעצייגען און אריינגעפיהרט, — פון פויערס אבארע אין בראט־פאן, פון מיסט־קאסטען אין האלענדער אריין, מעבדות לחירות...

און א אידישע פרנסה איז אויך אזא לייטער, ווי יעקב אבינו האט געזעהן אין חלום, בשעת ווען פון אלע שטיינער איז פאר זיין קאפ א י י ן שטיין געווארען. א לייטער, וואס שטעהט אויף דער ערד און גרייכט ביז׳ן הימעל אריין.

ווי טיף זי איז איינגעגראבען אין דער ערד, ווייסט נאר דער ווארים, וואס ליגט א ו נ ט ע ר איהרע פיס: ווי הויך זי שטעהט — נאר ד ע ר שטערן וואס לייכט א י ב ע ר איהר.

אונזער איינעם שווינדעלט, ארויפקוקענדיג, פאר די אויגען, אראפקיקענדיג אלץ טיפער און טיפער — דרעהען זיך איבער די גערערים, און דאס פנים ווערט אויף אייביג גרין.

אויף דער לייטער געהען מלאכים ארויף און אראפ... מענשען, ליידער, ק ל ע ט ע ר ע ן מיט די לעצטע כוחות ארויף און פ א ל ע ן אהן כח אראפ. א איד, ווען אפילו ער ברעכט נישט האלז און נאקען, ווען ער בענשט שוין גומל, האט ער שוין אויך נישט קיין כח נאך אמאל צו קלעטערען...

אויף אזא לייטער איז געקראכען אונזער נשרף.

פריהער איז ער „געלאָפען" אויפ'ן דאָרף, אונטער די באָר־וועסע פיס האָט איהם די ערד געברענט. ד ע ם קין קלינגט נישט דעם ברודערס בלוט אין די אויערען, נאָר ווייב און קינדס געשריי: עסען!

גאָט האָט געהאָלפען; אַ פּאָר יאָהר דורכאַנאַנד האָט ער סאַמע מציאות געקויפט; נאָך אַ משך פון אַ פּאָר יאָהר — אַוואַנסירט פון אַ „לויפער" אויף אַ „געהער": אין דערהיים איז שוין דאָ פאָרראַט אויף אַ גאַנצע וואָך, דער מח איז רוהיגער, און האָט שוין צייט צו פיהלען, אַז די פיס ווערען געשוואָלען, אַז אַ טאַטע פון זעקס קינדער דאַרף געהן, נישט לויפען, אויב ער וויל, די פיס זאָלען איהם דערטראָגען על כל פּנים ביז צו איינעמס בר־מצוה...

און גאָט ב"ה האָט ווייטער געהאָלפען; ער איז שוין, ברוך השם, אַ דאָרף־סוחר! דאָס הייסט: ער געהט שוין צו־פוס נאָר דאַמאָלט, ווען עס מאַכט זיך איהם נישט קיין געלעגענהייט: פון איין דאָרף אין צווייטען אַריין פאַר אַ קאָפּיקע. מאַכט זיך אָבער איהם אַ געלעגענהייט — פאָהרט ער!

גאָט, ברוך הוא, האָט ווייטער געהאָלפען; נאָך אַ פּאָר יאָהר, און ער האָט שוין זיין אייגענע פערד־און־בודקע!

און די צייט שטעהט נישט, ע ר רוהט נישט, גאָט, ברוך הוא, העלפט, — פון פערד ווערט אַ פּאָר פערד, פון דער בודקע — אַ בריטשקע. עס קומט נאָך צו אַ שמייסער! ער איז שוין תבואה־סוחר; פריהער האַנדעלט ער מיט פויערים, דערנאָך — מיט פּריצים!

און אַז גאָט העלפט, קריגט מען חן ביי לייט: פריהער ביים גומיעני, דערנאָך ביים עקאָנאָם, דערנאָך ביים זשאַנדצע, דערנאָך ביים לאָקיי פון הויף, און גאָר צום סוף ביים כראַביע פ. אליין. אַה! דאַמאָלט ווערט ער שוין אַ תושב, — אַן „איינגעזעסענער" אין שטעדטעל. פון שמייסער ווערט אַ היימישער משרת, פערד און וואָגען פאַרקויפט, און אין קעשענע ליגען דעם כראַביע פ.'ס קוויט־לעך...

וואָס איז אַצינד?

אין שטעדטעל זעהט ער שוין אויס ווי אַ זון, אַרום וועלכער עס דרעהען זיך די שטערען — קלענערע סוחרים, און כוכבי דשביט — מעקלערס.

ער באשיינט און באלייכט דאס גאנצע שטעדטעל מיט קרע־דיט. יעלענסקין זעהט ער אוים ווי א שפין, וואס זיצט אינמיטען וועבעכטס, און וואו דער כראביע פ. איז איינער פון די פליגען, וואס ווערען פארפלאנטערט.

נאך א צייט האט אונזער „זון־שפין" אדער „שפין־זון" פאר־גרעסערט דאס הייזעל, געשריבען מיט קינדער תנאים, צוגעזאגט נדן, געקויפט דער וויב פערעל, זיך — א שאפען פעלץ, באשטעלט פאר די אינגלעך בעסערע מלמדים, פאר די מיידלעך — א לעה־רער, אויסצולערנען כאטש א אידיש בריוועל שרייבען...

פלוצלונג (על כל פנים — פאר'ן שטעדטעל) האט דער כראַ־ביע פ. באנקראטירט און אונזער שפין־זון אדער זון־שפין האט אויף אמאל אלץ פארלוירען.

— — — — — — — — — — —

א חודש פריהער, ווען איך פאהר דורך, וואלט איך געוועז פארשריבען:

א הויז, — 1500 רובל, א פראפינאציע, א האנדעל פון וואלד און תבואה, א פראצענטניק.

ער האט ביים כראביע פ. 15000 רובל אויף 10 פראצענט, נישט אויף די היפאטיק, נאר אויף האנט־קוויטלעך...

היינט פארשרייב איך איין ווארט:

„נשרף!"

איך קאן דאך צוגעבען:

„א איך צוויי און אכציג יאהר, געשוואלענע פיס, א הויזגע־זינד פון זיבעצעהן פארשוין...

יח.

דער עמיגראנט.

איך עפען א טיר.

א שטוב אהן בעטען, אהן כלים, אנגעשיט מיט היי און שטרוי. אינמיטען שטוב שטעהט אן איבערגעדרעהט פעסעל. ארום פעסעל — פיער מארזאקעס־קינדער מיט צושויבערטע האר, ארום א גרויבע געלע ליימענע שיסעל מיט „פיצמיטהאנע", פון וועלכער זיי שעפען

מיט די רעכטע הענטלעך מיט בלעכענע פארגרינטע לעפעל. אין די לינקע הענטלעך האלטען זיי — צו שטיקלעך קלייען־ברויט.

אין איין ווינקעל אויף דער ערד זיצט א בלאס ווייבעל, און די טרערען קאפען איהר פון די אויגען אויף דער קארטאפלע, וואס זי נעמט זיך צום שיילען. אין צווייטען ווינקעל ליגט „ע ר". אויסגעצויגען אויף דער ערד.

— בחנם אייער טרחה, ר' קרוב, — מאכט ער צו מיר, און הויבט זיך נישט אויף, — בחנם אייער טרחה: איך בין שוין נישט קיין היגער.

אז ער זעהט, אז איך האב דאך קיין חשק נישט אוועקצוגעהן. הויבט ער זיך לאנגזאם אויף.

— נו, וואו וועל איך אייך זעצען? — פרעגט ער פארדריסליך.

איך בין איהם מבטיח, אז איך קאן שרייבען שטעהענדיג.

— איהר וועט פון מיר גארנישט האבען! איך ווארט נאר אויף א שיפס־קארטע... איהר זעהט דאך, איך האב שוין אלץ פון שטוב, אפילו די כלים צו דער מלאכה, פארקויפט.

— איהר זענט א בעל מלאכה? — פרעג איך.

— א שניידער.

— און וואס נויט אייך ארויסצופאהרען?

— דער הונגער.

און דער הונגער איז געלעגען אויף ז י י ן פנים. אויף א י ה ר פנים, און נאך מעהר אין די קינדערס ברענענדיגע אויגעלעך אי־בער דער פיצמיטהאנע.

— קיין ארבייט נישטא?

ער מאכט מיט די פלייצעס. עס הייסט: אז דעם האט מען שוין לאנג פארגעסען.

— וואיהין פאהרט איהר?

— קיין לאנדאן. איך בין שוין איין מאל אין לאנדאן געוועזען. שעהן געלט פארדיענט. מיין ווייב 10 רובל א וואך געשיקט, און אליין ווי א מענש געלעבט. — האט דער שווארץ־יאהר אהיים גע־שלעפט.

איך האב געקלערט, אז דער „שווארץ־יאהר" איז דאס ווייב.

— פארוואס האט איהר אייער פאמיליע נישט מיטגענומען?

— עס האט מיך אליין צוריקגעשלעפט! פינסטער, חושך איז

דארט. אזוי ווי איך האב צוגעמאכט אז אויג, האט זיך מיר גע־חלומ'ט דאס שטעדטעל, דער טייך ארום, דער וואלד... עס איז מיך דארט ענג געווען, עס האט געצויגען און געצויגען...

— דא איז טאקע — זאג איך — א הערליכע געגענד.

— לופט בחצי חנם!... און מיר שלינגען שוין, ברוך השם, לופט דריי יאהר! היינט פאהר איך שוין מיט ווייב און קינד! אז עק זאל עס האבען.

— און עס וועט אייך ווייטער א שאד זיין דער וואלד?

— דער וואלד — פארקרימט ער זיך מיט א ביטערען שמייכעל — מיין ווייב איז אייערנעכטען געגאנגען אין וואלד אריין קלייבען יאגדעס, האט מען זי אפגעצויגען און נאך מיט א פאר בייטשען מכבד געווען.

— א טייך האט איהר... — וויל איך איהם אוועקציהען פון די טרויעריגע געדאנקען. זיין בלאס פנים ווערט נאך בלאסער.—

— דער טייך! דעם זומער האט ער מיר א קינד צוגענומען. איך בין קוים ארוים פון שטוב.

יט.

דער משוגע'נער.

איך בין אהיים געקומען אויף דער סטאנציע דענערוווירט. איך בין לאנג געלעגען אויף דער הארטער סאפע, איידער איך האב גע־קאנט צומאכען אן אויג. עס וועקט מיך א שארך. דורכ'ן פענס־טער גנב'עט זיך עמיץ צו מיר אריין. איך זעה אויף דער פוטרינע צוויי דארע, ברודיגע הענט. עס הויבט זיך איבער זיי אויף א צו־שויבערטער קאפ מיט צוויי ברענענדיגע אויגען און א געל פנים.

— מ י ד ווילט איהר נישט פארשרייבען? — פרעגט דער קאפ שטיל.

איך האב נישט געוואוסט, וואס צו ענטפערען. ער רעכענט: שתיקה כהודאה, און שטעהט שוין אינמיטען שטיב.

דערשראקען און נאך מעהר פארוואונדערט, לאז איך פון איהם קיין אויג נישט אראפ.

— פארשרייבט! — מאכט ער אומגעדולדיג. — דערלאנגט אייך טינט און פעדער? — ער ווארט ווייטער נישט אויף א תשובה און רוקט מיר צו, צו דער סאפע, דאס קליינע טישעל מיט׳ן שרייב־געצייג.

— שרייבט, איך בעט אייך, שרייבט!

און דאס קול איז אזוי מילד און שטיל, עס שלייכט זיך אזוי לייכט אריין אין הארץ, אז איך הער מיך אויף צו שרעקען.

איך זעץ מיך אויף צום פארשרייבען. איך פרעג, און ער ענט־פערט.

— איהר הייסט?

— יונה.

— אויפ׳ן צונאמען?

— אינגעלווייז האט מען מיך גערופען יונה ציג, נאך דער חתונה — יונה דראנג; נאר זייט עס האט זיך מיר דאס מכשול געטראפען — דער משוגע׳נער יונה.

— אויפ׳ן דייטשישען נאמען?

— א... ד א ס מיינט איהר? באלד, באלד — פערעלמאן! איהר זעהט מיינע פערעל?!

ער ווייזט מיר די צוריסענע רויטע פאטשיילע ארום האלז, און זאגט:

— אמת׳ע פערעל, הא! נאר — איך ה י י ם אזוי! וואס זאל איך טון?

— א ווייב?

— זי זאלט איהר בעסער נ י ש ט פארשרייבען... זי וואיינט נישט מיט מיר... זייט דאס מכשול האט מיך געטראפען, וואוינט זי נישט מיט מיר... א וואויל ווייבעל! איך וואלט איהר זעהר גערן געגעבען גט, נאר דער רב לאזט נישט; ער זאגט איך טאר נישט, — א וואויל ווייבעל!

דערביי ווערען איהם די אויגען פייכט.

— זי האט אפילו דאס קינד צו זיך גענומען. עס איז איהם ביי איהר בעסער, וואס וואלט איך געטאן דערמיט? ארומטרא־גען? מעןווארפט אויף מיר שטיינער; מען וואלט מיר נאך דאס קינד געשעדיגט.

— איין קינד האט איהר?

— איינס.

— וואס פאר א „מכשול" האט אייך געטראפען?

— איהר זאלט אזוי וויסען פון אלדאס בייז, אויב איך וויים וואס. דער עולם זאגט — א דבוק. דער רופא זאגט, אז עס איז מיר א שטיין געפאלען אין קאפ אריין, האט זיך מיר די נשמה, אדער ווי ער זאגט, „דאס חיות" אראפגעלאזט אין בויך אריין, דער שווארץ-יאהר ווייסט מיך! איך געדענק נישט דעם שטיין. א בייל אויפ'ן קאפ האב איך אפילו.

ער נעמט אראפ דאס היטעל מיט דער יארמאלקע צוזאמען, בויגט איין דעם קאפ און ווייזט מיר א גאל בערגעל צווישען די האר.

— אפשר איז עס פון א שטיין, נאר משוגע בין איך, דאס איז אמת!

— וואס איז אייער שגעון?

— צוויי דריי מאל אין טאג האב איך די נשמה אין בויך, דאמאלט רעד איך פון בויך ארויס, און קרעה ווי א האהן... איך קאן מיך באין אופן נישט איינהאלטען, באין אופן נישט.

— פאר'ן מכשול וואס זענט איהר געוועזען?

— איך בין גארנישט געוועזען. עס האט מיך געטראפען באלד ביים ערשטען יאהר קעסט... דעריבער האב איך טאקע נאר א י י ן קינד, געזונט און שטארק זאל עס זיין.

— האט איהר עפעס געלט?

— איך האב געהאט עטליכע גילדען נדן. אסך אוועקגעגאנגען אויף רפואות, גוטע אידען... די רעשט האב איך א י ה ר אוועקגעגעבען.

— פון וואנען לעבט איהר?

— פון צרות... אינגלעד ווארפען מיר שטיינער, קאן איך מיך נישט אומדרעהען אין מארק, אזוי וואלט איך אפשר עפעס פארדינט נעבען א סוחר...

מען פלעגט אויף מיר אמאל רחמנות האבען, מקרב זיין. היינט — שלעכטע צייטען; מוז איך בעטלען, בעטעל איך פאר וואנעס ווען די קינדער זענען נאך אין חדר.

און איך האב ווייניג דערפון... דאס שטעדטעל איז קליין;

אחוץ מיר זענען נאך דא משוגעים... אט זאגט מען, ערשט נעכ־טען, האט די „לאקשיכע" געווארפען דער דינסט א פאן אין קאפ אריין. זי וועט זיכער משוגע ווערען, גאנץ זיכער; איך וויים נאך נישט, צי זי וועט קרעהען ווי איך, צי בלאזען אין דער פויסט אריין, ווי שלמה'טשע דעם רב'ס אדער, שוויינען ווי חנה די טי־קערען..

כ.

בלאנקעטען.

איך וויל דאס שטעדטעל נישט אנרופען ביים נאמען, נאר נאך איינם אזוינם וועו איך טרעף אויפ'ן וועג, וואלט איך אויך אנ־געהויבען קרעהען. —

נאט אייך בלאנקעטען!

„געוועזען אן אויסגעצייכענטער שוסטער, מפרנס געוועזען ווייב און קינדער (זעלטען—וועניגער אלס פיער־פינף) בכבוד. גע־וואונען אויף דער לאטעריע, אייף א „בראנשווייגער"—א מטמון מיט געלד... אנגעהויבען טרינקען. אלץ פארטרונקען, ווייב און קינדער אויף דער מדינה געלאזט, און אליין איז ער נעלם געווא־רען. שטארבט אודאי ערגעץ אונטער א צאם."

נאר דאס איז וועניג אידישליך. נאט אייך „מים שלנו", זיין שותף צום בראנשווייגער:

„געוועזען א מלמד. געוואונען אויף דער לאטעריע, געדונגען בשותפות מיט'ן רבי'ן א מיהל. די מיהל איז געגאנגען קאפויר! באנקראטירט... היינט איז ער שמש אין א חסידים־שטיבעל. קיין פענסיע נעמט ער נישט, נאר ער פארקויפט אין שטיבעל דעם ביטערען טראפען. דאס ווייב איז אן איינקויפעריז, צוטראגט אין די הייזער אייער, פוטער. זי פארדינט וועניג, וויל זי איז לאם. איין זוהן איז אוועק, דער צווייטער ארבייט ערגעץ ביי א סטאליער; איינער איז אין דערהיים, — קראנק אויף שקראפול."

„אלמנה ביילע באשע (דעם צונאמען קאן מען נישט געווא־ווערען) וואוינט צוזאמען מיט א שנור א זעלנעריקע. (דער מאן איז נעלם געווארען אין טערקישען קריג.) די שנור פליקט פעדערען.

זי איז אַ טוקעריז און אַ וועכטעריז ביי קינפּעטאַרינס אָדער אַזוי ביי קראַנקע. זומער, כל־זמן דער פּריץ האָט געלאָזט, פּלעגט זי קלייבען יאַגדעס אין וואַלד. אַ קראַנקע אידענע, בעטעלט אַביסעל צו...״

„זיינוויל גראַף — ערשט נישט לאַנג געוואָרען אַ שינדער. פאַראיאָהרען איז ער נאָך געווען אַ גרויסער פישער, האָט ער אָפּגעדונגען דעם טייך, וואָס דער פּריץ האָט געוואָלט פאַרדינגען אַ קריסט; אָסך אָפּטרעט־געלט געגעבען. אַ גאַנצען זומער האָט ער געכאַפּט נאָר טרפה׳נע פיש, און איז בדיל הדל געוואָרען.״

„שמערקע בענטשעם — אַ געוועזענער דאַנציגער סוחר... שוין אַ יאָהר צוואַנציג, אַז ער איז אַהיים געקומען מיט׳ן בייטש־שטעקעלע... האַנדעלט פון דאַמאָלט אָן מיט ראַזשינקע־וויין אויף קדוש. דאָס ווייב — אַ נעהטאַרין; שוין אַ פּאָר יאָהר ליידט זי אויף די אויגען. זיי האָבען אפילו קיין קינדער נ י ש ט, נאָר עס איז אַ גרויסע קאָנקורענץ אויף ראַזשינקע־וויין, לעבען זיי בדוחק.״

„מ ל ד פּערעל׳ס — אַ שעהנער יונגערמאַן, נישט לאַנג נאָך קעסט... געהאַנדעלט בשותפות מיט אַ תבואה־סוחר, אַנגעוואוירען דאָס געלט; דערוויל איז דער שווער געשטאָרבען אין אָרעמקייט. מען ווייסט נאָך נישט, צו וואָס ער וועט זיך נעמען. אינגאַנצען דריי קינדערלעך, נישט מעהר.״

מען האָט מיך נאָך געבעטען, איך זאָל פאַרשרייבען איינעם (מען האָט פאַרגעסען, ווי ער הייסט) אַ געלען איד, מיט ווייב און קינדער (מען געדענקט נישט וויפיעל, נאָר אָסך) ער ציהט זיך ה י י נ ט ־ מ אָ ר ג ע ן אין שטאָדט אריין. דער פּריץ האָט איהם אָפּגעזאָגט פון דער פּאַכט. מען ווייסט נאָך נישט, צו וואָס ער וועט זיך נעמען, נאָר — „פאַרשרייבען מעגט איהר איהם!״

כא.

דער למ״ד־ווינ׳יק.

— ביי אונז — די מעשה פאַרצעהלט מיר דער דרדקי־מלמד — איז טאַקע א י ז ד ע ר א מ ת געווען אַ למ״ד־ווינ׳יק.

— **ער האט אליין** געזאגט? — **פרעג איך.**

— א שעהנער למ"ד־ווי'ניק וואלט ער געוועזען, ער זאל אליין זאגען! ער האט געלייקענט שטיין און ביין. אז מען האט איהם געפרעגט דעריבער, איז ער געווארען מלא חמה, אנגעצונדען. נאר, א קשיא אויף א מעשה, געוואר געווארען איז מען, געוואוסט!—יא... די גאנצע שטאדט, קינד און קייט האט געוואוסט! א שאלה דאס איז! מען שמועסט — ברור כשמש! עס זענען געווען אין דער התחלה בלתי־מאמינים, האבען זיי טאקע געהאט א מאוס'ען סוף.

אט. למשל: יעקב־יוסף וויינשענקער, א איד אפילו אן עהרליכער, אן איש מכובד, האט עפעס, איך וויים נישט ווי אזוי, געדרעהט אויפ'ן מיט דער נאז, גערעדט? חס ושלום! נאר אזוי א דרעה געטאן מיט דער נאז, ווי איינער רעדט—מוחל! גארנישט! געוועזען אויף לאה דער מילכיגערין! עס איז געוועזען א בלאטע און זי האט איהם פון דער קלאדקע נישט אפגעטרעטען; וואס זאל איך אייך זאגען, פון דאמאלט אן איז איהר מילך געוואָרען גערונען בעי אלע בעלי־בתים אפשר א חודש דורכאנאנד! און דא העלפט נישט קיין בעמען! אז מען קומט צו איהם, מאכט ער זיך כאילא־ידע און — שעלט נאך!

— און גלאט — וויל איך מיין חריפות באווייזען — **תלמיד חכם**, שמחל על כבודו אין כבודו מחול!

— תלמיד־חכם?! **איז א למ"ד־ווי'ניק א תלמיד־חכם?** און רעכט עברי, מיינט איהר, האט ער יא געקאנט? נח מיט זיבען גרייזען! און גלאט—?! עברי איז גארנישט! ביי אונז האלט מען נישט פון קיין עברי. ער האט אפילו נישט געקאנט מעביר זיין די סדרה. און פונדעסטוועגען, זעהט איהר, האט זיין תהלים־זאגען געמאכט אזא רושם אין די עולמות העליונים! נאך יענער רב, זכרונו לברכה, האט געזאגט, אז וועלוועל (אזוי האט ער געהייסען, דער למ"ד־ווי'ניק) לעכערט אלע שבעה רקיעים! און נאר זיין תהלים מיינט איהר? איך וועל אייך פארצעהלען, וואס א מענש איז! ביי חנה דער טוקערין איז לא־עליכם'דיג געווארען די ציג, האט זי זי געטריבען צום זנאכער, וואס וואוינט אונטער דער שטאדט. די ציג וואקעלט זיך, אזוי חולה איז זי געוועזען.

אויפ'ן וועג — ס'איז טאקע געוועזען מן השמים — **טרעפט**

זיך די ציג מיט'ן למ"ד־ויו'ניק. און אזוי ווי זי וואקעלט זיך, האט זי זיך אנגעריהרט אין זיין בגד. וואס קלערט איהר? כאחד האדם! אין דער רגע געזונט געווארען. זי האט עס געהאלטען אפילו בסוד, האט זיך אבער געטראפען אזא מעשה: עס איז געווארען א פגירה אויף ציגען, טאקע ממש „אין בית..." האט זי איינגעזאגט די סגולה. האט מען ארויסגענארט וועלוועלען אין מארק אריין און ארויפגעיאגט אויף איהם אלע ציגען.

— און אלע זענען געזונט געווארען?

— א שאלה דאס איז, אפילו טאפעלט מילך געגעבען! די טוקעריין האט דערפאר באקומען א גראשען פון א ציג; נתעשר געווארען!

— און ער?

— ער? גארנישט! אז ער האט אלץ אפגעלייקענט, נאך גע־בייזערט זיך און געשאלטען... און אזוינער ט א ר גאר קיין געלט נישט נעמען, ער איז דאך קיין גוטער איד נישט... ער קאן דאך נישט נתגלה ווערען!

— פון וואס האט ער געלעבט?

— אמאל איז ער א שוסטער געוועזען (א למ"ד־ויו'ניק מוז דאך זיין א בעל־מלאכה; כאטש א וואסער־טרעגער, נאר א נהנה מיגיע כפו), אין זיינס א פאר שיך פלעגט ער, זאל לעבען, געהן צו סנדקאות... נאר אויף דער עלטער איז ער געווארען אוים שוסטער; ער האט שוין נישט געקאנט אפילו קיין דראטווע ציהען, ווער שמועסט א לאטקעלע לעגען... די הענט האבען איהם געציטערט... נאר אזוי: א שליחות'ל, א קענדעל וואסער, א לינה, א תהלים זא־גען... פון דער תוכחה... און ווינטער — דער עיקר פון הרובע היי־צען אין בית־המדרש!

— האלץ האט ער געטראגען?

— געטראגען?! און חברה וואו איז? מען האט געברענגט האלץ, אריינגעלעגט, ער האט קאמאנדירט און אונטערגעצונדען... מען זאגט „א דומם", אז אויוועו! און זעהט איהר, דער בית־המדרש־אויוועו האט איהם אזוי געקענט, ווי א ווייב, להבדיל, א מאן! אז

ער האָט אונטערגעהייצט, האָט זיך געברענט; עס האָט געמעגט זיין אַ ווינט סכנות נפשות! אומעטום האָט געריכט, אין דער בית־המדרש־אויוועו האָט געפּלאַקערט! און דער אויוועו איז גע־ווען אַ צושפּאָלטענער, אַ זקן מופלג! און לאָז אַן אַנדערער פּרואוון צוגעהן—באין אופן! אָדער עס ברענט נישט, אָדער דער רויך יאָגט פון אַלע שפּאַלטען! און אַניט, אַז נישט דאָס אין נישט יענעם, געהט אַרויס די וואָרעם דורכ׳ן קוימען, און ביינאַכט ווערט מען שיער נישט געפרוירען. דערנאָכטען, אַז ער איז נפטר געוואָרען, האָט מען טאַקע געמוזט אריינשטעלען אַן אַנדערע כלי; ווייל אויפ׳ן אַלטען אויוועו האָט קיינער קיין שליטה נישט געהאַט!...

אַ שאָד אַזאַ איד! כל זמן ער האָט געלעבט, איז געוועזען פּרנסה; הייגט, רחמנא לצלן, אויסצוגעהן פאַר אַ דרייער! און מען האָט קיין דאָקטוירים נישט געדאַרפט...

— אַלע זיין תהלים?

— איהר פרעגט ערשט! מען שמועסט „תציל ממות!“ בחוש!

— איז קיינער נישט נפטר געוואָרען אין זיין צייט?!

— כולי האי! קיינער נישט נפטר געוואָרען! וואָס איז, דער מלאך המות מיינט איהר, האָט שוין גאָר קיין דעה נישט? וויפיעל מאָל, מיינט איהר, האָט דער „איד“ אַליין, זכרונו לברכה, אַנגע־וואונשען לרפואה שלמה, און ער, דער שטן, האָט זיך געשטעלט „שטאַרצעם“, נו, האָט עפּעס געהאָלפען? אַ מלאך איז פאָרט נישט קיין קליינינקייט! און דאָס בית־דין של־מעלה פּסק׳עט איהם אויך אַמאָל צו! ווי דען! קיין דאָקטאָר האָט מען פאָרט נישט באַ־דאַרפט; עס האָט טאַקע קיינער דאָ נישט אויסגעהאַלטען; הייגט האָבען מיר צ ו ו י י דאָקטיירים!

— חוץ׳ן ז נ א כ ע ר?

— ער איז שוין אויך פאַרכאַפּט געוואָרען...

— גע׳פּגר׳ט?

— אַיוף א ז ו י נ ע ם זאָגט מען נישט ג ע ׳ פּ ג ר ׳ ט... די סטרא אחרא איז אויך נישט קיין קליינינקייט...

כב.

דער מסר.

אויב טאמאשאוו האט געהאט א למ"ד־ויו'ניק, האט זי פאר דאס געהאט א מסר אויך! דאס האט מיר פארצעהלט דער דרדקי־מלמד. און ער איז אויך ערשט נישט לאנג—נאר איך וויס נישט, וואס מען זאגט—נפטר, געשטארבען, צו פארכאפט געווארען.

און אפשר מיינט איהר—א פראסטער מסר; פשוט כמשמעו: ער האט געזעהן ערגעץ א פאלשע מאס, א נישט־גלייכע וואג, איז ער געגאנגען און האט אויסגעזאגט? חס ושלום, דוקא נישט! נאר „לא־יחרץ"־געלט! נאר געסטראשעט: אט געהט ער, אט לויפט ער, אט פאהרט ער, אט שרייבט ער, אט שיקט ער א „שטאפעט!" וכדומה גוטע זאכען; און האט אויסגעצויגען די קליי פון די ביינער...

— און איז'ן איז ער א מכה שולדיג געוועזען — פארצעהלט דער דרדקי־מלמד — איך געדענק דאך נאך, ווען ירוחם האט איהם אראפגעברענט! א זיידענער יונגערמאן! נאר ירוחם האט צוגע־זאגט נדן מיט קעסט און אליין נישט געהאט קיין מזון סעודה אחת. און ירוחם אליין איז אויך א מכה שולדיג: דער ברודער זיינער געצעל (א כלי, א גביר עצום), דער האט דאס גרעסטע חלק דערינען!

עס איז די מעשה מיט צוויי ברידער; איינער א קלוגער און א גוטער, און דער צווייטער א נאר און א שלעכטער. דער גוטער־קלוגער איז אן אביון. און דער שלעכטער נאר—אן עשר גדול. פאר־שטעהט זיך, אז דער רייכער וויל דעם ארעמען נישט העלפען.

— מילא, כל זמן עס איז געגאנגען וועגען מזונות, האט ירוחם געשוויגען. אבער, אז די בתולה זיינע, גרונע, איז איבערגע־וואקסען למעלה מעשרים אמה איז א 19—20 יעהריגע בוגרת גע־ווארען, האט שוין ירוחם געשטורעמט. שטאדט און רב האבען זיך אריינגעלעגט און געצעל האט געגעבען א קוויטעל: אז, א יאהר אחר החופה, וועט ער אויסצאהלען אזוי פיעל און אזוי פיעל. פריי־הער וויל ער נישט: דאס פאר־פאלק קאן זיך נאך צוגעהן, ירוחם וועט אויפעסען דאס געלט, און מען וועט ווייטער שטורעמען נדן.

געוואלט האט ער דריי יאהר, גע'פועל'ט האט מען אויף א

יאהר! נאָך אַ יאָהר, געצעל זאָגט: לאו הכי! בדיניהם איז דאָס קוויטעל נישט ווערט געווען אַ דרייער, דערווייל איז געוואָרען אויס „יד ישראל תקיפה"; דער אַלטער רב איז נפטר געוואָרען. דער נייער רב מישט זיך נישט, ער האָט מורא פאַר'ן קאַזיאָנע. דער קאַזיאָנע שיקט אָפּ לערכאות... און — גאַרנישט! געצעל גיט נישט אַ דרייער! ירוחם ווערט נעלם; אָדער צו אַ גוטען איד, אָדער אויף דער מדינה... און ביינוש בלייבט ביי גרונען!

דעם רבונו של עולם'ס דרכים זענען טאַקע נישט צום פאַר־שטעהן! עס איז דאָך נאַריש, ער איז געווען אַ בחור, זי — אַ בתולה, איז דאָך אַ זווג, נ י ש ט לפי מעשיו, און — אַן אשה — אַ מאַשין, אַ קאַזאַק, און אַ מאַן — אַ גאַרנישט, אַ זעקעל ביי־נער, אַ גל של עצמות! וואָס קלערט איהר, זי האָט איהם גענומען אין דער לערען און געמאַכט פון'ם אַ לייט!

זי האָט'ן נאָר אָנגערייצט אויף געצלען. ער זאָל נישט לאָזען אויסנעמען, נישט לאָזען געבען איהם קיין עליה... עס האָט געהאָל־פען ווי אַן ארבעס אָן דער וואַנט! געצעל האָט'ן אויסגעפּאַטשט. און פון דאַמאָלט אָן האָט זיך דער יונג געשעמט צו קומען אין בית המדרש אריין.

איינמאָל פאַר פסח, אַז ס'איז שוין געווען כלה כל הקצין, האָט גרונע ווייטער געיאָגט ביינוש'ן צום פעטער, און געיאָגט מיט אַ בעזעם! ביינוש איז נאָך אַמאָל געגאַנגען, און דער פעטער האָט איהם נאָך אַמאָל ארויסגעוואָרפען...

און דאָ איז געשעהען אַ מעשה נורא. וואָס אויף דער וועלט קאָן זיך טרעפען! מיין צווייט ווייב איז דאַמאָלט נאָך אַ גרושה געווען און געוואוינט ביי גרונען קאַמאַרינע; און זי האָט אַליין געזעהן, ווי ביינוש איז אַהיים געקומען נישט טויט און נישט לעבעדיג אין האָט געציטערט ווי אין אַ פיבער. אַ מבין איז מיין פלונית'טע, (איידער דאָס אורחים־הויז איז אָפּגעברענט געוואָרען, איז זי דאָרט בעל־הבית'טע געווען) האָט זי באַלד געזעהן, אַז עס איז נישט פּשוט!

און דאָ דאַרף נאָך גרונע אַהיים קומען פון מאַרק, (זי איז גע־זעסען מיט בייגעל) וועט זי איהם דערלעגען; האָט זי איהם פאַר רחמנות אַן עצה געגעבען, ער זאָל זיך לעגען אַפּרוהען אויפ'ן פּיע־קאַליק... און ער, רחמנא לצלן, איז געווען ווי אַ גולם. מען זאָגט

אזוי, זאָל זיין אזוי; ער איז ארויף אויפ'ן פּיעקאַליק.

גרונע איז אהיים געקומען. מיין פּלונית'טע האַלט בשתיקה; ביינוש שלאָפט אויפ'ן פּיעקאַליק, אָדער ער מאַכט זיך שלאָפענדיג. און אפשר איז ער שוין נישט געווען ביי די קלאָרע געדאַנקען. וואָרים, אזוי ווי געצעל האָט'ן ארויסגעוואָרפען, האָט ער באַלד א געשריי געטאָן, אז ער וועט אויסזאָגען, וואו דער זוהן ליגט באַ־האַלטען; און ביי קלאָרע געדאַנקען וואָלט ביינוש אזוינס נישט געזאָגט.

ווי עס איז געוועזען, אויף דער געצליכע האָבען די ווערטער א גרויסען רושם געמאַכט. מיינע שונאים זאָלען אזוי וויסען פון זייער לעבען, אויב ביינוש האָט גאָר געוואוסט וואו יונה־געצעלס איז באַ־האַלטען! נאַר — א אידענע — א מאַמע! א בן יחיד!... וואָס קלערט איהר, — א שפּייז־קראַם האָט זי געהאַט, נעמט זי א טרע־גער מיט א זעקעל פּסח'דיג מעהל און הייסט זיך נאָכטראָגען צו גרונען. —

זי קומט אריין... (נאַר א שאָד מיין ווייב איז נישטאָ! זי איז דאָך געווען דערביי; אז זי דערצעהלט, איז צו קייכען פאַר גע־לעכטער.) זי קומט אריין, דעם טרעגער לאָזט זי אין הויז.

„גוט מאָרגען, גרונע!" גרונע ענטפערט נישט; ווערט איהר שוין פינסטער פאַר די אויגען. „וואו — פרעגט זי — איז ביי־נושעל?" — „דער שוואַרצער יאָהר זאָל'ן וויסען!" — ענטפערט גרונע און דרעהט זיך איבער צום קומען, שוימט אַלץ דאָס יאָיכעל. איז ער דאָך אוראי געגאַנגען מסר'ן! מיין געצליכע רופט אריין דעם טרעגער, מען לעגט אָפּ דאָס זעקעל מעהל; גרונע זעהט נישט, אָדער מאַכט זיך נישט זעהענדיג, דער מזיק זאָל זי וויסען! די געצליכע הויבט אָן פלאַמען און צאַפּלען, „גרונישע, מיר זענען דאָך קרובים, איין בלוט... רופ'ן צוריק! לאָז ער מיך און זיין נשמה נישט אומברענגען!"

אַציגד ערשט האָט זיך גרונע איבערגעדרעהט. קיין נאַרישע אידענע איז זי נישט געוועזען, באַלד פאַרשטאַנען אין וואָס עס געהט, אויסגענאַרט נאָך א פּאַר קערבלעך און געלאָפען מכלומרשט אָפּזוכען ביינוש'ן...

אין שטעדטעל איז באַלד א שם געוואָרען, אז ביינוש מ ס ר 'ט... און גרונע האָט הנאה געהאַט דערפון... זי האָט גע־

האלטען ביינוש'ן אויפ'ן פּיעקאַליק און געסטראַשעט און געצאַפּט ביי אַלע בעלי־בתים, וואו נאָר עס איז געוועזען עפּעס אַ חטא.

— איז ז י דאָך דער מסר געוועזען?

— פריהער זי און דערנאָך ער אַליין. פאַר האַרצדריקעניש האָט ער אָנגעהויבען צו טרינקען; דערנאָכטען האָט ער זיך שוין אין די שענקען אַרומגעוואַלגערט און אַליין געמאַכט די קונץ. ער האָט שוין אַפילו גרונען אַ דרייער נישט געגעבען און אַלץ פאַר־שאַשעט... אַ שאָד אַזאַ כּלי! וואָס פון איהם איז געוואָרען!

— וואָס איז געוואָרען?

— ער האָט זיך די קישקעס פאַרברענט... פריהער נאָך איז ער משוגע געוואָרען, אין די גאַסען אַרומגעלאָפען, אָדער וואָכענ־וויין ערגעץ אונטער אַ צאַם אָפּגעלעגען... נאָר אַהיים צו גרונען— באין אופן נישט! אַז ער איז שוין גאָר חרב געוואָרען, האָבען איהם צעהן מענשען נישט געקאָנט אַריינפיהרען צו גרינגען אין שטוב אַריין: ער האָט געשלאָגען, געביסען... מען האָט איהם געמוזט נעמען אין בית־המדרש אַריין (דאָס אורחים־הויז איז שוין נישט געווען) און דאָרט איז ער נפטר געוואָרען. מען האָט איהם אַפילו געוואָלט ראַטעווען, אַ מומחה גערופען, מען האָט תהלים געזאָגט...

— דער למ"ד־וויו'ניק אויך?

— אַוודאי!

— נו?

— אַ מענש אָהן קישקעס, טו עפּעס!

ר׳ בערעל.

— ר׳ בערעל איז מסוכן! ר׳ בערעל איז שטארק, שטארק שלאף! ר׳ בערעל גוסס׳עט! מען דארף, נעבעך, רחמים... אַ כשר׳ער איד, אַ כשר׳ע נשמה, אזא פרומע!

אזוי האָט מען געקרעכצט אין רעדעל אין גאַס.

— ווער איז דער ר׳ בערעל? — פרעג איך.

— ווי הייסט? איהר קענט נישט ר׳ בערלען? ר׳ בערלען קענט איהר נישט?

מען האָט מיך אָנגעקוקט ווי אַ ווילדען מענש; גלייך איך וואָלט געקומען פון הינטער די הרי חשך.

— רבותים, — האָב איך מיך פאַרענטפערט, — איך בין דאָך נישט קיין היגער, ווי לאַנג בין איך דען דאָ?

— פונדעסטוועגען! ווער קען עס נישט אַזא איד, אַזא איד! אַ קינד פון דער וויג דארף קענען ר׳ בערלען! ער איז אַן אמת׳ער איד. ווען אַלע אידען זאָלען אזוי זיין, וואָלט שוין לאַנג משיח גע־קומען!

מהיכא תיתי, טראַכט איך מיר, זאָלען אַלע אידען גוט און פרום זיין און זאָל משיח קומען!

איך שמועס מיך, אַז ר׳ בערעלע איז אודאי אַ איד אַ למדן, אַ בעל־צדקה, דערצו נאָך אַ פרומער איד.

איך דערמאַן מיך, אַז איך האָב ווירקליך אמאָל געזעהן אַ ספר פון אַ טשיאַכנאָווקער מחבר!

— דאָס האָט ער עס געמאַכט אויף טהרות? — פרעג איך.

דער עולם ציהט די אַקסעל: ר׳ בערעלע, זאָגט מען, האָט קיין ספרים נישט געשריבען, ער איז אפילו נישט קיין גרויסער למדן... אזוי דאָרט: אַ פרק משניות, אַ שטיקעל עין־יעקב און דאָס אויך — קוים, קוים!

האַ, טראַכט איך מיר, אַז נישט קיין מופלג — איז ער גלאַט געוועזען אַ בעל־צדקה! דאָס שטעדטעל האָט אַ שול, אַ בית־המדרש,

א שטיקעל „אורחים־הויז", וואס דינט אין איינוועגס פאר א הקדש... עס איז דא א מקוה... און איך פרעג: וועלכעס פון זיי האט ר' בערעל געבויט?

דער עולם אבער מיינט — איך מאך חוזק; ר' בערעלע האט נישט געבויט: נישט קיין בית־המדרש, נישט קיין מקוה, נישט קיין „אורחים־הויז"...

— ער איז געוועזן — זאגט מען מיר — בטבע גאר א קארגער! נישט אויסגערעדט זאל עס זיין, ער האט אהן פרא־צענט קיין איד קיין דרייער נישט געבארגט... עס זאל איהם נישט זיין צו גנאי, ער האט אפילו קיינמאל קיין פלעט אויף שבת נישט אהיים גענומען... ערב יום כפור, אז ער פלעגט שוין יא ארייג־ווארפען אין „דער קערה" א הארטען דרייער, האט איהם אויך נישט צו זינדיגען מיט די רעד, די האנט געציטערט...

— א וואונדערליכע זאך, — באמערקט איינער, — אלע פרומע אידען, אלע אמת'ע אידען זענען קארג! פון וואנען נעמט זיך, אז געלט גיבען נאר די דייטשען? אלע צדקה־חברות, אלע כשר'ע הלוואות מאכען דייטשען, און די אמת־פרומע לייט האלטען זיך גאר פון דערוויטען. למשל, ר' בערעל, נישט אויסגערעדט זאל עס זיין, ער איז דאך געווען א נהרג על פחות משוה פרוטה...

דער עולם קלערט תרוצים און איך גיה צו אן אנדער רעדעל.

— וועה צו די יאהר! — קלאגט מען. — ר' בערעלע, ר' בערעלע! איינגאנצען זיבעציג יאהר! עס איז געבעד זעהר ביטער, זעהר ביטער!

— הא, — טראכט איך מיר, — שוין דאס צווייטע רעדעל. עס מוז דאך עפעס זיין! איינער קרעכצט:

— וועה איז מיר, אזא מיוחס!

איז ער נישט, טראכט איך מיר, עפעס אן „אייניקעל", האט ער נישט זכות אבות?

— ע! — רופט זיך דערווייל אן דער צווייטער, — וואס פאר א מיוחס! דער טאטע זיינער איז געווען א שענקער. פון אבות אבותיו איז ער קיין מיוחס נישט, מילא פון ווייבס צד...

— פון ווייבס צד ווייסט מען...

— נאר גלאט — יחוס עצמו! א קלייניגקייט ר' בערעלע! פהי!

— פהי! פהי. — מאכט דער צווייטער. — פהי, פהי, פהי! — דער דריטער.

— אידען, — בעט איך מיך, — זאגט מיר פארט, ווער ר' בערעלע איז!

מען האט מיך ווייטער אנגעקוקט ווי א ווילדען מענש.

איך געה אזוי דורך דעם גאנצען מארק, וויפיעל עם שטעהען רעדלעך, אזוי פיעל מאל הער איך אלץ קרעכצען: ר' בערעלע, ר' בערעלע. קיין איינציג ווארט פון געשעפט. גאנץ טשיאכנאווקע לעבט, זעהט אוים, פון גרייטען, שניידט קופאנעס, האט גארנישט וואס צו זארגען.

איך זעה, ווי א וואסער־טרעגער פארלירט פלוצלונג, אינמיטען גאס, צוויי קאנען וואסער, די קלעפקעס פון די געשפרענגטע קאנען שווימען אוועק! גארנישט געוואוסט האט ער נעבעך! מען האט איהם ראפטאם געזאגט, אז ר' בערעל שטארבט! א אידענע האט דורך דער אייגענער סבה, אנגעהויבען שרייען: געוואלד און גע־וואלד! עם שטיקט זי, עם איז איהר נישט גוט, עם עקט זיך איהר לעבען! באלד רינגעלט זי ארום א חברה ווייבער, אין שאלען, אין טשעפקעס, מיט טיכלעך איף די קעפ, טייל בלויז אין הארבענ־דער; איינע די אנדערע וויל איבערשרייען... אוים קנאה, ווערט א יללה, א געפילדער.

— אידען, בני רחמנים, — שרייט אלע איבער א פיסקעל פין א גבאי'טע, — אידען בני רחמנים, וואס שווייגט איהר? לאז מען עפעס טון. לאז מען ראטעווען! מיר ווייבער וואלטען יא גע־טאן, נאר וואס קענען ווייבער טון? שוואכע נשמות, פינסטערע נפשות!...

די גאנצע גאס ווערט פול מיט געוויין.

עס מוז דאך עפעס זיין, טראכט איך. עס פאלט מיר איין, אז ר' בערעל איז, על כל פנים, דער גרויסער עהרליכער מאן. „עסקת באמונה" איז א גרויסע זאך, אפשר האט ער גאר משיב געווען א גרויסע עבודה.

— הערט נאר, ר' קרוב, — פרעג איך איינעם, — מיט וואס האנדעלט ר' בערעל?

— ר' בערעל, — ציהט ער מיט די אקסעל, — האט קיינמאל

נישט געהאַנדעלט; כל זמן דאָס ווייב האָט געלעבט האָט זי געהאַט א שענק, א פּראָסטע שענק... מען האָט אפילו גערעדט אויף דער שענק... פאַרשטעהט איהר: אַ אידענע! איהר דאגה, זעהסטו. וואָס עס טוט זיך דאָרט אינ'ם פינסטערען חדר... עס איז געוועזען גאָר אַ מאוס'ע שענק... עס האָט נישט איינמאָל דעם עולם פאַרדראָ־סען... אז מען האָט אבער געזעהן, אז ר' בערעל שווייגט, האָט מען אויך געשוויגען.

עס בלייבט נישט מעהר נאָר אַ פּראָסטער „ירא שמים"! אויפ'ן אָרט פון תורה — תעניתים; אויפ'ן אָרט פון עהרליך־האַנדלען — כונה מיט — זייט מיר מוחל — נאָך עפּעס...

ווייס איך? אַ כשל־ברך, אַ חלש, אַ „בעל־בכיה"... און נאָך אַזוינע אידישע מעלות...

איך קלער נאָך פון „גלגול שלג": אַ קשיא אויף אַ מעשה, וועניג שניי פאַראַן?

אַזוי טראַכטענדיג, געה איך צוריק אויף דער סטאַנציע, אויס־צופרעגען די היימישע לייט.

מיין סטאַנציע איז געוועזען, ווי געוועהנליך אין אַזאַ שטעדטעל, די צווייטע שטיב פון שענק. נאָר היינט האָט אַלץ אַנדערש אויס־געזעהן! די שענק־שטוב איז לעדיג: דער בעל הבית איז נישטאָ. געלאָפען, דאַכט זיך צופוס, צו ר' בערעלעס רבי'ן, דערצעהלען איהם ווי עס האַלט. „דער רבי, זאָל לעבען, ווייסט אודאי אַלץ אַליין, נאָר דער דרך ארץ איז, מען זאָל איהם מודיע זיין. די בעל־הבית'טע איז געלאָפען אויפ'ן הייליגען אָרט. די שנור רייסט איין די שול. דער איידעם פיהרט דאָס רעדעל ביים תהלים־זאָגען אין בית־המדרש... ביי דער שענק שטעהט אַ צושויבערט דינסט־מיידעל, מיט וועלכען איך האָב מורא צו רעדען, עס איז דאָך טשיאַכנאַווקע! איך געה גלייך אין מיין שטוב אריין, זעץ מיך שרייבען בריף.

איך דערהער: ר' בערעלע! און אייל מיך צו דער טיר: אין שענק־שטיב שטעהען שוין צוויי אידען. איינער אָרומגעבונדען מיט אַ שטריק, אַ סמן פון אַ טרעגער; דער צווייטער מיט אַ גרויסער רויטער נאָז, אַ סמן מובהק פון אַ „חברה־נושאים־מאַן".

— הערסטו, ברודער, — מאכט דער חברה־נושאים־מאַן, — שלעכט איז זעהר. נאָר סיי ווי סיי, א קאָפּ מוז מען מאַכען! ר' בערעלע — ער זאָל נאָר אויף מיינע הענט נישט קומען, מאריך ימים זאָל ער זיין, — האָט אויך ליעב א קאָפּ, אָבער גאָר שטארק! באַ, ווען איך האָב א שענק, וואָלט איך מיך אנדערש געפיהרט; ביי מיר האָט א ווייב קיין דעה נישט... נאָר ר' בערעלע! נעבעך... דאָס מרשעת פלעגט איהם אוועקיאָגען ווי א קאַץ פון דער מילך! א שטילער איד, נעבעך... נישט געוואָלט זיך קריגען... פאַר דאָס אין שטיבעל — א תקון, א יאָהר־צייט, פלעגט ער שוין אָפּדאַווענען דער ערשטער, דער ערשטער ברכה מאַכען.

— אוי־וואַ, אוי־וואַ! — באוואונדערט דער טרעגער.

מען האָט זיי אַנגעגאָסען בראַנפען.

— דרייסיג יאָהר האָב איך מיט איהם צוזאַמען געדאַווענט,— מאַכט דער חברה־נושאים־מאַן מיט גאוה.

— טאַקע א זכיה! — ענטפערט דער טרעגער.

— לחיים!

— לחיים טובים ולשלום! ר' בערעלען צו רפואה שלמה: וואָס שאַדט עס, גאָט ברוך הוא, לאָז ער נאָך עטליכע יאָהר דאָ דאַווענען.

— קיין גרויסער דאַווענער, — רופט זיך אָן דער חברה־נושאים־מאַן, איז ער קיינמאָל נישט געוועזען; ער איז נאָך פון די ערשטע קאַצקער!

געשלאָפען א גאַנצע נאַכט בין איך נ י ש ט. עס איז געוועזען סכנת־נפשות אין שטעדטעל. אַלע מאָל האָבען מיך אויפגעוועקט אנדערע קולות. אינמיטען דערנאַכט האָב איך דערהערט, ווי מיין בעל הבית, ר' יונה איז געקומען. ער האָט געבראַכט פון רבי'ן א ידיעה, אַז מען דאַרף רחמים! און, קריכענדיג מיט די שטיוועל אין בעט אריין, אַנגעזאָגט דעם עולם, מען זאָל איהם אַלע מאָל וועקען און זאָגען וואָס עס הערט זיך.

און אַלע פערטעל שעה כמעט האָט עמיץ אנדערש א זעץ געטאָן אין לאַדען:

— יונה, הערסט? ר' בערעלע, קיין עין הרע ניט, שוויצט!

ר׳ בערעלע ניסט, ר׳ בערעלע דאָס, ר׳ בערעלע — יענעס!... פאַר־טאָג איז אין לאָדען אַריין ווי אַ דונער; די שויבען האָבען גע־פּלאַצט, עטליכע שטיקלעך גלאָז זענען צו מיר אין בעט אַריין. דאָס האָט מען געוואָרען ר׳ יונה׳ן צו יציאת נשמה. אצינד איז ערשט געוואָרען אַ געוויין, דאָס גאַנצע שטעדטעל איז ווי איינגע־זונקען געוואָרען אין אַ ים פון טרערען. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך שווים מיט׳ן בעטעל אַרום אין אַ מבול. עס האָט מיך געשווינדערט. אַלע מיינע טויטע קרובים האָבען זיך מיר אויפגע־וועקט אין זכרון, און איך האָב מיטגעוויינט מיט טשיאַכנאָווקע.

אויפ׳ן טאָג ערשט איז שטיל געוואָרען. איך בין איינגע־שלאָפען און האָב מיך אויפגעכאַפּט ערשט פאַרנאַכט צו דער לויה...

מען האָט געטראָגען די מטה אין שול אַריין; דער רב איז אַרויף אויפ׳ן בעלעמער... דער רב נעבעך פּאַראיקעט זיך... שפייט... שטעלט זיך, מיט דער גאַנצער וועלט צוגלייך. אויפ׳ן פּסוק: בכה בכה להולך. צוויי זייגער שעה נאָכאַנאַנד קוועטשט ער די אַלטע אויגען מיט׳ן אַלטען פּסוק; צוויי זייגער שעה האָב איך מיך גע־לאָזט פּרעסען און דריקען, און האָב ד אַ ך איבער ר׳ בערעלען קיין וואָרט נישט געהערט.

צוריקגעהענדיג פון דער לויה, פרעג איך מיין בעל הבית, אויב ר׳ בערעל איז אַן עושר געוועזען.

— אַ זעכציג טויזענטער! — ענטפערט ער בקיצור.

— אַלץ פון דער שענק? — פרעג איך פאַרוואונדערט.

— היד ה׳ תקצר? — זאָגט ר׳ יונה.

— הערט נאָר, — פרעג איך ווייטער, — האָט ער עפּעס אָפּגעזאָגט אויף עולמות?

דערווייל רוקט זיך צו אַ יונגערמאַן מיט אַ פּנים פון אַ בן תורה, און כאַפּט אַן מיין בעל הבית ביים לאַץ.

— הערכט, יונה, עס וועט זיין אַ שעהנע דין תורה... אַ שודא דדיינא...

— וואָס איז? — פרעגט ר׳ יונה.

— הערסט דאָך, ר׳ בערעל, זכרונו לברכה, האָט פאַרזאָגט אַ תמיכה זיין שוועסטער דער אַלמנה. געזאָגט האָט ער כהאי

לישנא: מעז זאָל איהר געבעז זעבציג רובּל א יאָהר — פינף רובל א חודש...

— איך בין דאָך געוועז דערביי, — ענטפערט אומגעדולדיג ר׳ יונה, — וואָס איז די דין תורה?

— שוטה! און „וואָדר“?

דער נדבן.

פאַרוואָס איך האָב מיך איבערגעצויגען קיין וואַרשוי? פרעגט איהר.

כ׳וועל אייך זאָגען דעם אמת: כ׳בין אַנטלאָפען פאַר די קליינשטעדטעלדיגע קבצנים.

מיינט איהר אפשר איך בין אַ קאַרגער? אסור־חזיר! ביי מיר איז אַ הונדערטער — בלאָטע. נאָר די אָרעמע לייט! ווי אַ ביין אין האַלז זענען זיי מיר געשטאַנען! איך קאָן נישט, איך האָב אַ ווייכע נאַטור, און קאָן נישט פאַרטראָגען דעם חשכ׳דיגען דלות מיט די פאַרלאָפענע אויגען און אויסגעקרימטע פּלייצעס!

און פרוואווט, פרעגט מיך, פון וואַנען עס קומט צו מיר? אסור, אויב איך וויים!

די וועלט זאָגט: „אַ קינד איז דער מאַמעס אַ טאַכטער אָדער׳ן טאַטענס אַ זוהן“. „נישט ווייט, זאָגט מען. פאַלט דאָס עפּעלע פון בוים! נישט שטענדיג אפנים, איז אמת וואָס מען זאָגט! וואָרים, למשל, א י ד.

מיין טאַטע, עליו השלום, איז כל ימיו געוועזען אַ קבצן — אַ קליינשטעדטעלדיגער שמש! פאַר קוים דאָס לעבען צו דערהאַלטען לאָזט מען זיך טרעטען פון „קהל, רב און בעדער!“ אַ לאַטע־לעגער, אַ שוסטער האָט מעהר פרנסה און מעהר כבוד פאַר אַ שמש!

צוויי ברידער האָב איך — להבדיל בין החיים והמתים — זיי לעבען נאָך — אָבער וואָס פאַר אַ לעבען; ביי פרעה׳ן אין מצרים האָט מען אַ שענער לעבען געהאַט! טאַקע אויף שונאי ציון גע־זאָגט! איינער וואוינט אין בריסק־דליטא, פאַרשטעהט איהר דאָך, איז ער אַ נשרף! דער צווייטער וואוינט שוין גאָרנישט; שוין יאָהרענלאַנג, אַז ער האָט זיך געלאָזט אויף דער וועלט צוזאַמענ־מאַכען אויף הכנסת כלה — זעקס טעכטער האָט ער, דער איד!

איך זאָל אויסרעכענען מיין גאַנצע קבצנ׳ישע משפחה וואָל־

טען מיר פינגער געפעהלט! ווי די היישעריקען באפאלען זיי מיך; לאָמיך זיי ווייזען א פינגער שלינגען זיי מיך איין מיט די קאמאַ־שען! א געלעכערטען זאק פילט מען נישט אָן!

און איך אַליין, וואס מיינט איהר? איך בין געבוירען ווי איך בין?

איך בין דאָך אָן אָרעמען — א שמש'ס א זוהן! ער האָט דען געהאט א צובראָכענעם דרייער ביי דער נשמה אויף נדן? דער מאמע עליה השלום'ס ירושה, א הילצערנע חורבה אונטער'ן שטעדטעל, האָט מען פארקויפט אויף חתונה הוצאות. איך בין דאָך דער אינגסטער געוועזען, האָט זיך דער טאטע עליו השלום אריינגעצויגען אין בית־המדרש אריין. די בעלי־בתים האָבען אפילו נישט געוואָלט... נו — גיט איהר נדן! זאָגט ער, מאכט איהר חתונה!

און וויפיעל, מיינט איהר, האָט מען פאר מיין עלוי'שען קאָפּ געגעבען? צוויי מסכתות האָב איך געקאָנט אויסענווענינ, צו־געזאָגט אַכט הונדערט גילדען, געגעבען האָט מען די העלפט; פאר דאָס האָט מען מיר געגעבען א כלה מיט אַן איבּ־ריג שטיקעל פּלייצע, אמת — א שטר חצי זכר, האָט מען צוגע־לעגט!

זעהט איהר דאָך בחוש — אַן אויפגעקומענער (אַנדערע שעמען זיך דערמיט!) פשוט איך האָב געטאָן מיינס. דער רבונו של עולם האָט געהאָלפען און בטבע, זעהט איהר בין איך א געבוירענער נגיד, א רך־לב און א מפונק דערצו!

פון וואַנען? איז פאראַנען נאָך א קשיא אויף דער וועלט!

און דעריבער טאַקע האָב איך געמוזט אַנטלויפען, איהר ווייסט גאָרנישט וואס פאר א גיהנום דאָס קליינע שטעדטעל איז פאר אַזאַ איד, למשל, ווי איך, וואָס האָט א הארץ נישט קיין שטיין אינ'ם לייב! און וואָס האָט א נאָז און א געפיהל, ווי א מענש דאַרף צו האָבען!

ערשטענס וואוינט א מענש ווי אינמיטען גאַס! די פענסטער נישט פארהאַנגען. ווער עס געהט פארביי, וואַרפט אריין אַן אויג. וויל ער, שטעלט ער זיך אָפּ, דריקט צו די נאָז צו דער שויב און באַטראַכט, צי שטעהט נישט עפּעס נייעס אין שטוב. זומער, אַז דאָס פענסטער איז אָפען, שטעקט ער אריין דעם קאָפּ מיט א פּיי־

נעם גוט־מארגען, גאָט־העלף, גוטען אָווענט — פּאַן בראַט! צו־זאַמען חזרים געפּאַשעט! און דאָס איז פּאַרביינגעהענדיג, אז ער האָט קיין צייט נישט; האָט ער צייט — קומט ער אין שטוב אריין, פון קיין קלאַפּשלאָס, פון אַנקלינגען הויבט מען גאַרנישט אַן צו וויסען! מען מוז נאָך נאָכ'ן די טיר פארמאכען! אַ רשות הרבים.

באַלד אין דערפריה:

— גוט מאָרגען, בעל־הבית־לעבען!

— ווער איז?

— דאָס איז לאה די מילכיגערין! שוין צעהן יאָהר טראָגט זי מיר מילך, איז זי דאָך אַ בן־הבית.

די קוה האַלט זי הינטער דער שטאָדט, אויף יענער זייט טייך; קומט זי אייך אַריין ווינטער אין אַ פּאָר גרויסע שטיוועל, אין זעלנערישע; שטרויענע קאַלאָשען. ליידען ליידט זי אויף אַסטמאַ, קאָן זי זיך נישט איינבויגען און אויסטון די קאַ־לאָשען, געהט זי אַריין אַזוי; עס רינט איהר פון די פיס, פון קאָפּ — דערביי האָט זי שטענדיג אַ רויט־אָנגעפרוירען נעזעל — וואָס איז אויך נישט זעהר טרוקען! נאָך אַ מעלה האָט זי, זי שטאַמעלט אביסעל און איז אָהן אַ „ג״ —

— דוט מאָרדען — הייסט עס — בעל־הבית־לעבען!

און וואָס וויל לאה די מילכיגערין?

אַ קליינינקייט וויל זי. די „שוואַרצע״ איז איהר, לא עליכם, אוועקגעפאַלען! מען דאַרף אַ קאַנאַוואַל און די הוצאה דאַרף א י ך אויסשטעהן. און כ ע ל ו ת ה ב ק ר קומט זי, אוועקגעפאַלען, הערט איהר דאָך!

און די קוה, זאָגט זי, איז כמעט מיין קוה — איך טרינק דאָך שוין צעהן יאָהר די מילך!

אחוץ דעם איז זי נאָך מיין ווייבס אַ שטיקעל קרובה, עפּעס אַ שמעלקע בשמעלקע, ווי מען זאָגט! האָט זי דאָך אודאי אַ טענה...

כאַפּ איך אַרויס אַ רובל, אַבי געה!

חס ושלום! נישט אַזוי געשווינד ריהרט זיך לאה די מילכי־גערין פון אָרט.

ערשטענס הויבט זי מיך אָן צו בענשען; פאַר גאָט — דער־נאָכטען איך, און בענשט מיך מיט סאַמע דלת'ן...

דערנאָך באַקוקט זי נאָך אַמאָל, דאָס הייסט צום טויזענטס־טען מאָל, די דירה מיינע מיט'ן מעבעל, און הויבט זיך אָן קרימען און קרימען, ביז זי לאָזט אַרויס אַ געוויין.

וואָס איז?

ס'טייטש, ווען נישט איהר מאַן דער בטלן, וואָלט זי אויך אין אַזאַ דירה געזעסען, אויך אַזאַ מעבעל געהאַט; זי וואָלט זיך אויך געבאָדען אין כל טוב. וואָס איז? עס פּאַסט איהר נישט? זי האָט אויך חשק צו אַ זילבערנעם חנוכה־לעמפּעל, צו אַ גאָלדענע בשמים־שקעטעלע — צו וואָס אויגען זעהען!

—עס האָט עפּעס אַסך געפעהלט?

אַ פּריץ האָט זי געהאַט טאַקע אַ בריליאַנט, די גאַנצע פּאַכט האָט ער איהר — די מעשה איז שוין אַ יאָהר צוואַנציג — געוואָלט אָוועקגעבען, אַזוי האָט זי ביי איהם נושא־חן געווען. א י ב ע ר צוואַנציג קיה צום מעלקען... נאָר דער מאַן דער בטלן — זיין נאָ־מען זאָל אַהיים קומען — האָט נישט געוואָלט...

פאַרוואָס ער האָט נישט געוואָלט, איז נישט צום פאַרשטעהן. אַזוי צו'רעש'ט זי זיך, און איך מוז ביי איהר בעטען רחמים, זי זאָל מיך לאָזען אויסטרינקען דאָס גלעזעל טיי; דאָס „גלעזעל וואַרעמס" הייסט עס!

דאַנקען גאָט, כ'האָב ביי איהר גע'פועל'ט, זי וויל שוין געהן — רופט זי מיין ווייב אַריין צו זיך! אין בעט ליגט זי, — אַ קראַנקע, נעבעך, כל ימיה אָפּגעלעגען אין בעט; וויל זי עפּעס הע־רען נייעס פון שטעדטעל. מילא, איך האָב דאָך קיין צייט נישט, זאָל אַריינקומען לאה די מילכיגעריז, ווער עס איז, אבי מען זאָל איהר בייטלען נייעס: ווער עס קריגט זיך, ווער עס גט זיך, ווי עס לעבט זיך ביי לייטען, וואָס מען קאָכט, וכדומה ווייבערשע פּאַטש־טען! און לאה די מילכיגערין איז דאָך עפּעס אַן איינגעהעריז אין הייזער!

איך כאַפּ דערווייל און וויל אויסטרינקען די טיי, לאה די מילכיגעריז זאָל מיך צוריק־צו־וועגס נישט טרעפען אין שטוב. עס געהט נישט, לייזער מעקלער געהט! און לייזער מעקלער איז נישט אבי־ווער! זכרונו לברכה, דעם שטאָדט־מגיד'ס אַ זוהן! פון פאָ־טער האָט לייזער גע'ירש'ענט נאָר דעם קאָלטאָן, און דאַכט זיך, קיין וואָרט תורה נישט. איז איהם דאָך זכות אבות בייגעשטאַנען,

ער זאָל ווערען תבואה־מעקלער. טויגען טויג ער נישט קיין קאָן אַן עק צוצובינדען. זייט ער לעבט האָט ער נאָך קיין איינציגע קניה נישט אויסגעפיהרט. בעל־בתי'שע סוחרים אָבער זאָגען: ער איז, איז ער; טו זיי עפּעס! ווער עס איז שלעפּט צוזאַמען אַ וואַנט מיט אַ וואַנט, שלאָגט זיך אונטער די פיס, רייסט זיך אויס די קעהל, און נאָך קריעת ים סוף, אַז עס קומט מעקלעריי צו צאָהלען, זאָגט מען: נאָר לייזערל איז אַ שותף, און ער איז! ער נעמט!

אַניט, וואָלטען דאָך איהם די בעלי־בתים געמוזט אויפהאַלטען. מען וועט דאָך נישט לאָזען לייזערל דעם שטאָדט־מגיד, זכרונו לברכה'ס, זאָל שטאַרבען פאַר הונגער!

און בכח דעם אייגענעם זכות אבות איז ער גלאַט אַן אַ יונגער־הער ביי בעלי־בתים.

ביי מיר אויך!

גוט מאָרגען — גוט יאָהר —

וואָס הערט זיך נייעס?

אַט אַזוי און אַזוי... „וואו איז דיין טאַבאַק?" — פרעגט ער.

אויף מיין טאַבעק האָט ער אויך זכות אבות — אַ גלאָז טיי וויל ער אודאי, און אַן עסק האָט ער אויך.

מיין ווייב איז דאָך קראַנק, פרעגט ער קודם כל וואָס זי מאַכט, און אַז ער הערט, אַז עס איז נישט בעסער, קרעכצט ער: אַלץ ווייל מען וויל'ן נישט פאָלגען! זיינס אַ לייבליכע מוהמע — ליגט שוין לאַנג וואו מען דאַרף! — האָט אויך אַזאַ מיחוש גע־האַט, און קיין זאַך האָט נישט געהאָלפען, נאָר אַ גרין פלעשעל. מען דאַרף באַשטעלען אין דער אַפּטייק אַ גרין פלעשעל! וואָרים, וואו דער דאָקטאָר, וואָס האָט איהר פאַרשריבען דאָס גרינע פלע־שעל, וואוינט היינט, ווייסט ער נישט; און אפשר איז ער שוין אויך, וואו מען דאַרף... דער אַפּטייקער וועט וויסען, ער איז דאָך יענעם אַפּטייקערס אַ זוהן, וועט ער געפינען אין די כתבים...

דאָס איז דאָס עסק, וואָס ער האָט צו מיר.

איך וויל געהן דאַווענען, נעם דעם טלית־זאַק. ווערט ער מלא שמחה, וואָס אַזאַ אַ גביר ווי איך בין, היט אָפּ קריאת־שמע, און לאָזט נישט קהל זאָל אויפ'ן וואַרטען... איך מעג געהן — זאָגט ער — נאָר ער וועט זיך דערווייל אַביסעל צולעגען אויף דער סאָפע.

די ארורה זיינע האָט׳ם אַ גאַנצע נאַכט געשאָלטען. פּאַרוואָס, ווייס ער אַליין נישט, נאָר קיין אויג האָט זי איהם נישט געלאָזט צו־מאַכען, ערשט פאַרטאָג, אַז זי האָט געכאַפּט צו איהם אַ פּלאַש, איז ער אַרויסגעשפּרונגען פון בעט און איז אַנטלאָפען. איז ער שוין געוועזען ביי שמערעל האַניגמאַכער, ביי יוסל ווייצענזאַנג און נאָך... נאָר ביי דעם איז צופיעל קינדער, אַ מהומה אין שטוב; ביי יענעם איז היינט אַ וועש, איז מעהר מהומה, און ווייצענזאַנג׳ס צנועה קענסט דו דאָך! די הינט מעגען זי אָרומשלעפּען, אויס־ציהען זיך לאָזט זי נישט, כ׳פאַרפלעק איהר, זאָגט זי, די סאָפע.

— ימח שמה, — זאָגט ער, — און אויב עס איז מיר אַ שאָד די סאָפע, וועט ער זיך זעצען אויף מיין פּאַטערשטול, אַ מחיה פון אַ שטול.

אַנטלויף איך; וואָס זאָל איך טון?

אויף דער שוועל שלאָג איך מיך אָן עמיצען אָן.

וואָס איז? ווייטער אַ טובה. אָבער אַ מצוה, אַ מצוה גדולה!

מיין שניידער איז עס!

קומען, חלילה, קומט איהם נישט ביי מיר. איך צאָהל תוך כדי דבור; נאָר דאָס ווייב האָט אַ צווילינג געהאַט! איינס איז אפילו באַלד אוועק, גאָר ביים צווייטען וועט זיין אַ ברית, בעט ער מיך אויף סנדקאָות — מהיכי תיתא. נאָר דאָס ווייב האָט דערווייל היץ, די באָבע וויל אַ דאָקטאָר, כאָטש אַ רופא מיט רעצעפּט, און ער איז אָהן אַ גראָשען, — וויל ער פאָראויס אַ־פּאָר רובל...

ס׳איז טאַקע מיין שניידער, און אַ גוטער שניידער, נאָר דאָס פּנים איז שוין פון אַ קבצן! דער קבצן קוקט איהם שוין פון די אויגען אַרויס, פון אונטער דער קאַפּאָטע אַפּיר, פון אויס די אַרבעל רייכט ער זיך! אַ צווילינג נאָך! ביי איינעם אַ לויה, ביים צווייטען אַ ברית, און די קינפּעטאָרין מיט היץ — אַ פאַרלוירענער מענש. שענק איך בעסער אַ רובל! איבער מיין שוועל זאָל ער שוין מעהר נישט איבערטרעטען, מעהר צו נעהען גיב איך איהם נישט...

ער הערט נישט, וואָס איך רעד צו איהם, כאַפּט דעם רובל און אַנטלויפט, און איך געה אין בית־המדרש אַריין...

אין בית־המדרש אַריין מוז מען געהן דורכ׳ן מאַרק.

דורכגעהן דעם מאַרק איז אויך נישט פון די גוטע זאַכ׳ן.

דעם אמת זאָגענדיג, האָב איך זונטאָג, צי אַזוי זייערס אַ יום־טוב, גראַד ליעב צו געהן דורכ׳ן מאַרק. דאַמאָלט איז דער מאַרק לעבענדיג, ריהרעוודיג: רויטע פּאַטשיילעס, רויטע קרעלען, רויטע סטענגעס, רויטע פּנים׳ער — פריש און געזונט, אָבער אַזוי אינ־מיטען דער וואָך — חלשות געהט זיך אָן!

אַלטע, פאַרקרימטע, פאַר׳חשכ׳טע ווייבער; גרינליך־טרוקענע געבעקס, פוילע אויבס, — און אַ אידענע נעמט מיט׳ן פינגער און דרעהט זיך אויס אַ פוילע עפּעלע אין מויל אַריין — —

הא — גוט?

און דער גאַנצער מאַרק קען מיך...

און ער האָט הנאה, דער מאַרק: דער גביר געהט דאַווענען. ער שעמט זיך נישט; מיט׳ן טלית־זאַק איבער׳ן גאַס! און מען בענשט מיך!

און איך האָב באַקאַנטע אויפ׳ן מאַרק!

איינע איז גאָר מיינס אַ כלה געוועזן! דער טאַטע עליו השלום, האָט מיט איהרען שוין אַ וואָרט געמאַכט... און איהר טאַטע האָט געהאַט אַ בשמים־קראַם, פלעג איך דאָרט קויפען; איך האָב ערגעץ אויסגעקאַשפּערט אַ צווייער, און געלאָפען קויפען פאַר אַ צווייער באַקסער! זי פלעגט רויט ווערען; הינטער׳ן טיש פלעגט זי שטעהן. שמחת תורה צו הקפות האָב׳מיר זיך — כאַ — כאַ — כאַ! צווי־שען עולם אין פּאָליש געפונען, ביי די הענט געהאַלטען. דערנאָך איז ביי מיר אין דער האַנט אַביסעל מאַנדלען געבליבען! נאָר באַלד נאָך יום־טוב האָט מיר דער טאַטע, עליו השלום, געזאָגט, אַז חיים יוסל — אַזוי האָט ער געהייסען, איהר פאָטער — איז אַ קבצן, אַ באַנקראָט. אין געוועלב שטעהען לעדיגע פּודלעס אָהן סחורה, אַז ער האָט איהם געוואָלט אַריינגנאַרען אין זאַק וכדומה. און — אויס שדוך...

באַלד דערנאָך האָט זיך אויסגעוויזען, אַז מיין זווג איז אַ חולנית; אַ מאַן האָט זי באַקומען עפּעס אַ שווינדזיכטיגען מלמד... באַלד רחמנא לצלן, איז זי געוואָרען אַ „וויסטע אלמנה“... און אַז איך געה דורך — קוקט זי אויף מיר מיט מילכיגע אויגען...

און נישט זי אַליין, נאָך אַ באַקאַנטע האָב איך דאָרט —

אויך אַן אלמנה —

און דער מאן איהרער האט פאר דער פטירה געזאלט זיין מיין שותף.

עס איז נאך געוועזען די פאכט אויף כשר־פלייש. ס'איז פאר דער ליציטאציע אין דער גובערניע, און איך האב מיר דאמאלט געזוכט א שטיקעל עסק, מיינס א פעטערס אן איידעם (שוין ביידע אויפ'ן עולם האמת), אויך א יונגערמאן נאך קעסט, זוכט זיך אויך א שטיקעל עסק. פארט מען אונז צוזאמען... יוחנן פאכטער איז, לא עליכם, געלעגען איבעראנאנד (ער איז אייך נישט דא, להבדיל בין החיים והמתים!) מאכען מיר זיך ביידע, נישט וויסענדיג, און ערשט א טאג פריהער כאפ'מיר בסוד סודות עקסטרא־פאסט, און מען פאהרט אין גובערניע אריין... וואלט'מיר ביידע גענומען די פאכט, וואלט איך א קלענערער עושר געוועזען...

וואס טוט אבער גאט?

מיין ירוחם (אזוי האט ער געהייסען) פאלט אונטערוועגס אוועק — מיט געזונטע האט ער זיך אנגעגעכען און מיט קאלט ביר פארטרונקען! — דאס געלט האב איך געהאט ביי מיר; לאז איך איהם איבער אין א שטעדטעל גאנץ חרוב, שיק א שליח מיוחד נאכ'ן ווייב און פאהר ווייטער. רחמנות אהין, רחמנות אהער — געשעפט איז געשעפט. און וואס וואלט ער געהאט דערפון, ווען איך אליין בלייב אויך נישט ביי דער פאכט? וואלט איך געבליבען א קבצן! אויך האב איך גענומען די פאכט... אז איך בין צוריקגע־קומען, איז זי שוין אן אלמנה געוועזען... נו, מיט אלמנות און יתומים מאכט מען קיין שותפות נישט, האב איך ארויסגעגעבען א וועקסעל אויפ'ן געלט, צוגעשריבען פראצענט... און היינט זיצט זי אויפ'ן מארק... די עטליכע רובל צו נישט געווארען...

פארשטעהט זיך, אז איך האב דערפון קיין נחת נישט; ווען איך געה דורך, גיט א צופ ביים הארץ; ווארים וואס טו איך, אז אזא אידענע וועט ארויס מיט א קללה?

און אז מען קומט שוין, מיינט איהר, אין בית־המדרש אריין, קלייבט מען שוין נחת?

באלד אויף די טרעפ — שלעפט זיך ר' בערעלע דין, סאפעט און קרעכצט.. א גארטעל דארף ער! אלע פיער וואכען פאלט ער אוועק אויפ'ן מיחוש, טרעפ זענען פאר איהם סכנות נפשות, — און אז מען נעמט איהם צונויף אויף א גארטעל, מאכט ער חתונה א

טאכטער! טו עפּעס, אז דער איד האָט פּאַרט צוועלף טעכטער! העכער וואָרט שוין אויף מיר דער בלינדער שוחט! ער איז בלינד געוואָרען, האָט קהל צוגענומען א נייעם שוחט, בין איך, פאַר־שטעהט זיך, געווען דערביי — אויסגעטרעדט האָב׳מיר, אז, דער נייער שוחט זאָל צאָהלען דעם אַלטען צוועלף גילדען א וואָך, צאָהלט ער נישט! אליין א מטופל! בין איך שולדיג! בלינד איז ער, נאָר ער דערפיהלט מיך! און אז ער דערפיהלט מיך, גיט ער א קרעכץ אויף מיין חשבון. טיילמאָל זאָגט ער:

— שעהן פאַרזאָרגט...

האָב איך, מיינט איהר, הנאה דערפון?

דערנאָך הויבט זיך ערשט אָן: קבצנים ביים אויווען, בטלנים ביים כיור, און אַן אַלע מוז מען זיך אָפּרייבען, אויסשמעקען זייער מאַכאָרקע... א געקומענעם לאַנד־קבצן מוז מען נאָך שלום געבען... און אז גאָט העלפט, איך קום שוין צו צו דער מזרח־וואַנט, שטעהט ערשט אויפגעשריבען מיט קרייד: גרויסע גע׳כתיב׳עטע אותיות „חיים בן מיכל לרפואה שלמה!“ און דער מיכל דאַרף גראד זיין מיין משרת!

ס׳גיהנום, זאָג איך אייך, האָב איך געליטען!

א מענש מיט א ווייך האַרץ איז נישט גוט...

מיינט איהר אפשר, אז עס איז מיר פּלוצלונג איינגעפאַלען צו אַנטלויפען? איינגעפאַקט און ארויסגעפאָהרען?

ניין, עס איז אויך א גאָט־זאַך געווען. איך בין גאָרנישט אזוי קלוג!

א ווייב האָב איך געהאַט, ווי געזאָגט, לא עליכם, א חולנית.

— עס איז איהר וואָס אַמאָל ערגער געוואָרען.

איך האָב כמעט נישט געוואוסט דערפון: זי האָט געהאַט איהר שטוב, האָט ליעב געהאַט צו האָבען ארום זיך איהרע גבאי׳־טעס, אלערליי שכנות, איך וועל דאָך נישט אריינגעהן, זיך זעצען צווישען ווייבער. ביינאַכט — איז בעסער זי זאָל שלאָפען.

איינמאָל שיקט זי מיך רופען. באשר בכן, זי וויל פאָהרען קיין וואַרשוי צו א דאָקטאָר.

מהיכא תיתא.

וויל זי אַליין נישט פאָהרען.

זאג איך, איך וועל עמיצען מיטשיקען. איין מענש, צוויי מענשען.

וויל זי נישט, נאר איך זאל מיט איהר פאהרען, זי האט מורא, זי וועט חלילה שטארבען אויפ'ן וועג; און שטארבען אהנ'עם מאן וויל זי נישט...

האב איך גראד פארוויקעלטע געשעפטען געהאט. און גלאט— פאהר מיט א קראנקער! ביי מיין ווייך הארץ וואלט איך אויך, חס ושלום, קראנק געווארען... האב איך דערוויל א ישוב, זאג איך: כ'וועל זעהן, איבערקלערען, שפעטער, מארגען...

דערוויל הער איך אין גאס, זי שטעהט שמאל...

דערנאך ווער איך געוואר, אז חברה קדישא פארבויגט זיך אויף מיר א קניפעל, די ציין שלייפען זיי זיך, באשר בכן — די מקוה פאלט איין...

בע! מיט'ן גוטען ווילען געבען, מהיכא תיתי, אבער נויטען זאל מען מיך?

דינג איך, א שעהנעם גוטען מארגען, א פויערישען לאנגען וואגען, אויסגעבעט מיט שטרוי, היים ארויפלעגען די חולנית און גיב א פאהר אריין קיין ווארשוי!

און גערעכט איז זי געוועזען, וואס זי האט געזאגט, אז זי וועט שוין פון ווארשוי נישט צוריקקומען...

איין דאקטאר, צוויי, דריי דאקטוירים — און, לא עליכם, ווי א הוהן איינגעשלאפען!

וואס איהר איז געוועזען, ווייס איך עד היום נישט...

נאר א מחיה — 26 רובל קבורה־געלט! ווילסט? גיב א נדבה; נישט, נישט!

דערוויל, זיצענדיג שבעה, איז מיר ווארשוי געפעלען, פאר־האנגען, א קלאפ־שלאס; א גן־עדן! אויף ארענטליכערע גאסען לאזט מען אפילו נישט בעטלען — —

— ניין, — זאג איך, — דא בלייב איך שוין!

אלע קליינשטעדטעלדיגע גבירים מוזען זיך ציהען קיין ווארשוי. — —

דאָס וואַסערל.

דער וועג, דער זאַמדיגער, שוועדער וועג, קומט אַרויס פון שיטערע, אויסגעקרימטע, פאַרקנוידערטע נאָדעל־וועלדעל, וואָס עס האָט זיך, ווי מיין פוהרמאַן מאַטשיעי האָט מיר פאַרטייטשט, נישט געלוינט אויסצוהאַקען, און שניידט זיך ברייט אַריין צווי־שען פוירערשע פעלדער מיט שיטערע האָבער.

מיט'ן שפּיץ פון דער ביימש ווייזט מאַטשיעי אויפ'ן האָבער, און מאַכט דיזעלבע טרויעריגע באַמערקונג:

— ער שטעהט נאָך. עס לוינט זיך דען צו שניידען אַזאַ האָבער?

ער האַקט אָפּ און דרעהט זיך צוריק איבער צו די פערד, וואָס האָבען זיך באַנוצט מיט דער מינוט און אַראָפּגעכאַפּט זיך צום האָבער. דאָס לינקע, וואָס האָט שוין געהאַט אויסגעדרעהט דעם קאָפּ צום בייסען, באַקומט אַ שמיץ. —

— פּשאַ־קרעוו!

אַ שטילע טרויעריגע נאַכט, אָהן אַ לבנה. שיטער, ווי דער האָבער אויפ'ן פעלד, בלאַנקען פאַרזייהטע שטערענדלעך, עפּעס מיד, פאַרוואָגעלט, עפּעס ווי אָפּצוקומען... דאָס אויפפלאַטערען פון פויגעל אין וואַלד יאָגט אונז וואָס אַמאָל ווייניגער נאָך. שטיל. רעכטס אין יענער זייט פעלד, ציהט זיך אַ לויזע קייט פון קאַרג־באַוואַקסענע בערגלעך, וואָס רוקען זיך פויל און פּאַמעלעך צוריק, צוריק, ווי מאָדנע, שלעכט־געשווירענע שאָף. אָט איז איינע אַרויף אויף דער צווייטער און איז, רייטענדיג, פאַרשטאַרט געוואָרען... די זון איז שוין לאַנג אַראָפּ קעגענאיבער. דער לעצטער ליכטיגער שטרייף, ביים זוים פון הימעל, לעשט זיך פּאַמעלעך אויס אונטער צייטיגע, פאַרשוואומענע נעבעל.

לינקס, פון צווישען שיטערען האָבער, ציטערען אַרויס צו־וואַרפענע פלעמלעך.

— א דאָרף ? — פרעג איך.

— אונזער דאָרף ! — ענטפערט מאַטשיעי, און זעהענדיג, אז איך האָב קיין חשק נישט צו לאָזען איהם שלאָפען, זיפצט ער אָפּ, זיך אונטערגעבענדיג, נעמט אַרויס פון בוזעם די ערדענע פּיפּקע, שטופּט זי אָן פול מיט מאַכאָרקע און פאַררויכערט. ביים אויפ־פלאַמען פון שוועבעלע פאַלט א רויטליכער שיין אויף זיין האַלב־אויסגעדרעהט פּנים אין דער ראַם פון א האָריגער מיץ און א באַ־וואַקסענער געמבע.

— טאַק, — חזר'ט ער איבער, — אונזער דאָרף...

— וואָס אַזוי צוואָוואַרפען ?

— אַזוי אויסגעקומען... דער פריץ האָט געמאַכט יד אחת מיט דער קאַמיסיע... מיר האָבען דען פאַרשטאַנען ?

— און אידען וואוינען ביי אייך ?

— ביי אונז נישט. אויף אונזערע פעלדער טאָר מען נישט. אויף פּריצישע...

— און די פּריצים לאָזען ?

— נישט אומזיסט. און ווי איינער... ווער עס הערט נישט דעם גלח...

— זיי שאַדען אייך, די אידען ?

— שאַדען ? — ער וואַרפט אויף מיר א פאַרשענדיגען בליק, שווייגט א ווייל און גיט צו :

— אָבער וואָס מויגען זיי אונז ?

אין פעלד אַרבייטען זיי נישט. „נישט זייערע הענט“... און ווער וועט זיי געבען ערד ? דאָס איז די פראַגע ! — אַמאָל פלעגען זיי האַלטען די קרעטשמעס...

— האָט זיך געטרונקען ?

— א זינדיגער מענש...

— אויף באַרג ?

— ווי אַמאָל... פאַר ניי־יאָהר זיכער אויף באַרג.

— און דער איך פלעגט פאַרשרייבען ?

— אודאי, וואָס דען, שענקען זאָל ער ? ער האָט קיין ווייב און קינדער נישט ? יעדערער קוקט אויף זיין ברויט...

— מיט א טאָפּעלט קריידעל ?

— ווער ווייסט? מ י י נ ע פלעגט אזוי זאגען... און האט ווייטער געטרונקען אויף בארג.

— זי אויך!

— זי אויך. מען מוז. אסך מאל מוז מען — שכור'ערהייט האט זי איינמאל געוואלט מאשקען אונטערציגדען.

— וואס פאר א מאשעק?

— אונזער מאשעק... וואס האט דאמאלט די קרעטשמע גע־האלטען... היינט ה א נ ד ע ל ט ער ביי אונז. אן עהרליכער מאן מאשעק. מיט'ן קריידעל, וויים איך נישט, נאר אזוי — א גוטער מענש... וואס מען דארף: א פעלדשער, א דאקטאר, אן אדוואקאט... אלץ ווייסט ער, און פיהרט אומעטום...

— און זי האט איהם נ י ש ט אונטערגעצונדען?

— ווי!... געלאפען מיט א ברענענדיגען שייטהאלץ אונטער־צינדען און געפאלען איבער דער גאס. עד היום האט זי א ברען אויף דער האנט, זי איז מיט דער האנט אין פייער אריינגעפאלען. א געשריי געמאכט... מען האט זי קיים אפגעלאשען... דערנאך האט זי מאשקען איבערגעבעטען... אודאי. און ער האט איהר מוחל געווען... א גוטער מענש מאשעק. אט שטעהט ער דארט.

ער ווייזט ווייטער מיט דעם שפיץ בייטש פאר זיך, און איך זעה נאר א שאטען ביים ראנד פון וועג.

— דאס שאקעלט זיך, — זאגט מאטשיעי, — זיין כאלאט... א זאק טראגט ער אויף די פלייצעס. אודאי אין שטעדטעל אריין נאך עפעס.

— וואס־זשע שטעהט ער?

— ער, וויל מען זאל איהם אריבערפיהרען איבער'ן וואסער.

— וואס פאר א וואסער?

— דארט! — ווייזט ער צום עק דארף.

דעם שפיגעלדיגען ברייטען שטרייף אונטער'ן הימעל האב איך געהאלטען פאר טוי.

עס איז געווען נ י ש ט קיין טוי.

— דער פאן ווייסט נישט, אז דאס יאהר האבען מיר קיין רעגען און קיין טוי נישט געהאט? וואסער איז עס.

— מען וועט פאהרען איבער א פאראם?

— וואָס פאר א פּאראָם? ביז צום קנעכעל וואַסער... א שטע־הענדינס...

— רעגען־וואַסער?

— „מוסי“!... (דאכט זיך).

— פון די ארומיגע בערגלעך?

— „מוסי“...

מיר פאָהרען ווייטער, און פון שאָטען ווערט טאַקע אַן אמת׳ער מאָשעק. איך זעה שוין, ווי די פּאָלעם פון כאַלאַט שאָקלען זיך. א ווייסע באָרד ציטערט.

מיר האָבען זיך מיט איהם אויסגעגלייכט, און ער האלט זיך שוין ביים ראַנד פון פוהר.

— גוטען אָוועגט, מאַטשיעי!

— גוטען אָוועגט, מאָשעק!

— נעם מיך אויף איבער׳ן וואַסער —

— א צעהנערעל!

— א פּאַפּיראָס!

— מיט א קאָפּיקע!

— צוויי פּאַפּיראָסען!...

דינגט זיך „מאָשקע“ מיט׳ן פויער, נאָכגעהענדיג דער פוהר אין שווערען זאַמד.

— בעט דעם פּריז! — זאָגט ענדליך מאַטשיעי.

און מאָשעק טוישט די האַנט, דרעהט זיך איבער צו מיר. א מאָגערער, גרייז־גרויער איד —

— פּאַן — הויבט ער אָן — פּאָזוואָ—

נאָר ער ענדיגט נישט. ער האָט א בעסערען תביעת עין פאַר׳ן פויער. ער דערקענט באַלד, אַז דער פּריז איז קיין אמת׳ער פּריז נישט, און ווינקט זיך שוין מיט „ראשו ורובו“ איבער דער פוהר. ער האָט נאָר א ישוב, וואו ער זאָל זיך צוזעצען. אפשר צום פויער? פּאַרט א דייטש!

נאָר איך האָב איהם שוין אַן אָרט געמאַכט נעבען מיר:

— זיצט ר׳ משה.

צוויי מאָל דאַרף מען איהם נישט זאָגען, ער זיצט שוין און רעדט שוין:

ראשית — שלום־עליכם א איד...

השנית — א שעהנעם דאנק! פון מאטשיעי'ס מאכארקע קאן מען שכור ווערען.

והשלישית:

— פון וואנען וויסט עס א איד, אז איך הייס משה? איהר קענט מיך?

איך זאג איהם אויס, פון וואנען, און ער פון זיין זייט באַרוהיגט מיך:

— נאר איבער'ן וואסערל — זאגט ער, דערנאך נעם איך מיך רעכטס... — איהר פאהרט אודאי ליגקס?

ער הויבט מיך אן פארשען, און איך האק איהם איבער.

— ווי דאס וואסער גלאנצט, א שפיגעל.

— בא! אזא וואסער... און ער האקט אפ. איך דערפיהל עפעס א באהאלטען ענין.

— וואס פאר א וואסער? רעגען־וואסער?

— רעגען־וואסער! — מאכט ער פאר־דיסליך — ווען איז געווען רעגען?

— מוז זיין ערגעץ א קוואל?

— וואי האט איהר דא א קוואל? צעהן מייל ארום נישט!

— וואס דען, ר' קרוב?

— וואס דען?! גארנישט.

ער באהאלט עפעס א סוד.

— פארט וואס?

— וואס ווען מיר רעדען פוסטע רעד... — וויל ער מיך אראפפיהרען פון וועג. — זאגט בעסער, מיט וואס האנדעלט א איד?

איך וויים שוין זיכער, אז מיט'ן וואסערל איז נישט פשוט.

— און עפעס בלאנקט עס אזוי וואונדערליך־רוהיג אין דער שטילער נאכט... און עפעס קוקט ער דערויף נישט פראסט, און רייסט דערפון קיין אויג נישט אפ, און עפעס פיהל איך, קלינגט אין זיין קול... איך מוז איהם מאכען רעדעוודיג.

— עפעס — זאג איך — דערצעהלט מען וועגען וואסערל!

— מאלע וואס... עט...

עפעס געטרויט ער מיר נישט. איך דערלאנג איהם א פאפיראס; ער רויכערט נישט.

— אפשר א קאפּ? — פרעג איך און נעם ארויס מיין פּלעשעל.

— פאר מעריב!... כ'האב מיך נאר וואס ארומגעגארטעלט מיט דער פּאטשיילקע מעריב צו דאווגען, הער איך — מען פאהרט. לויף איך ארויס און שטעל מיך ביים וועג. ס'איז קיין חיות נישט... געוועהנליך געה איך אריבער צו־פוס, וואסער איז ביז צו די קנע־בעל, נאר די וואך, לא־עליכם, בין איך נישט בקו הבריאה... האב איך מורא פאר פארקיהלען... פארשטעהט איהר מיך, מעריב וועל איך שוין דאווגען דארט (ער ווייזט מיט'ן פינגער רעכטס)... און איהר — טרינקט געזונטערהייט, לחים ולשלום!

— אליין טרינק איך נישט... און איך באהאלט צוריק דאס פּלעשעל...

— אפשר וועט איהר אפּדאווגען מעריב?

— אויפ'ן וועג דאווען איך נישט...

— וויא! פאלט אריין מאטשיעי, זיך נעמענדיג בארג אויף.

— זעהט איהר! — מאכט ר' משה, — דאווען ביי א פויער! ווייטער א פּויזע.

— און ווי געהט עס אייך? ר' משה? — פרעג איך, צוריק אנקניפּענדיג.

— אט פאראן א בורא עולם, לעבט מען.

ער בלייבט ווייטער שטיל, נישטא זיך אז וואס אנצוטשעפּען.

— ווייסט איהר וואס, ר' משה?

— וואס, למשל?

— דערצעהלט עפּעס! עס איז אזוי שטיל... נישט היימליך שטיל.

— וואס פאלט אייך איין... וואס זאל איך אייך דערצעהלען?

— כאטש וועגען וואסערל... איהר ה א ט דאך א מעשה וועגען וואסערל?

— און אז איך האב, ווילט איהר האבען פון וואס צו לאכען?

— חס ושלום!

— און אפשר נישט — ווענדט ער זיך אליין אפּ — היינטיגע צייטען... „ציוניזם“...

— ווי קומט אהער „ציוניזם“?

— ווייס איך? נאר עפּעס פלוצלונג איז אן איבערקעהרע־

ניש געווארען... ישיבה־בחורים ווערען ציוניסטען און ווארפען אוועק די גמרא און מוען אלעם בייז... דייטשען ווערען ציוניס־טען און כאפען זיך צוריק צו אידישקייט... געגאלטע בערד און אי־דישקייט... איך מיין נישט אייך, חלילה — גיט ער צו מיט אן איבערבעטענדיגען שמייכעל...

— ווי קומט דאס צום וואסערל?

— עס קומט.. אט, זאל אייך נישט פארדריסען... א דייטש, למשל, ווערט פרום, האט ער, למשל, יאהרצייט, געהט ער אריין אין א אידישע רעסטאראציע און הייסט זיך געבען פאר דער מא־מעס נשמה וועגען — „קוגעל" — זיין אידישקייט איז קוגעל... אייער אידישקייט איז אפשר מעשה'לעך, איהר האט יאהרצייט?

און דאך האט ער מיר די מעשה דערצעהלט. ער האט אפשר מעהר געוואלט דערצעהלען, ווי איך הערען!

— וואו היינט איז דאס וואסערל, איז אמאל א שטעדטעל געווען... אפילו נישט קיין גרויס שטעדטעל, נאר אזוי. דער עיקר איז געווען: פרנסה האט מען געהאט...

— און וואו איז עס אהינגעקומען?

— וואו איז אלץ אהינגעקומען? דא איז אמאל וואלד גע־ווען... וואו איז ער? ארום און ארום וואלד געווען... א „מאיאנ־טעק!" אין י ע נ ע ר זייט וואלד איז א פ א ל א ץ געווען...

— כ'האב געזעהן א חורבה...

— אויף שטיקער צופאלט זי! דאמאלט האט א גראף גע־וואוינט... און דער פאלאץ האט ביינאכט געליכט מיט שטורקא־צען זיבען מייל ארום... און דער וואלד האט געלעבט א לעבען — געקלאפט און גערוישט און געקנאקט און געבולען... פריצים האבען געפייפט, געבלאזען אויף זייערע שופרות, להבדיל; און געיאגט, און געשאסען, און געהוליעט, און אויסגעזעצט זיך אויפ'ן גראז מיט מוזיק, מיט שטורקאצען... מיט ווייבער... און געגעסען און גע־טרונקען... און הינט האבען געוואיעט!...

נאר אנגעהויבען האט זיך עס שוין...

אראפצו האבען שוין דייטשען געוואוינט, דעם וואלד גע־האקט... אויף אן אנדער זייט — שינדעל־מאכער... מען פלעגט דורכפאהרען: דאס מאל א הילצערען ביידעל... פאר'ן ביידעל א פייערל... דער שינדעל־מאכער ארבייט ביים ליכט, דאס ווייב קאכט

וועטשערע ביים פייערל... און פרעהליך, מען זינגט... איין שינדעל־מאכער זינגט פייפענדיג צו צום צווייטען, איינער צום צווייטען... און אזוי געהט עס דריי, פיער מאל איבער'ן וואלד...

און וואו דאס וואסערל איז, האט ג א ר פארצייטענס געוואוינט א ישוב'ניק, דער פאכטער... מיט דער צייט האט ער זיך אראפּגעברענגט צוויי איידעמס... גענומען שנורען אויף קעסט, געהאלטען א מלמד... צוגעבויט הייזלעך... אראפּגעברענגט א שוחט... נאך עטליכע יאהר — א שטעדטעל.

און, ווי געזאגט, א שטעדטעל מיט פרנסה!

דער פריץ האט געשאסען א האז, דער „גאיאווע", אונטער זיינע פלייצעס — עלף, צוועלף פעלעכלעך בחצי חנם... היינט — דאס מילכיגס, פון צעהן פאלווארקען א מילכיגס! היינט — אביסעל תבואה... און דעם פריצ'ס תבואה — נאך אויפ'ן פעלד, סאמע „קאנדיציעס" — און געוועלבלעך: שפייז, בשמים... און ליכט און מעד און אלערליי וויינען... דער הויף דארף!

און דאס ביסעל אידלעך איז טאקע געזעסען און געלערענט... די נשים האבען געהאנדעלט... דעם „חמדת הימים'ס" לייבליכער ברודער איז דא רב געווען... אריינגעשיקט קיין ווארשוי א פאר היהנער מיט אביסעל האניג א צולאג צו א שאלת־תשובה צום ווארשעווער רב: אהובי אחי, היות... און אזוי ווייטער... מיט דער צייט: לומדים מופלגים, איידעמס פון די גרעסטע ישיבות ארויס... קליין, נאר, ווי זאגט מען עס, מיט וואג, א שטעדטעל מיט וואג... עס האט גארנישט געפעהלט. אפילו א למ"ד־וויו'ניק געווען...

— א וואסער־טרעגער?

— דוקא א קירזשנער! געדאכט האט זיך, אפילו אן עהרליבער איד, נאר אן עם הארץ דאוריתא... שטענדיג מיט די אויגען אין סדור; „אשרי" נישט אויסענווענינ. און קיין קול געהט איהם ביים דאווענען פון מויל נישט ארויס. אפילו ביים „למנצח" נישט. ער מוז נעבעך, זאגט מען, קיין עברי נישט קענען... נאר אזוי— נאר פרום! ערב־יום־כפור, למשל, לאזט ער זיך ב א מ ת שמייסען, „עס זאל וועה טון!" בעט ער זיך רחמים ביים שמש. סוכות ווייטער שטעהט ער אפּ שעה'ן־לאנג ביים רב אונטער דער טיר— ער וויל דוקא בענשען מיט זיין אתרוג! פאר הושענא־רבא ווערט

ער גאַר נעלם אויף אַ טאָג — און ברענגט זיך, ווייסט דער בורא עולם פון וואַנען, הושענות, וואָס די וועלט פאַרמאָגט נישט... וויס איך? אַז ער נעמט קיין יתור נישט, מילא — ווער האָט דאַמאָלט געווען? נאָר פּלוצים מאַכט זיך אַ מעשה... חול־המועד־פּסח איז עס געווען. יא, חול־המועד־פּסח. און אפשר חול־המועד־סוכות; נאָר זיכער חול־המועד. געהען פון ערגיץ אַ פּאָר מענשען, בייי נאַכט... פון אַ שמחה, צי פון אַ חולה. בית־המדרש־לייט, יונגע־לייטלעך... ערגעץ זיך פאַרזעסען. פאַראַמפּערט זיך אין לערנען... געהען זיי אַזוי איבער'ן מאַרק — פאַר'ן קירזשנערס שטוב פאַר־ביי — ביים קירזשנער לייכט זיך... דורכ'ן לאָדען לייכט זיך... פאַלט זיי איין אַ חשד; יונגעלייט! באשר בכן, נאָך יום־טוב איז באַלד יריד, ארבייט ער, דער עם־הארץ, אויפ'ן יריד אום חול־המועד, און באַלד האָט מען אַ סמך: ולא עם הארץ חסיד! ווילען זיי איהם כאַפּען... און עס איז לייכט צו כאַפּען: דער לאָדען איז נאָר צוגעשפּאַרט. גיט מען אַ קלאַפּ אין לאָדען! וואָס האָבען זיי אָבער דערזעהן? דער קירזשנער זיצט ביי אַ חלב'ן ליכטעל איבער אַ ספר און וויינט.. מען זעהט בחוש, ווי ער וויינט... טרערען גיסען זיך... ער קוקט אין ספר אריין און זיי גיסען זיך! און אין שטוב איז ליכטיג. ג י ש ט ווי פון אַ חלב'ן ליכטעל. און ער טוט זיך זיינס און הערט נישט, ווי מען האָט געעפענט דעם לאָדען. בלייי־בען זיי שטעהן דערשראָקען, מאַכען זיי שטיל צו דעם לאָדען...— זאָל עס בלייבען, זאָגען זיי, בסוד... ווער ווייסט, וואָס דאָס באַ־טייט: דאָס איז איינס. אין אַ פּאָר יאָהר שפּעטער מאַכט זיך ווייטער אַזאַ מעשה: פּלוצלונג הערט זיך אַ משונה'נער קלאַנג, עס ווערט אַ קלא דלא פּסיק, — באשר בכן, אַז ערגעץ אין דער סביבה, נאָכדעם ווי עס איז נפטר געוואָרען אַ מרא דאתרא, האָט קהל אָראָפּגעבּרענגט צוויי רבנים... דאָס הייסט: בעלי בתים — איין רב, און חסידים — אַ צווייטען רב...

היינט איז מען געוואוינט צו אַזוינע זאַכען. דאַמאָלט — נאָך נישט. אַ פּשוט'ער חלול השם... מחלוקת... ווערט איין אסיפה, אַ צווייטע, אַ דריטע — אַהין אַהער, עס בלייבט עס זאָל פּסק'ענען דער לובלינער רב! וואָרים אַ מעשה —ביידע רבנים זענען לומדים, עהרליכע אידען, און ביידע זענען אָראָפּגעבּרענגט געוואָרען אין איין טאָג! דער איז אריינגעקומען פון מזרח־זייט, דער פון מעריב־

זייט און האבעןביידע זיך געטראפען פונקט אינמיטען מארק!
גאנץ וויים וועלכען אפצושאפען!

— און וואס האט געזאגט דער לובלינער רב?

— דאס איז דאך די מעשה, ער האט אויך גארנישט געזאגט...
ער האט נישט — זאגט ער — קיין וואג אפצואוועגען רבנים!... נאר
וואס דען? און דא הויבט זיך ערשט אן די מעשה... א קלא דלא
פסיק, אז דער לובלינער רב האט זיי אן עצה געגעבען, זיי זאלען
אראפשיקען צוויי בעלי־בתים אין דעם און דעם שטעדטעל אריין
(ער האט זיי אנגערופען דאס שטעדטעל) פרעגען זיך צו לייבעל
קירזשנער — לייבעל האט ער געהייסען — און וואס לייבעל קירזש־
נער וועט זאגען, אזוי זאל זיין... אזא קול איז ארוים. ווער האט
דערצעהלט? מען ווייסט נישט. זענען דא געוועזען פרעמדע מענ־
שען? עס ווייזט זיך אוים, אז עס זענען געוועזן. עס האבען זיך
ארומגעדרעהט אין גאס צוויי פרעמדע לייט... משונה'דיגע ספאָ־
דיקלעך... נישט געהאנדעלט, נישט געקויפט, נישט פארקויפט —
גארנישט און נעלם געווארען. עס געפינט זיך שוין איינער, וואס
האט זיי געזעהן ביי לייבעל קירזשנערס שטוב... לויפט מען צום
רב, ווייסט ער פון גארנישט. געהט, זאגט ער, צו לייבלען און
פרעגט, געהט מען און וויל פרעגען. זעהט מען — לייבעל פאקט
זיך —

— וואו אהין פאהרט איהר, ר' לייבעל? — מען זאגט איהם
שוין: „ר' לייבעל!"

קיין ארץ ישראל פאהרט ער.

איהר פארשטעהט א מעשה? קוים זאל ער נתגלה ווערען,
פאהרט ער קיין ארץ ישראל...

— און ער איז געפאהרען?

— געפאהרען!

מאטשיעי שלאפט.

דער וואגען טרעפט אויף א צווייג פון א געוועזענעם בוים
און שפרינגט קאפויר. מען איז דאך אפגעקומען מיט א קליין בי־
סעל שרעק. מיר פאהרען וויטער טריט ביי טריט און ר' משה
הויבט צוריק אן צו דערצעהלען.

— יא, וואו האלט איך? ביים אוועקפאהרען...

געוועזן איז אבער נאך אן עהרליכער איד, אפילו א פלוטעוואַ־טער, בייזער איד, א שטיק משוגעת — א דרדקי־מלמד, יוסל בער־טשיעס האט ער געהייסען. און דעם יוסל בערטשיעס שיקט ער רופען פאר'ן אוועקפאהרען! ער דארף איהם עפעס מוסר זיין...

די בויד שטעהט גרייט, אנגעפראפט מיט פארשוינען און מען ווארט, און זיי שמועסען עפעס חדר בחדר אויפ'ן אויער.

און עס איז געווען א וויכטיג ענין.

— זיי וויסען, — האט ער איהם מוסר געווען, — אז דער שר של אש איז אין כעס אויף אונזער קהלה!...

— פארוואס? — פרעג איך.

— דאס האט טאקע יוסל בערטשיעס אויך געפרעגט, האט ער איהם אבער נישט געזאגט און אפשר נישט געוואלט זאגען, גע־זאגט האט ער, אז עס איז א גאנצער ענין, צו דערצעהלען באריכות, און די בויד ווארט, און ער וויל נישט, דער בעל־עגלה זאל שילטען... נאר אין כעס איז ער, און וויל דאס גאנצע שטעדטעל פארברענען. מילא, כל זמן — זאגט ער — איך בין דא געווען, האב איך נישט דערלאזט... גאנצע נעכט בין איך געזעסען איבער הייליגע ספרים... דער שר של אש לאזט א פונק אויף א שטרויענעם דאך, איך — א טרער אויפ'ן ספר, און די טרער אויפ'ן ספר פארלעשט דעם פונק אויפ'ן דאך!... אצינד פארשטעהט איהר, וואס עס איז געווען חול־המועד, הא? ! און אזוי כמה שנים — זאגט ער — האבען מיר זיך געבארעט, ער — פייער; איך — וואסער! הייגט — זאגט ער — פאהר איך אוועק... וויל איך, זאגט ער, אז דו יוסל בערטשיעס, זאלסט באשיצען אויף מיין ארט די קהלה... זאלסט זיין ממלא מקומי.

— גאנצע נעכט זיצען איבער ספרים און וויינען? — פרעגט יוסל.

— דאס נישט — זאגט ער — נישט פאר דיין כח! וועסט פאר חלשות באלד איינשלאפען... נאר מוסר וועל איך דיר מוסר זיין צוויי שמות — איין שם אויף רעגען! וועסט דיך צו איהם מתכון זיין א י נ מ א ל, וועט אנהויבען טריפען, וועסט נאך קיין ענגים נישט זעהן און טריפען וועט... וועסט דיך מתכון זיין דאס צ ו ו י י ט ע מאל, וועלען קומען ענגים און עס וועט זיין

אַ שפּריי־רעגנדל... ווּעסט דו דיך אָבער מתכוון זיין צום ד ר י ט ע ן מאָל, ווּעלען אָנקומען נייע עננים ווי די בערג, און ווּעלען פאַרדע־קען דעם גאַנצען הימעל, און עס ווּעט אַראָפּפאַלען אַ שלאַגס־רעגען, וואָס ווּעט פאַרלעשען דאָס גרעסטע פייער!... ווּעסט דו אָבער זעהן, אַז עס איז גענוג — האָסט דו אַ צווייטען שם — אויף טרי־קעניש. קוים ווּעסט דו זיך מתכוון זיין צום שם, ווּעט קומען אַ ווינט פון מזרח־זייט און אויסקעהרען די עננים, ווי מיט אַ בעזעם, און פאַריאָגען זיי לאַרבע כנפות הארץ. און דאָ ווּעט אַרויס אַ תמוז'דיגע זון, אַ מחיה, און כהרף עין ווּעט ווּערען וואַרעם און טרוקען, ווי אונטער'ן אויווען... נאָר, הוי זהיר, צ ו ו י י מאָל צום שם זאָלסט דו דיך נישט מתכוון זיין, ווייל עס ווּעט ווּערען אַ היץ, ממש אַ פייער, וואָס ווּעט פאַרברענען אַלע תבואות און אַלע גראָזען. און מענשען, און בהמות, און חיות ועופות ווּעלען, חס ושלום, משוגע, מטרוף ווּערען... און עס ווּעט ווּערען, חס ושלום, אַ שנת בצורת — אַ הונגער, רחמנא לצלן...

וכך הוה!...

עס געהט נישט אַוועק אַ וואָך נאָך זיין אַוועקפאָהרען, קומט אָנצופאָהרען פון אַלדי שוואַרצע יאָהר מכלומרשט אַ דייטשעל, פרעגט זיך נאָך ווּעגען שוועלען און אַנדערע געהילץ. קויפען קויפט ער נישט, נאָר ער געהט אַרום מיט אַ פּיפּקע אין מויל און פרעגט אויס ווּעגען מקחים און פאַרשרייבט... פּיפּקעט און פאַרשרייבט. און עס באַווייזט זיך איינמאָל פאַרנאַכט אַ ווינטעל, און כאַפּט אַרויס אַ פונק פון דער פּיפּקע, און יאָגט אַרויף אויף אַ שטרויענעם דאַך! פאַרנאַכט איז עס געווען...

דער עולם איז ביי מנחה... פאַלען אַריין עטליכע מאַרק־איי־דענעס: עס ברענט!... דעם און דעמס שפייכלער ברענט. איידער וואָס, איידער ווען — אַ שרפה...

מען לויפט, מען שרייט, מען זוכט וואַסער — דער ברונעם איז אָהן שטריק. וואו זענען די שטריק? מען לויפט צום „הויף“ נאָך נייע שטריק און דאָ פּלאַקערט...

איז דאָך דאָ יוסל בערטשיעס, לויפט מען צו יוסל בער־טשיעס, לויפט יוסל בערטשיעס אין מקוה, איז זיך טובל דריי

מאָל און קומט אַרויף און איז זיך מתכון צום שם — עס הויבט אָן טריפּען... נאָך אַמאָל זיך מתכון — אַ שפּריי־רעגען!... איז שוין אָבער געווען צו שפּעט, דאָס פייער פלאַקערט וואָס אַמאָל שטאַרקער... דאָס רעגען־וואַסער פאַלט זידענדיג און קאָכענדיג אויפ׳ן פייער, עס זידט און קאָכט אין די אויערען! איז ער זיך נאָך אַמאָל מתכון — נו, נו!... קומען אָן שוואַרצע וואָלקען מארבע כנפות הארץ — עס ווערט אַ געגיסערייי, וואָס זאָל איך זאָגען, אַ מבול!

— און פאַרלאָשען די שרפה? — פרעג איך... דער איד ווערט טרויעריג:

— איידער וואָס, איידער ווען, די שטאָדט איז נחרב געוואָרען!

— צו שפּעט?

— דאָס איז ראשית... והשנית — האָט יוסל בערטשיעס דעם צווייטען שם פאַרגעסען! דאָס מבול האָט פאַרטרונקען דעם רעשט... און זעהט איהר, דאָס וואַסערל, וואָס איהר זעהט, איז אַ זכר פון יענעם וואַסער... עד היום נישט אויסגעטריקענט...

— און ווי אַזוי האָט עס פאַרט אויפגעהערט?

— ס׳איז דאָך נאַריש — ענטפערט ער — קיין מבול האָט דאָך נישט געקאָנט זיין — עס האָט דאָך געמוזט אַמאָל אויפהערען.

מיר פאָהרען שוין אין וואַסער אַריין.

— הפלא ופלא! — כאַפּט זיך אַרויס ר׳ משה.

— וואָס? — פרעג איך.

— אַט, אַזא וואַסער, און די פערד געהען... און מאַטשיעי פּיפּקעט... גלייך גאַרנישט!

די טויטע שטאָדט.

ארומפאָהרענדיג אויף דער פראָווינץ וועגען דער אידישער סטאַטיסטיק, האָב איך אונטערוועגנס געטראָפען אמאָל א איד, וואָס האָט זיך געשלעפּט טריט ביי טריט אין שווערען זאַמד. דער איד זעהט אויס קראַנק, קוים וואָס ער געהט. קוים וואָס ער שלעפּט די פיס. איך קריג אויפ׳ן רחמנות און נעם איהם אויף, אויף דער פוהר. ער זיצט אויף, שטעקט מיר אָפּ „שלום עליכם!“ פרעגט מיך אויס וועגען אַלערליי נייעס. איך ענטפער און פרעג צום סוף:

— און איהר פון וואַנען זייט, ר׳ קרוב?

— פון דער טויטער שטאָדט! — ענטפערט ער געלאַסען.

איך מיין, ער שפּאַסט.

— וואו איז עס, פרעג איך, — הינטער די הרי חשך?

— אי! — שמייכעלט ער, — דוקא אין פּוילען...

— אין אונזער מדינה, אזא שטאָדט?

— פאַראַן! — זאָגט ער — פאַראַן! הגם די אומות העולם, ווייסען נישט פון איהר, און האָבען איהר קיין גוי׳שען נאָמען ביז היינט נישט געגעבען... עס איז א אידישע, אַן עכטע אידישע שטאָדט!

— וואָס רעדט איהר?

— וואָס איהר הערט! איהר קאָנט אודאי געאָגראַפיע און מיינט, אַז אַלץ איז דאָרט פארשריבען; אַז אסור! מיר אידען לעבען אָהן געאָגראַפיע!... נישט פארשריבען און פון נאָהנט און וויט קומט מען צו אונז און מען פאָהרט פון אונז. נאָך וואָס געאָגראַפיע?... יעדער בעל־עגלה ווייסט דעם וועג...

— איהר גלויבט נישט? — פרעגט ער ווייטער.

איך שווייג.

— און דאָך איז אַזוי! אונזער מרא דאתרא שרייבט זיך דורך

מיט אַלע גאונים פון דער וועלט! עס געהען שאלות ותשובות ווע־גען אַלע די וויכטיגסטע זאַכען... און אַלץ ווערט פאַרזאָרגט... איז נאָך דער צייט! נישט לאַנג, למשל: האָט מען מתיר געמאַכט אַן עגונה, וואָס האָט שוין לאַנג אויסגעלעבט איהרע יאָהרען; נו, וואָס איז? דער עיקר איז דער שכר פון פּלפּול, נישט די עגונה!

ער מאַכט ווייטער:

—אַלע „אייניקלעך" ווייסען שוין לאַנג פון אונזער שטעדטעל... קומען, ברוך השם, גאַנץ אָפט... פאַהרען, ברוך־השם, נישט לעדיג אַרויס.

— דאָס ערשטע מאָל הער איך פון א טויטער שטאָדט!

— איז ווירקליך אַ וואונדער! מוזט איהר זיך אַביסעל האַל־טען פון ווייטענס... עס איז דאָך אַן עכט אידישע שטאָדט, אַן אמת'ע עיר ואם בישראל; זי האָט אַלץ וואָס א שטאָדט ברויך; משוגעים אפילו, צוויי, אָדער דריי! אין מסחר האָט זי אויך א שם!

— פיהרט עפּעס אַרויס צי אַריין?

— וואָס? וואָס זאָגט איהר? — פרעגט דער איד, נישט רעכט פאַרשטעהענדיג. — סחורה, מיינט איהר, אַרויס און אַריינפיהרען? איך שאָקעל מיט'ן קאָפּ אויף יאָ.

— געוויס! — ענטפערט ער — מען פיהרט אַרויס תפלין און רצועות, מען ברענגט אַריין אתרוגים פון קורפו און ערד פון ארץ ישראל! אָבער נישט דאָס איז דער עיקר: דער עיקר איז דער האַנדעל אויפ'ן אָרט, אין שטאָדט גופא, שענקען, אורחים־שטיב־לעך, אַלטוואַרג... כנהוג בישראל, ווי דער שטייגער איז...

— אַן אָרעמע שטאָדט?

— וואָס הייסט רייך און וואָס הייסט אָרעם? ס'איז דאָ פּרנסה! גאָר אָרעמע לייט, געהען אַרום אין די הייזער, אין דער־היים אָדער אין סביבות... דאָס מעהרסטע — אויפ'ן אָרט! ווער עס שטעקט אויס א האַנט, דעם גיט מען. אַנדערע זוכען זיך לייכטע מלאכות, א שטייגער: אַ מעקלעריי, זוכען אין די גאַסען און גע־פינען א כשר'ע מציאה... דער רבונו של עולם פאַרלאָזט נישט!... יתומים עסען טעג ביי בעלי בתים און לערנען אין תלמוד תורה; פון יתומים ווערען דינסט־מיידלעך, קעכין, פאַהרען אָפּ און זענען זיך אויך מפרנס... אַלמנות, גרושות און עגונות (אין די לעצטע

צייט איז פאראן אסך עגונות) זיצען פארשלאָפען איבער פייער־טעפ! און פארוויכט, חלומ'ט זיי, אז עס וואקסען שוין גרייטע זעמעל אויף די בוימער... אנדערע לעבען גאנץ בכבוד!

— פון וואס?

— פון וואס? ווי דער סדר עולם איז! אן ארעמאן האט בטחון, א סוחר שלינגט לופט, און דעם ערד־ארבייטער, דעם קברן מיין איך, דעם פעהלט אודאי נישט...

צי מאכט ער חוזק, דאס אויסגעדארטע אידעל, דער גל־עצמות, מיט'ן מאדנע פייערל, וואס בליצט איהם אין די טיף־איינגעפאלענע אויגען? אויפ'ן שארף־ביינינגען פנים, וואס איז ארומגעצייגען ווי מיט א געל שטיק פארמעט, באווייזט זיך דאך קיין מינדסטען שמייכעל... נאר דאס קול זיינס... עפעס קלינגט עס מאדנע!

— וואס איז עס פארט — פרעג איך — פאר א מין שטאדט?

— וואס הייסט? א שטאדט ווי אלע שטעדט! פאראן א שול; אויף די ווענט, דערצעהלט מען, איז געווען אמאל אויסגע־מאלט אלערליי חיות, בהמות און עופות, פון פרק שירה ארוים... אויפ'ן בעליק ווייטער — אלערליי כלי זמר, פון דוד המלך, עליו השלום... איך האב עס שוין נישט געזעהן, נאר אלטע אידען זאגען!

— און היינט?

— היינט? שטויב און שפינגעוועבס... נאר א הילצערנע קייט, פון איין שטיק אויסגעשניצט, העגגט נאך אראפ פון בעליק, פאלט זיך אזוי בנעימות אראפ, אין א זייט פון ארון קודש, רעכטס פון פרוכת, וואס איז ווייטער א מתנה פון פרומע נשים... ווער עס האט געמאכט די קייט, געדענקט מען נישט, נאר א מייסטער איז עס געוועזען! אזא קייט!

— אין שול — דערצעהלט ווייטער דער איד — דאוונען, ווי דער שטייגער איז, סאמע פראסטאקעס — בעלי־מלאכות; אויס־געגומען שניידער, וואס האבען א באזונדערען מנין, און קצבים מיט בעלי־עגלות, וואס האבען זיך היי־יאהר געדונגען א באזונדער שטיבעל צו דאוונען... די שול קאן קוים עברי! שעהנע בעלי־

בתים, בני תורה דאווגען אין בית המדרש, א גרויס בית־המדרש... אסך ספרים! חסידים ווידער דאווגען אין שטיבלעך!

— און מחלוקת פאראן?

— כל זמן מען לעבט! אויפ׳ן קברות פאר דאס, איז שלום... איין בית עלמין פאר אלע... דאס מרחץ מיט דער מקוה זענען אויך בשותפות פאר אלע...

— וואס נאך פארמאגט איהר?

— וואס דארף מען נאך? געוועזען הכנסת אורחים, אונטער־געגאנגען... אורחים קאנען שלאפען אין בית המדרש... לעדיג ביי־נאכט... א הקדש האבען מיר!

— א שפיטאל, מיינט איהר?

— נישט קיין שפיטאל, נאר א הקדש. צוויי שטובען, פריי־הער איז עס געוועזען דעם בעדערס דירה, דערנאך האט מען גע־מאכט, דער בעדער זאל יוצא זיין מיט איין שטוב און די צווייטע זאל זיין א הקדש... בסך הכל ליגען דארט, דאכט זיך, דריי קראנקע ווייבער. איינע, נעבעך, אן אלטע, אפגענומענע פיס, און ליגט אי־בערנאנד; א צווייטע — הענט און פיס אפגענומען, און נאך א משוגע׳נע עגונה, דריי ווינקלען פארנעמען די בעטען, אין פיערטען שטעהען קוימען־אויווען! אינמיטען האב׳מיר נאך א טויטען־שטי־בעל, טאמער טרעפט זיך!

— איהר לאכט פון מיר, ר׳ קרוב, — פאל איך איהם אין די רעד — עס איז דאך טשיאכנאווקע! טשיאכנאווקע מיט איהר מסחר, צדקות און מעשים טובים! פארוואס זאגט איהר: די טויטע שטאדט?

— ווייל איך מיין טאקע די טויטע שטאדט! איך רעד פון א שטאדט, וואס באלד אין דער התחלה, ווען זי האט זיך געבויט, איז זי געהאנגען אויף א האר, און היינט, אז די האר האט זיך אי־בערגעריסען, הענגט זי אין דער לופט. אויף גארנישט האלט זי זיך. און ווייל זי האלט זיך אויף גארנישט און שוועבט ארום אין לופט, איז זי געווארען א טויטע שטאדט... ווילט איהר, וועל איך אייך דערצעהלען, פארוואס און ווי אזוי.

— אדרבא.. זעהר אינטערעסאנט.

עס פאלט דערווייל צו די נאכט... דער הימעל ווערט אין א זייט בלוטיג, פייערדיג; דארט געהט אונטער די זון. פון דער צווייטער זייט דאגעגען, פון א קלארען, לייכטען נעבעל שווימט ארויס די לבנה, ווי א כלה'ס פּנים פון אונטער א ווייסען שלייער. די בלאסע שטראלען, וואס זי זייהט אויף איבער דער ערד, ציטערען און מישען זיך אויס מיט די ציטערדיגע שאטען פון דער טרויעריגשטילער נאכט...

עס ווערט אומהיימליך.

מיר פאהרען אריין אין א וועלדעל. דער לבנה'ס שטראלען גנב'ענען זיך צו אונז דורך די ציטעריגע בלעטער...

אונטען, צווישען אראפּגעפאלענע בלעטער און צווייגען, טאנצען ארום קליינע ליכט־רעדלעך, ווי זילבערנע מטבעות, עפּעס א כשוף שטעקט אין דער באלייכטונג, אין שטיל־רוישענדיגען וואלד...

איך ווארף א בליק אויפ'ן אורח, ער האט שוין, דאכט זיך, גאר אן אנדער פּנים... ער איז אזוי טרויעריג און ערנסט; דער בליק, דאכט זיך, איז אזוי עהרליך און פראסט...

זאל דאס א ל ץ אמת זיין?

הא... איך וועל הערען!

— פון דער ערשטער רגע אן — דערצעהלט דער איד, — האט די שטאדט געהאנגען אויף א האר, ווייל מען האט זי באלד געשטעלט אויף אן ארט, וואו עס טאר, על פּי דין, קיין אידישע שטאדט נישט זיין! ערשט, אז עס האט זיך צונויפגעזאמעלט דאס ערשטע מנין, האט מען געמאכט אן אסיפה... עס איז געבליבען, מען זאל זיך צורעכענען צו איינער פון די שטעדט אין דער סביבה. אויף דעם סמך האט מען דערווייל געבויט א מקוה, א שול, דערנאך — א מרחץ. געקויפט נאך א שטיקעל ערד אויף א הייליג ארט...

און, אז מען האט שוין אלץ אפּגעטאן, האט מען געשיקט שתדלנים, וואוהין מען דארף, מען זאל דאס אלץ באשטעטיגען...

— מיט'ן קאפּ אראפּ?

— וואס געהט ביי אונז נ י ש ט אזוי? עס קאן דען אנדערש זיין?...

— ווייס איך...

— סיי ווי סיי — א מעשה שהיה! און עס איז גארנישט אזוי קרום געוועזען ווי איהר מיינט...

געוועזען איז א איד אַן עושר, א גביר! דער גביר איז געווען, פארשטעהט איהר, ווי דער סדר עולם איז, א שטיקעל, און אפשר א שטיק קרוב למלכות... א תקיף... האט מען אַלץ געמאַכט אויף זיין נאָמען: זיין שול, זיין מרחץ, זיין מקוה, — אפילו זיין הייליג אָרט... פּאָליציי האט געשוויגען; איך זאָג דאָך אייך — א תקיף!

אז עס וועט קומען דאָס פּאַפּיר פון הויבען אָרט, וועט ער אי־בערשרייבען אויף קהל, וועט אויפהערען דאָס לא־ירחץ געלט...

— און דערנאָך האָט דער גביר געזאָגט: עלי כתיב?

— ניין, מיין ליעבער האר, דאמאָלט זענען נאָך אַזוינע גבירים אין דער מאָדע נישט געוועזען... מען האט בכלל פון „עלי כתיב" נאָך נישט געוואוסט. נאָר הערט וואָס עס קאָן זיך פּאַסירען, וואָס עס מאכט זיך אמאָל אויף דער וועלט!

נישט דער גביר, נאָר דער שתדלן האט אַנגעמאַכט די גרויסע צרה... אויפ'ן וועג, האט ער זיך מישב געוועזען, און איז אַנטלאָפען! מיט'ן געלט, מיט די פּאַפּירען... און איבערגעלאָזט דעם פּריש געבאַקענעם קהל, אַן עגונה מיט לעבענדיגע יתומים...

— האָט מען געשיקט א צווייטען?

— אזוי געשווינד? איידער מען איז געוואָר געוואָרען, אז ער איז אַנטלאָפען, איידער וואָס, איידער ווען, איז דערווייל דער גביר געשטאָרבען און איבערגעלאָזט, צווישען אַנדערע, א יורש א יתום קטן... פאר 21 יאָהר טאָר ער דאָך נישט אפשרייבען!

— איילט מען זיך נישט?

— געווים... אז ער וועט אַלט ווערען איינאונצוואַנציג יאָהר, וועט מען שיקען א נייעם שתדלן און אפשר צוויי...

— און מען האט עס פארשריבען לזכרון אין פּנקס?...

— אַט! אַט!... האט טאַקע דער פּנקס געדענקט און דער עולם פארגעסען!

טייל זאָגען, אז דער פּנקס איז פאַרברענט געוואָרען: דער גבאי האט געהאַלטען דעם פּנקס און הבדלה געמאַכט, אונטערגע־צונדען אביסעל בראַנפען און ואיננו...

קהל דערווייל, קיין עין הרע, וואַקסט; אידעלעך, ברוך השם, מעהרען זיך. עס קומען צו פון אַנדערע קהלות אויך: דער ברענגט

אן איידעם, דער א שנור, מיט איין ווארט, עס צוואוואקסט זיך. און, ווי להכעיס, דעם גביר'ס יורשים פאלען! די אלמנה האט חתונה און פאהרט אפ, איין זוהן נאכ'ן צווייטען זוכען פרנסה אין דער פרעמד... אויף שבעה ימים זיך צולאפען. געבליבען איז נאר דער יתום קטן... קהל מאכט איהם אן אפוטרופס, מאכט איהם חתונה, גיט איהם צו א געניטען שותף —

— דער מאכט איהם אויס אן אויער!

— כדת משה וישראל!

און צרות האט ער פון שותף, גרעסערע פון ווייב; א פאלשע וועקסעלע האט ער אויך אונטערגעשריבען, מאכט ער אויך פליטה... א גרויסער באנקראט... היימישע, פרעמדע, עס ווערט א געוואלד, א גערויש, עס שפארט אן אין סאנד, עס קומט א קאמארניק... געלט איז נישט געווען, מטלטלין האט דאס ווייב באהאלטען, — נעמט זיך דער קאמארניק צו דער שול מיט'ן בית עלמין!

א דונער האט אריינגעשלאגען אין שטעדטעל! א דונער פון ריינעם הימעל אהן א פיצעל וואלקען, דען, פארשטעהט איהר, דאס אלץ איז געווען ביז דער לעצטער רגע בסוד סודות...

פלוצים, גאר פלוצים, אויף אמאל איז מען געוואר געווארען, אז קהל הענגט, ווי איך האב אייך געזאגט, אויף א האר!

וואס בלייבט צו טון? פאהרט מען צו אדוואקאטען... וואס קאנען זיי ראטהען אין אזא פאל? מען זאל צולאזען א ליציטאציע, דער קאמארניק זאל אלץ פארקויפען, און קהל זאל אפקויפען! וועט קאסטען, וועט קאסטען! קהל איז דאך אבער דערוייל נאך קיין קהל נישט, מען האט דאך די פאפירען פארלוירען אויפ'ן וועג? זאל מען אויפשטעלען אן אנדערען גביר, און אויף זיין נאמען קוי־פען. דער עיקר — מען זאל נישט ווארטען, ביז דער גביר וועט, חס ושלום, אפקומען אדער אוועקקומען, רחמנא לצלן.

אין פלוג, דאכט זיך, נישט קיין שלעכטע עצה... היזק האבען געלט איז קהל געוואוינט... איז אבער שוין דאמאלט געוועזען נישט איין גביר, נאר עטליכע! שתדלנים — גאר א מאסע! אויף וועמען זאל מען פארשרייבען? וועמען נעמט מען פאר א שתדלן? אלע ווילען, אלע קאנען זיך באליידיגען... — מאכט מען אן אסיפה און מען קלערט... און קלערען קלערט מען אזוי לאנג, ביז עס ווערט א

מחלוקת. און ביי אונז, אז עס מאכט זיך א מחלוקת, הערט עס אזוי געשווינד נישט אויף... אמאָל דאכט זיך — אָט, שוין שלום, דאָס פייער זינקט איין, נאָ דיר! קומט א שלום־מאַכער און גיסט צו בוימאויל, פלאַקערט ווייטער אויף, און — עד היום הזה!

דער איד ווישט זיך אָפּ דעם בלאָסען שטערן און דערצעהלט ווייטער:

— דערוויילע איז געשעהען א מעשה, טאַקע — מויל און אויערען אויפצושטעלען! כמעט נישט צו גלויבען...

— נאָר, — גיט ער צו מיט א שמייכעל — עס איז דאָך נאַכט און די חיה, וואָס שפּאַצירט ביינאַכט אין הימעל (ער ווייזט אויף דער לבנה) הייסט „אמונה"... ביינאַכט, בפרט אין אזא שטילע נאַכט, לאָזט זיך אלץ גלויבען...

— געוויס, — בין איך איהם נישט ווילענדיג מודה.

— און די מעשה איז טאַקע א שרעקליכע.

דער קאַמאַרניק האָט אַרויפגעשטעלט א פוס אויפ'ן הייליגען אָרט... די מתים דערהערען, ווערען, אפּנים, בייז... עס רוקען זיך אָפּ מצבות פון קברים... די מתים קומען אַרויס... איהר גלויבט?

— איך בין, חס ושלום, — זאָג איך, — קיין אפיקורס נישט; אין השארת הנפש גלויב איך... נאָר...

— וואָס „נאָר", רב קרוב, וואָס „נאָר"?

— איך האָב געמיינט, אז נאָר די נשמה בלייבט... די נשמה, וואָס פליהט אין הימעל אריין; אָבער דער גוף, וואָס געהט אין קבר אריין, דער גולם, דער פוילט... סיי ווי סיי, אהן דער נשמה, ריהרט ער זיך נישט... קאָן נישט אויפשטעהן...

— גוט געזאָגט, — לויבט מיך דער איד — אויף מיר אזא יאָהר! איך האָב, — זאָגט ער ווייטער, — הנאה, אז איהר זענט א יודע ספר... דאָך, פאַרגעסען האָט איהר, ר' קרוב, אַז עולם הדמיון פאַרגעסען! די נשמה, זאָגט איהר, געהט אין הימעל אריין... גוט... נאָר וואו־אַהין געהט זי? איינע אין גן עדן, די צווייטע אין גהינום אריין... אין גן עדן אריין געהט די נשמה פון צדיק, אין גיהנום אריין די נשמה פון רשע! דעם קומט פאַר זיין גוטס — לויתן, שור הבר, יין המשומר... און יענעם, פאַר זיין רשעות — הייסע סמאָלע... עס רעדט זיך נאָר אזוי! נאָר דאָס הייסט: שכר ועונש.

פארוואס קומט שכר ועונש? ווייל א מענש, כל זמן ער לעבט, האט א ברירה. וויל ער — טוט ער גוטס, וויל ער — טוט ער שלעכטס, און, אזוי ווי ער בעט זיך אויס, אזוי, הא? שלאפט ער...

ווי איז אבער דער דין, אז א מענש איז קיין מענש נישט, זיין לעבען איז קיין לעבען נישט, און טוט נישט, נישט קיין גוטס, נישט קיין שלעכטס, ווייל ער קאן נישט טון, ער האט קיין ברירה נישט צו טון און פארשלאפט א לעבען, און קומט עס איבער ווי אין אן עולם הדמיון? וואס קומט אזא נשמה? גיהנום? פארוואס? זי האט קיין פליג אויף דער וואנט נישט געטויט... גן עדן? פאר וועלכער דרשה, זי האט קיין האנט אין קאלט וואסער אריין נישט געטאן...

— וואס ווערט טאקע פון אזא נשמה?

— גארנישט! זי לעבט ווייטער אין עולם הדמיון... זי שיידט זיך נישט אפ פון גוף... נאר פריהער האט זיך דעם בעל דבר גע־חלום׳ט, אז ער לעבט, א ו י ף דער ערד, און היינט חלום׳ט זיך איהם, אז ער לעבט, א י ן דער ערד!

אין אונזער שטעדטעל איז כמעט קיינער קיינמאל נישט רעכט געשטארבען, ווייל עס האט קיינער נישט רעכט געלעבט! נישט קיין גוטע, נישט קיין שלעכטע; קיין רשעים, קיין צדיקים... פשוט׳ע שלאף־מיצלעך אין עולם הדמיון... לעגט זיך אזא שלאף־מיצעל אין קבר אריין, בלייבט עס שלאף־מיצעל נאר אין אן אנדערע דירה,— ווייטער נישט...

דעריבער איז דאס גאנצע שטארבען ביי אונז א ריינע קא־מעדיע! דען, אפילו ביים לעבען, לעגט עמיצען א פעדער אונטער־דער נאז, וועט ער זי אוועקיאגען? און אז אייגגעגעסענע פליג טרייבט ער אוועק? גלאט. מען ווערט פטור פון א פיערטער ציצה, מען איז יוצא מיט דריי, צי מיט פיער פסול׳ע, ווי ערגעץ א מנהג איז! אויך ווערט מען לויז פון דאגת פרנסה... אבער ווייטער?

דער זעלבער חלום, דער אייגענער עולם הדמיון... אין אסך שטעדט איז אזוי... און, עס טרעפט ערגעץ, ווי ביי אונז האט גע־טראפען, אז א מת קריכט ארויס פון א קבר, הויבט ער גארנישט אן צו געדענקען, אז ער האט אמאל ודוי געזאגט, גע׳גוסס׳ט און

איז געשטאָרבען... קוים פאַלען איהם, ביים אויפהויבען, די שער־בעלעך אראָפּ פון די אויגען, געהט ער גלייך אין בית המדרש, אין מרחץ אריין, צי אהיים עסען קולישע... ער ווייסט פון גאָרנישט!

איך וויים נישט צי די לבנה איז שולדיג, צי איך אליין בין עפּעס געוועזען נישט ווי אַלע מאָל, — איך הער, גלויב, און פרעג נאָך:

— נו, זענען אַ ל ע, אַלע מתים אויפגעשטאַנען...

— ווער ווייסט? מען פיהרט עפּעס ביכער? אפשר זענען געוועזען שטילע אפּיקורסים, וואָס האָבען געקלערט, אַז עס איז תחית המתים, און זענען, להכעיס, געבליבען ליגען... נאָר אַ קהל מתים, אַן עדה איז אויפגעשטאַנען! אויפגעשטאַנען און אַנטלאָפען פאַר'ן קאַמאַרניק אין נאָהנטען וואַלד אריין.

— פאַרוואָס אין וואַלד אריין?

— אין שטאָדט אריין האָבען זיי נישט געקאָנט... עס איז דאָך געווען בייטאָג, און על פי דין, טאָר מען זיך נישט ווייזען בייטאָג אין תכריכים... אַ שטאָדט מיט מעוברת'ע ווייבער... זיי קאָנען זיך נאָך, חס ושלום, פאַרקוקען און געווינען גרייטע מתים...

— רעכט... און דער קאַמאַרניק...

— איהר פרעגט אויף אַן ערל... ער האָט נישט געזעהן אַ וואָרט... אפשר שכור געוועזען... גאָרנישט... ער האָט זיינס געטאָן, פאַרשריבען...

— און פאַרקויפט?

— נאָך נישט... דערווייל איז נאָך קיין קונה נישטאָ...

— און די מתים?

— אַט... די מתים!

ער רוהט זיך אָפּ אַ רגע און דערצעהלט ווייטער:

— קוים איז צוגעפאַלען די נאַכט, זענען די מתים צוריק אין שטאָדט אריין... יעדערער געהט צו זיך אהיים, גנב'עט זיך אריין דורך אַ טיר, אַ פענסטער, צי דורך אַ קוימען... כאַפּט זיך צו צו דעם אַלמער... ארויסגענומען מלבושים, אָנגעטאָן זיך, אָפּגעגעסען, און געלעגט זיך וואו עס איז שלאָפען...

צומאָרגענס איז שוין געוועזען אַ פולע שטאָדט מתים...

— און די לעבענדיגע האָבען געשוויגען?

— מען האט עס נישט באמערקט!... פארנומען געווען מיט מחלוקת... יעדען איז דער קאפּ פארדרעהט, אלע פאריאכמערט! און צוריק געשמועסט, ווי אזוי דערזעהט מען עס א חלוק צווישען א לעבענדיגען מיט א בר מנן אהן תכריכים? עס איז נישט אזוי לייכט!

אז א זוהן האט דעם פאטער דערזעהן, האט ער דריי מאל אויסגעשפּיגען: פו, פו, פו, „און מיר האט זיך גע׳חלום׳ט, אז איך האב קדיש געזאגט, ירושה גענומען... אלע בייזע חלומות צו מיינע שונאים׳ס קעפּ!“

אן אלמנה דערזעהט איהר מאן, ווארפט זי איהם אריין א מתנת־יד, גענארט האט ער זי, דער עכבררש... חוזק מאכט ער! און זי, א נארישע אידענע, האט איהם נאך נייע תכריכים געמאכט!

— און אז זי האט דערווייל חתונה געהאט?

— ווער חתונה געהאט? אין מחלוקת האט מען אונטערגעצונדען און פארברענט די שול, מיט׳ן בית המדרש מיט דער חופּה... הכל כאשר לכל... דערביי זענען כמעט אלע געווען „פּאדסוד“...

— און וואס ווייטער?

— גארנישט... די מתים זענען לעבענדיג געווארען, די לעבענדיגע האבען אנגעהויבען אויסצושטארבען, פון ענגעניש, פון דער לופט... דער עיקר, פאר הונגער...

— א הונגער איז געווען?

— ווי ערגעץ! ביי אונז יא... די מתים האבען זיך געזעצט אויף זייערע ערטער אין מנינים און אויף זייערע ערטער אין דער־היים ביי דער שיסעל אויך... מען האט נישט געוואוסט, נאר עס האבען פלוצים לעפעל פארפעהלט, — פון איין שיסעל עסט מען, האט פארפעהלט לעפעל... א בעל־הבית׳טע ווייסט, אז זי האט אזוי פיעל לעפעל ווי מענשען... קלערט זי, א גנבה! פרומע זאגען: א כשוף... נאר, אז מען ווערט געוואר, אז אומעטום פעהלט און אז דאס עסען גענוגט נישט, — האט מען שוין געזאגט: א הונגער־יאהר און מען האט געהונגערט, און מען הונגערט נאך...

און אין א קורצע צייט האָבען די מתים גובר געווען די לע־בענדיגע... זיי זענען היינט קהל און פיהרען קהל! זיי זענען נישט פרה ורבה, דאָס נישט, נאָר אַז עמיץ שטאַרבט, גנב'נען זיי איהם אַראָפּ פון דער מטה, נעמען אַרויס פון קבר און עס געהט נאָך א מת ארום אין שטאָדט...

און וואָס פעהלט זיי? זאָרגען, זאָרגען זיי נישט, פאַר'ן טויט — קיין פּחד נישט... עסען עסט מען אבי אַ ברכה צו מאַכען, בענ־שען צו קאָנען.. אָבער מען דאַרף עס נישט, מען בענקט נישט דער־צו, הוא הדין — טרינקען... הוא הדין וואוינען; הונדערט מתים קאָנען וואוינען אין איין שטוב, — מען דאַרף קיין לופט נישט!

און מען האָט קיין צער נישט! דען פון וואַנען האָט א מענש צער, פון וויסען — יוסף דעת יוסף מכאוב, א בר מנן — זיין דאגה! ער וויל נישט וויסען און דאַרף נישט וויסען... שלעפט זיך ארום אין עולם הדמיון...

זיי האַלטען זיך דעריבער טאַקע פון דערווייטענס פון אַלע לעבענדיגע זאַכען... זיי האָבען קיין שאלות, קיין ספקות, קיין האַרץ־וועהטאָג. עס פוילט קיינעם קיין לעבער נישט!

— ווער, מיינט איהר, איז ביי אונז רב? אַמאָל איז געווען א לעבענדיגער מענש, א טוער; היינט — א בר מנן! געהט ארום אויפ'ן עולם הדמיון און זאָגט נאָך דעם חיי אדם ווי פון א חלום ארויס...

ווער זענען די דיינים זיינע? זיינס גלייכען... האַלב פאַר־פוילטע מתים...

און די לייט פּסק'נען שאלות פאַר לעבענדיגע ווי פאַר טויטע; אַלץ ווייסען זיי, אַלץ טוען זיי... זיי מאַכען ברכה, זיי געהען מיט מציצה, זיי בענשען חתן־כלה...

ווער שטעלט זיך פאַר'ן עמוד? א מת! אַ זקן ורגיל אַ מת! ער האָט אַ פּנים פון א מת, אַ קול פון א מת; עס טרעפט, א האָחן גיט פּלוצים א קרעה — אנטלויפט ער אַוועק פון עמוד!

און די גבירים, די בעלי־טובות, רעדעל־פיהרער, קהל־פאַר־זאָרגער, דאָס גאַנצע קלאָפּערגעצייג וואָס איז? טויטע, לאַנג גע־שטאָרבענע, לאַנג באַגראָבענע!

און דעריבער איז אזא עפוש אין שול, אין באד, אין גאס... זאמע מתים...

— און איהר, רב קרוב, איהר וואס זענט?

— איך? איך בין האלב טויט. — ענטפערט דער איד.

ער שפרינגט אראפ פון וואגען און ווערט נעלם צווישען די בוימער...

איזיק'ל שחט.

1.

אַן עושר שטעהט אויף תחית המתים, א מלמד שטאַ'בט פלוצלונג אוועק.

נאָך צוואַנציג יאָהר קנעלען, און דוקא אין די רייכסטע הויזער אין שטעדטעל, איז אביגדור'ל מלמד אוועקגעפאַלען אויפ'ן האלז; עס האָט זיך איהם בלוט געוואָרפען, דער קול באַהאַלטען, און דערצו איז ער שטאַרק אָפּגעפאַלען.

— א שאָד נעבעך — זיפצט מען אין שטעדטעל — אַ איד אַ למדן און אַ גוטער מלמד!

און עלענד איז אביגדור'ל ווי אַ שטיין. אהער געקומען קנעלען איז ער אַלס יונגערמאַן פון דער פרעמד; קיין קרוב, קיין גואל... דערצו נאָך אַן אַלמן מיט אַ פיעריעהריג אינגעל... איבער דער גאַנצער צייט האָבען זיך איהם קיין קינדער נישט געהאַלטען; דאָס לעצטע מאָל איז זי געשטאָרבען אין קימפּעט, און געהפרעג גאָט אַ קשיא.

קהל האָט דאָך אביגדור'לען אין זין!

ערשטענס — איז געבליבען אין בית־המדרש — איז קיין יושר נישט, מען זאָל איהם דאָס מעמד צונעמען; ער וועט דאָך נעבעך אויסגעהן ווי אַ ליכט! שווינדזוכט, זאָגט מען אַפּילו, איז אַנשטעקענדיג, זאָל מען זאָגען! מיר ווייסען, אַז החיים־והמות איז טאַקע נאָר ביי גאָט ברוך הוא, אין דער האַנט; אַז אַהן זיין ידיעה האָט דער מלאך־המות קיין שליטה נישט; אָהן זיין ווילען, וועט זיך קיינעם קיין האָר נישט קרימען. — אַזוי איז געבליבען אין בית־המדרש אין דערפריה ביי שחרית, פאַרנאַכט ביי מנחה ומעריב, און דאָך איז דאָס מעמד צוקראַכען.

אנגעהויבען קאַליע מאַכען האָט אַ „נחות־דרגא" — אַן אויפ־געקומענער בעל־הבית, דעם מומחה'ס אַ לייבליך שוועסטערקינד; נאָך איהם האָבען זיך די רעשט בעלי־בתים צוריקגעצויגען...

קהל קאָן דאָך נישט צוזעהן, אַ איד — אַ למדן זאָל שטאַר־בען, חס־ושלום, פאַר הונגער.

טון מוז מען! עס איז אַ מצוה און אַ יושר צוזאַמען. אויפ'ן וועג ליגט דאָך די שאלה; װ ו ע ר דאַרף טון? דאָס גאַנצע בית־המדרש זאָגט, אַז דער עיקר חוב פאַלט אויף די בעלי־בתים, וואָס האָבען איהם דאָס חדר צונומען. די ווייטער זאָגען: כל ישראל ערבים זה בזה, און אויסהאַלטען אַ איד אַ למדן איז מחויב גאַנץ קהל. זיי ווע͏לען זיך די הענט נישט אָפּוואַשען, נישט שטעהן פון דערווייטענס. נאָר דעם גאַנצען עול אויף זיך קאָנען זיי נישט נעמען!

דערפון מאַכט זיך אַ צווייטע שאלה: וואו האָט קהל געלט? עס זענען פאַראַן דריי דאָזאַרצעס, נאָר דער אמת'ער ראש־הקהל, דער מושל־בכפה, איז ר' שמערעל, אַ פרומער, מתונות'דיגער, שטילער משניות־איד... און ר' שמערעל זאָגט, אַז אויספיהרען מיט דער הכנסה, וואָס קהל האָט, קאָן ער נישט, אַז איין גראָשען זעהט נישט דעם צווייטען, אַז קהל איז אַ געלעכערטער זאַק, אַז ער מוז צולעגען פון דער קעשענע! און — איינס פון די ביידע: אָדער ער וועט זיך מוזען גט'ן מיט דעם ווייב, וואָס טוט אַן מעשים, אָדער אָוועק־וואַרפען קהל; זאָל אַן אַנדערער געהן אין ספּאָדיק! מילא! דאָס — זאָגט מען — איז נאָך נישט פון די גרויסע זאַכען; דערװיף איז נאָך דאָ אַ תשובה: אָדער מען קלייבט אויס אַן אַנדערען ראש־וראשון, אָדער — טוט מען זיך אַן אַנדערע עצה. היינו: מען מאַכט אויף וואָס עס איז אַ פונדוש! ווייט דאַרף מען נישט זוכען: שבת־ליכט, כלי מיני שפּייז... נאַסע הייוועז זענען שוין פאַרדינגען, מאַכט מען פון טרוקענע. אַניט זאָל מען פאַרדינגען נאָך אויף דריי יאָהר דאָס באָד. און אפשר איז גלייכער אויפצונעמען אַ פיערטען שוחט. די דריי געהען אין גאָלד, זאָל נאָך אַ איד, נישט דוקא ר' שמערעל'ס אַ קרוב, האָבען פּרנסה, און קהל — אַ פּאָר גראָשען! און אַ פונדוש דאַרף מען סיי ווי סיי: דער שול־דאַך שיילט זיך, די מקוה דאַרף רעפּעראַציע, אַניט זענען די נשים מסוכן. הייגט

איז שוין, ברוך־השם, די תלמוד־תורה בטל עטליכע יאהר, שוין צייט עס זאָל אויף איהר אויך אָן אויפריכטונג קומען...

און באשטעהט קהל נישט אויף די אַלע פּלענער, זאָל מען מאַכען א נדבה, א שעהנע נדבה! זאָל מען געהן מבית לבית! קעסט־קינדער, וואָס האָבען, ברוך־השם, צייט און געזונטע פיס, פעהלט נישט, קיין עין־הרע!

דערווייל האָט מען אביגדור'לען אָפּגעזאָגט פון דער דירה.

דעם טאָג האָט ער פארבראַכט וואו עס איז. אביסעל אין בית־המדרש, אביסעל אין באַקאַנטע שטיבער. וואו ער איז געקומען מיט'ן אינגעל, האָט מען זיי מיט עפּעס מכבד געוועזען: אביסעל בראָנפען (פאר'ן קינד—ז י ס ע ן בראָנפען), א שטיקעלע לעקעך... נאָר אויף נאַכטלעגער האָט זיי קיינער נישט פארבעטען. נאָך מנחה־מעריב איז אביגדור'ל מיט'ן אינגעל געבליבען אַליין אין בית־המדרש; אפילו די, וואָס לערנען געוועהנליך נאָכ'ן דאַווענען, האָבען זיך אויך אָנגעהויבען צו איילען אהיים.

נאָך א פּאָר שעה איז אין גרויסען, לערען בית־המדרש אביגדור'לען קאַלט געוואָרען! ער האָט איבערגעלאָזט דאָס קינד, וואָס איז איינגעשלאָפען אויף דער באַנק, און איז זיך געגאַנגען אָנוואַרעמען צו א בעקער, וואו מען אַרבייט די גאַנצע נאַכט. מען האָט איהם ערלויבט, און ער האָט זיך געזעצט ביי דער וואַנט, נישט ווייט פון ברענענדיגען אויווען. א ליעבע וואַרעם האָט איהם דורכגענומען און ער איז איינגעשלאָפען. עס האָט איהם קיינער נישט געוועקט און ער איז געשלאָפען ביז שפּעט אין דערפריה.

די צווייטע נאַכט איז ער געקומען שוין מיט'ן אינגעל צוזאַמען זיך וואַרעמען. ער האָט פארנומען דאָס זעלבע אָרט. דאָס אינגעל האָט זיך געזעצט דערנעבען און אָנגעשפּארט דאָס קעפּעל אויפ'ן פאָטערס שוים. זיי זענען ביידע אזוי געשלאָפען ביז אין דערפריה.

אזוי האָט געדויערט עטליכע טעג; ביז די פּאָליציי איז געוואָר געוואָרען. סכנת־נפשות האָט זיך געטאָן! דער בעקער איז שיער נישט געגאַנגען אין תפיסה, ער האָט זיך קוים אויסגעקויפט מיט עטליכע רובל און גע'חתמ'עט, אז מעהר לאָזט ער אביגדור'לען אין

שטוב נישט אריין. ארט עפּעס די פּאָליציי, אַז אביגדור׳ל איז אַ איד אַ למדן? עטליכע בעלי־בתים זענען אפילו געגאַנגען בעטען, וואו מען דאַרף, נאָר וואָס איז היינטיגע צייטען ווערט אַ בקשה פון אַ איד.

אביגדור׳ל איז געגאַנגען אין באָד אריין... ווייטער דאָס זעל־בע: די פּאָליציי מישט זיך אריין און וויל פאַרמאַכען דאָס באָד מיט דער מקוה! שפּאַרען זיך טאָר מען נישט; עס איז באמת אַ חורבה. רעד אַ וואָרט — לעגט מען אַ חותם, ווער קאָסטען אַ טויזענטער! עד היום ווייס מען נישט, ווער דער מסר איז געוועזען... געמוזט האָט מען דאָך מסר׳ן, די פּאָליציי מישט זיך אַליין נישט אריין!

סיי ווי סיי, אביגדור׳ל מיט׳ן אינגעל האָבען שוין נישט וואו צו געהן; זיי זענען געבליבען אין קאַלטען בית־המדרש.

דאַמאָלט איז טאַקע דאָס רחמנות אויפ׳ן פאָטער מיט׳ן קינד נאָך גרעסער געוואָרען! מען האָט ערשט דערזעהן, אַז זיי האָבען ביידע נישט קיין העמד אויפ׳ן לייב.

איצט האָט שוין דאָס גאַנצע בית־המדרש מודה געוועזען, אַז אביגדור׳ל פאַלט אויף קהל. נאָר וואָס זאָל קהל טון? מען האָט זיך איבערגעלעגט, און מען איז געקומען צו דער דעה, אַז דאָס באָד פאַרדינגען אויף דריי יאָהר קאָן מען נישט. דערווייל איז עס אַ מפולת. קיינער וועט קיין דרייער נישט געבען, ביז מען וועט עס נישט פאַרריכטען.

אַ נייעם שוחט אויפנעמען איז אַ געפעהרליכע זאַך; אָהן מחלוקת וועט עס נישט צוגעהן... און ווי לאַנג איז גאָר, אַז דורך אַ מחלוקת פון שוחטים האָט אַ האַלבע שטאָדט געצאָהלט שטראָף פאַר פּאַטענטען? — אויף דעם איז מען שוין אין גלות!

מיט געפּרעסטע הייוועז. האָט זיך אויסגעוויזען, האַנדלען מעהר קריסטען ווי אידען... אַ פונדוש אויף שפּייז וועלען די בעלי־מלאכות נישט צולאָזען. בעלי־מלאכות און חברה־נושאים זענען איין קניפּעל; וועט זיך באַלד אָנהויבען אַ עסק מיט חברה־קדישא.

אויף עופות — וויל דער רוב בעלי־בתים נישט. זיי זאָגען, אַז אויב עס וועט זיין אַ פונדוש, וועלען זיי אויפהערען עסען עופות... אויך קאָן דערפון ארויס אַ פּרצה געגען שחיטת־חוץ! פיש זענען

אזוי אויך ממין־קרח... און אפלעגען אויף דער לאנגער באנק טאר מען פארט נישט; על כן — מוז מען צוזאמענגעמען א נדבה. מען הויבט שוין אן קלערען: מי ומי ההולכים? ווער מיט ועמען?
— נאר — א מענש דענקט און גאט לענקט.

אין שטילען מארק איז פלוצלונג אינמיטען דער וואך, אין א פראסטען דינסטאג, א געפילדער געווארען: אהר׳לע בעל־עגלה, מיט זיין בריטשקע, מיט זיינע פערדלעך ווי די לייבען, טרייבט, יאגט אויף און אפ, איבער בערג און טאל, שטיין און ביין; אויף און אפ, אהין און צוריק, אז עס פארהילכט די אויערען! אין בריטשקע זיצט ר׳ גבריאל׳טשע. פון דער רעכטער זייט האלט איהם אונטער דאס צווייטע, צי דאס דריטע ווייב, פון לינקער זייט — דער מומחה פון שטאדט. ביידע קלאפען דעם בעל־עגלה אין קארק אריין: פאהר! פאהר! פאהר! גזלן! א כפרה צעהן פערד פאר א מענש!

ר׳ גבריאל׳טשען האט זיך, לא־עליכם, א דארם איבערגע־דרעהט. ער האט שוין, זאגט מען, קוועקזילבער גענומען, טייל זאר־גען אפילו: פיזעם אויך! און פריהער גאט, דערנאך אהר׳לע מיט זיינע לייבען, קאנען איהם ראטעווען. דערווייל איז נישט גוט! דער אלטער חברה־קדישא־שמש, וואס האט שוין געזעהן מעהר מתים, ווי אן אנדערער לעבעדיגע, זאגט, אז אויב די קישקע גלייכט זיך נישט אויס נאך ארה׳לעס טרייבען איבער׳ן מארק, איז גאר־נישט גוט; מוז שוין דארט זיין א קשר של קימא, דארף מען טאקע גרוים רחמים!... מען האט אראפגעבראכט פון ערגעץ א דאקטאר, האט ער אויך מודה געווען, אז נאר איין גאט קאן העלפען...

פון א נדבה־מאכען פאר אביגדור׳לען האט מען פלוצלונג אויפ־געהערט צו רעדען. פארוואס? קיינער ברענגט עס נישט איבער די ליפען, נאר יעדערער ווייסט די סבה... דער חדש־גבאי פון חברה־קדישא בלאזט זיך שוין: ער רעדט שוין מיט עלטערע אידען בלשון „אתה“, דערלאנגט שוין קיינעם קיין שמעק־טאבאק ווישט. זאג איהם: גוט מארגען, הערט ער קוים! ער ווייס, אז עס געהט צו זיין ממשלה!

און קהל האט מיט ר׳ גבריאל׳טשען א לאנגען, לאנגען חשבון.

נישט נאר אביגדור׳ל וועט אויפגעריכט ווערען! א איד, קיין עיד־הרע, א גביר: דריי הייזער, צוויי שפייכלער, באר גאר א מטמון און—אהן קינדער! א מענש, ר״ל, זאל קיין שליטה נישט האבען אויף זיין אייגענעם גראשען... קיין קערה, קיין מעות־חטין, קיין „מאיר בעל־הנס״, קיין אורח אויף שבת, גארנישט! פורים ווערט ער כלומר׳שט קראנק און פארמאכט טיר און טויער! זייט ער האט דאס לעצטע מאל חתונה געהאט, צוריק מיט א יאהר צוואנציג, האט ער קהל אפילו מיט לעקעך און בראנפען נישט מהנה געווען...

קיין שלעכטס, חס־ושלום, ווינשט קיינער נישט. א איד בלייבט איד. דעם רבונו־של־עולם וועט קיינער קיין עצה נישט געבען. נאר וואס אמת איז אמת.

ביי אהר׳לע בעל־עגלה איז שוין א פערד געפאלען, און עס העלפט נישט! להבדיל, דער חברה־קדישא גבאי האט שוין אפילו פאר זיין אייגען ווייב קיין דרך־ארץ נישט!...

היינטיגע צייטען אבער געשעהען אויך אמאל נסים. זעלטען, דאך טרעפט זיך! גבריאל׳טשע האט מנדר געווען עטליכע פונט ליכט אין שול אריין, און עס האט אנגעשלאגען! ר׳ גבריאל׳טשע איז אויפגעשטאנען תחית המתים! דערפאר איז אביגדור׳ל נעבעך, להבדיל בין החיים והמתים, פלוצלונג אוועקגעשטארבען!...

2.

א טרוקענע לויה.

א לויה האט אביגדור׳ל געהאט גאר א זעלטענע: קינד און קייט!

דאך איז זי געווען — איך קאן מיך אנדערש נישט אויסדריקען — א טרוקענע לויה! עס איז קיין אלמנה, קיין יתומה נישט געבליבען.

עס איז נישטא פאר די ווייבער אין וואס זיך אנצוכאפען. מען חלש׳ט נישט, עס וויינט זיך אפילו נישט רעכט! דער ארעמער יתום ווייסט נאך אפילו נישט, וואס א קבר איז, וואס געשטארבען הייסט! ער איז מעהר צושראקען, ווי פארוויינט! די ווייבער האבען זיך ווירקליך נישט אין וואס אנצוהאלטען. אז איינע דער־

מאנט זיך גראד אז איהר אייגענער ברענענדיגער צרה און לאזט
ארויס א קול, בלייבט עס ווי הענגען אין דער לופטען, קיינער כאפט
נישט אונטער, ציהט נישט ווייטער; עס ווערט ווי פארגליווערט,
ווי דערשטיקט.—

די ווייבער זענען דעריבער באלד אפגעשטאנען.

און יונה באין, דער גבאי פון חברה נושאים פון היינטיגען
חודש, האט עס באמערקט און נאכגעשריגען:

— אהיים, נשים, אהיים! א לויה אהן געוויין, איז ווי א
חתונה אהן כלי־זמר. נישט פאר אייך געדאכט!

די ווייבער שילטען דעם „לאנגען יונה" פון ווייטען. נאר זיי
טרעטען אפ.

די מענער האלטען אויך נישט לאנג פלאין.

פאריאגטע קרעמער און אזוי עלטערע און שוואכע בעלי־
בתים, געהען נאר צו, יעדערער ביז אין זיין עק גאס. אנדערע בא־
גלייטען די מטה ביז עק שטאדט און שטעלען זיך אפ. וואו מען
בלייבט שטעהן, קלאפט מען אן אין דער ערשטער בעסטער שויב,
און אין שטוב ווייסט מען שוין, וואס דאס קלאפען באטייט: באלד
באוויזט זיך עמיצער מיט א קווארט וואסער, צו וואשען די הענט.
דער עולם באגיסט די נעגעל, קרעכצט אפ, זאגט וואס מען דארף,
און געהט זיך זיין וועג, אהיים צי אין געשעפט אריין.

יונגע בעלי־הבית'לעך, קעסט־עסער, בני־תורה, וואס האבען
ביי אביגדור'לען געלערענט, אדער נאר אמאל מיט איהם פון תורה
גערעדט, פיהרען די מטה אוים דער שטאדט ארויס. צום בית־
עלמין זענען זיי דאך נישט צוגעקומען. עס איז א שעהנער, ליכ־
טיגער טאג, נעמט מען זיך רעכטס צום טייכעל, די הענט צו וואַ־
שען. טייל ווילען אביסעל שפאצירען הינטער דער שטאדט. עקס־
טרע צוליעב דעם ארויסגעהן לוינט זיך נישט, נאר אז מען איז
שוין דא!... אנדערע ווילען זיך שוין אין איינוועגס אפבאדען.

פארשיט דאס קבר, אונטערגעזאגט דעם יתום דעם קדיש, האַ־
בען שוין נאר עטליכע מלמדים. דאך זיי יאגען זיך אויך צוריק,
אין די חדרים אריין: די תלמידים האבען שוין דארט געמוזט „די
גאנצע וועלט איבערקעהרען"...

דאס ברעטעל מיט'ן „פה נטמן", די מצבה אויף דערוייל, וואס
וועט שוין געווים בלייבען אויף שטענדיג, שטעקט אין קבר אריין

יונה באַץ און שילט דערבײַ מיט טויטע קללות אַלע בעלי־בתים... די כחות האָבען זיי איהם צוגענומען, דעם מארך פון די ביינער אַרויס־געצויגען און אַוועקגעוואָרפען, ווי אַ שאָל פון אַן אויסגעפּרעסטער לימענע...

— די נושאים פאַרמאַכען דאָס בית־עלמין.

אין שטאָדט אַריין איז אַ וויאָרסט וועגס. די זון האַלט שוין אין אונטערגעהן. מען וועט קומען צו מנחה און אפשר וועט נאָך צייט זיין צו כאַפּען אַ טרונק בראַנפען; צו דער אַרבייט וועט מען שוין זיך נישט זעצען. געהט מען טריט ביי טריט און מען שילט די בעלי־בתים פאַר זייער אכזר'יש האַרץ...

נישט נאָר געגען מלמדים זענען די בעלי־בתים נישט יוצא... ווי אַזוי באַהאַנדלען זיי אָרעמע לייט בכלל און בעלי־מלאכות בפרט? ! — באַלד פאַרגעסט מען אַנ'ם נפטר און מען געהט אי־בער צו לעבעדיגע צרות: אָרעמע לייט זענען אין חברה נושאים, בעלי־בתים שטעהען איבער זיי אין חברה־קדישא. די חברה נושאים אַרבייט צום טויט, די חברה־קדישא נעמט צו דאָס גאַנצע געלט פאַר די גבאים'ס קרובים, פאַר עטליכע לעדיגגעהער, טע־לער־לעקער... צי האָט דען אַ בעל־מלאכה אַ דעה אין שטאָדט? ווער נעמט אויף אַ חזן? בעלי־בתים! פרעג זיי בחרם, צי איז עס אַ כשר'ער טרעל, צי אַ קרעה פון אַ האָהן! פרעג זיי בחרם, וואָס אַ „וואָלאַד", וואָס אַ „יעלה" איז, און די טרעלבייכער נעמען אויף חזנים! ווער מאַכט שוחטים? בעלי־בתים! שמערל ראש הקהל, ימח שמו: דריי קרובים — דריי שוחטים! עס וואָלט שוין אפילו צייט געוועזען, צו מאַכען אַ שטיקעל מרידה, איז פונקט אַ יקרות... יונה באַץ האָט געוואָלט שוין אָנהויבען איינקויפען אויף דער סעודה, וואָס חברה מאַכט פון יאָהר צו יאָהר, — איז צו גאָרנישט צוצו־טרעטען... און אַז עס איז יקרות, האָט דער בעל־מלאכה קיין קו־ראַזש נישט... פון דער סעודה קומט מען אַרויף אויף דער פאַר־איאָהריגער און היינט־יעהריגער קלפי, וואָס געהט גאָרנישט צו עהרליך. שטענדיג מ׳זז זיין אַ שווינדעל, א. אז. וו.

און ז'ער אָרעמער יתום געהט נאָך פון הינטען אַ פאַרגעסענער, אַ דערשראָקענער... די אויגען זענען אַרויסגעזעצט, דאָס דאַרע פּנימ'ל — אין פּאַסען, פון די טרערען. וואָס זיי האָבען געלאָזט איבער די איינגעריכטע באַקען... די ליפּלעך ציטערען איהם נאָך

פון פריהערדיגען געוויין... ער פיהלט אפילו קיין הונגער נישט, כאטש ער האט נאך היינט אין זיין מויל נישט געהאט.

קינדעיר קאנען דאך לאנג נישט טרייערען. עס מאכען אויף זיך אויפמערקזאם די שטיינער, וואס ליגען אין די זייטען פון שאָסיי. יעדעס שטיקעל וועגס ליגט א שטיין אויף א קליין בערגעלע ערד, ארומגעבערעמט מיט גראז: פון דערווייטענס קוקט אויף איהם יעדער שטיין מיט א גרויס אויג; אז ער קומט צו נעהנטער, זעהט ער, אז עס איז אן אויסגעמאלט ראד מיט א ציפער אין דערמיט. נאך וואס די שטיינער נוצען, איז איהם נ י ש ט אינטערעסאנט צו וויסען, נאר אריבערשפרינגען איבער אזא שטיין דארף מען פרואווען. עס געראט איהם, און ער איילט זיך שוין אקעגען דעם צווייטען שטיין, איבער וועלכען ער שפרינגט נאך געשיקטער, און אזוי ווייטער, ביז ער מיידט אויס די נושאים.

— זעה נאר, זעה, — דער יתום!

— נעבעך, בארוועס! — באמערקט יונה באץ מיט א זיפץ.

— מיינע האבען אויך קיין שטיוועלעך נישט, — ענטפערט העשעל היטעלמאכער.

— אבער טאטע־מאמע האבען זיי — מאכט יונה באץ.

— פהי! — פייפט אונטער בערעל דער צוקער־בעקער.—דאס הייסט, אז טאטע־מאמע פארדינגען נישט, העלפען זיי א סך!

דער אוועגט פאלט צו, אונטער'ן הימעל באוויזט זיך א ריהריגע כמארע שוואלבען. די לופט ווערט פול שוואלבען־לשון, פול גערויש פון פליגעל... א געשפילעריי, א געפיסקעריי, א געיעג! שפילענדיג, לאזען זיך עטליכע שוואלבען אראפ; אט רייסען זיך אפ נאך עטליכע און מאכען משונה־קונציגע רעדער, אלץ נידעריגער און נידעריגער... דער יתום בלייבט שטעהן מיט אן אפען מויל, קוקענדיג אויף די שוואלבען. אין א רגע ארום רייסען זיך איהם פון האלז ארויס משונה'נע טענער. ער וויל נאכמאכען דאס געשריי פון די פייגעלעך. די פיסלעך הויבען זיך, און טאנצען אונטער איהם, גלייך ווי ער וויל זיי נאכפליהען. און ער פאטשט מיט די הענטלעך פאר גרויס שמחה, קוקענדיג אויף דער לוסטיגער באנדע אין דער לופט. פלוצלונג כאפט ער א פאר שטיינדלעך און צילט זיך צו די שוואלבען, וואס לאזען זיך אמנידעריגסטען אראפ.

— ערשט נאך קדיש! — מאכט העשעל־היטעלמאכער מיט

א ברוגז־קול — כדאי צו האבען און אויפצוהאדעווען...

— וואס ווייסט א קינד? — זאגט יונה באַץ...

— אַן ערשט געבוירענן קאלב — מאכט העשעל — בלעקט אויך א צייט נאָך דער קוה...

— א קוה — מאכט דער צוקער־בעקער — איז מאמע נישט א טאטע, און א אינגעל איז קיין קאלב נישט.

יונה באַץ רופט צו דעם יתום:

— קום נאָר אהער, שייגעצל!

ווי ווייך יונה באַץ'ס קול איז נישט געוועזען, איז דאָך דער יתום פארציטערט געוואָרען. די פרייד, דער שמייכעל זענען איהם אַראָפּ פון פּנים'ל. אויף זייער אָרט שטעהט שוין צוריק די שטום־פיגע שרעק. נישט גערן געהט ער צו.

יונה באַץ נעמט איהם אַן ביי דער האנט.

— קום, אינגעלע... איך וועל דיך אהיים פיהרען.

— וואו האט א הונט א הויז — וויצעלט דער צוקער־בעקער. און יונה באַץ פארטראכט זיך. דאָך לאָזט ער שוין דעם יתום'ס האנט פון זיינער נישט אַרויס...

די נושאים געהען שוין שטיל צו צו דער שטאָדט. זיי באַ־מערקען נישט, אז דער יתום האט זיך אַנגעשלאָגען אַן א שטיין און טאנצט אונטער אויף איין פיסעל.

פאר שרעק האָט ער אפילו קיין זיפץ נישט געטאָן.—

3.

יונה באַץ און זיינע חברים.

אין אַנהויב שטאָדט, וואו עס שיידען זיך די געסלעך, רעכטס צום בית־המדרש און לינקס צום חברה־נושאים'ס שול'כעל, שטעלט יונה אָפּ זיינע חברים און פרעגט פארזאָרגט:

— וואס טוט מען מיט'ן יתום?

— א שדוך! — וויצעלט, ווי זיין שטייגער איז, דער צוקער־בעקער.

— פיהר איהם אין בית־המדרש אַריין! — מאכט העשעל היטעל־מאכער.

— און גאָר?

— האָסט וועניג דיינע קינדער? — פרעגט דער צוקער־בעקער.

— זאָלען בעלי־בתים זאָרגען — מאַכט דער היטעל־מאַכער.

— אַה! — פייפט אונטער יונה באָץ — איהר געדענקט באַנטשעס׳ם דער משוגע׳נערס אינגעל... וואו איז ער היינט?

— אין תפיסה — ענטפערט דער צוקער־בעקער גלייכגילטיג.

— עס איז איהם בעסער, ווי מיינע אין דערהיים. — מאַכט העשעל מיט אַ זיפץ.

— אידען, — זאָגט יונה ערנסט — זינדיגט נישט מיט די רעד.

— נו? — פרעגעןביידע.

— הערט, וואָס איך וועל אייך זאָגען, — מאַכט יונה מיט אַ פאַרענדערטען קול — דער יתום איז געבליבען מיט אונז... עס איז נישט פּראָסט... עס איז מן הסתם אַזוי באַשערט...

— עט!

— ניין, נישט עט! פאַרוואָס איז ער מיט קיינעם נישט אַהיים געגאַנגען, נאָר מיט אונז געבליבען?

— מיר זענען די לעצטע געוועזען...

— דאָס אַלץ איז אַ הימעל־זאַך... אויף אַ יתום קוקט מען... מיר טאָרען איהם נישט אַפּלאָזען...

יענע ציהען מיט די פּלייצעס. עפּעס איז זיי היינט יונה צו ערנסט, צו פרום; עפּעס נישט דאָס וואָס שטענדיג. דאָך וואַר־פען זיי אַן אויג אויפ׳ן קינד, און בלייבען אויך פאַרציטערט: אַ דערשראָקען, פאַרציטערט פּייגעלע; עס שניידט ביים האַרץ.

— ווי הייסטו, אינגעלע? — פרעגט דער צוקער־בעקער ווייך.

— דוד׳ל — שטאַמעלט קוים אַרויס דאָס קינד.

— נו? — פרעגט ווייטער יונה.

זיי שווייגען.

— גיט אַן עצה — בעט זיך יונה.

נאָר די חברים האָבען זיך שוין אָפּגעשאָקעלט, און מעהר אויפ׳ן יתום וועלען זיי שוין נישט קוקען.

— נעם איהם צו דיר — זאָגען ביידע, נישט אויפהויבענדיג די אויגען פון דער ערד.

אַח די אשה מיינע?

זיי שוויינען. דער עולם ווייסט, אז ביי יונה'ן איז דער היים פיהרט שרה'לע די מלוכה. אז דער לאנגער יונה, קוים דארף ער אהיים געהן, לאזט ער, שוין אויפ'ן וועג, אראפּ דעם קאפּ. ביי דער טיר, איידער ער לעגט ארויף די האנט אויף דער קלאמקע, האט ער נאר א ישוב, צי קאן ער נישט ערגעץ אוועקגעהן נאך אויף א ווײלע. אויב נישט, בויגט ער זיך נאך טיפער איין און עפענט. אין שטוב איז ער שוין אין דרייען געבויגען... יונה דער בעל־דברן, דער ראש־וראשון אויף יעדער סעודה, ביי יעדען מנין, דער טרינקער, דער פּאטשער, די שרעק פאר רב און קהל, דער יונה קאן אין דער היים קיין צוויי נישט צעהלען... עס איז איהם נישט צו דערקענען!

— זי וואלט איהם פאראומערט דאס לעבען! — זאגט יונה— איהר אייגענע ווייזט זי קיין פרייע מינע... — ענדיגט ער מיט א זיפץ.

— און וואו ביסטו צו אלדע שווארצע יאהר!

— וואס זאל איך טון מיט א אידענע?

די נושאים שוויינען. ווארים באמת, וואס טוט מען מיט אן אשה? א בעל־הבית, אז ער קריכט אונטער דער פעל, פאטשט מען אמאל אוים; דעם רב — ענטפערט מען א גראב ווארט, פארקריכט ער אין א מויזען־לאך... אבער אן אשה מיט יללות, מיט נעגעלער... אויף דעם איז שוין קיין הילף נישט פאראנען.

— ווייסטו וואס, העשעל, — כאפּט זיך יונה אויף, ווי פון שלאף, — נעם איהם צו דיר.

— משוגע ביסטו, מטורף! איך האב פאר מיינע קיין ברויט נישט... שעהנע ירידים היינט!

— פאר צאהלען, מיין איך!

— ווער וועט צאהלען?

— וויפיעל ווילסטו א וואך?

— כאטש א רובל א וואך — ענטפערט העשעל.

— אבער, ווער וועט צאהלען — פרעגט ער ווייטער. — מען ווייסט, אז דאס קניפּעל איז ביי שרה'לען, נישט ביי יונה'ן אין האנט; ער קריגט אפילו אויף קיין טרונק־בראנפען נישט; כאטש פרנסה איז, ברוך השם, דא; א קעסעל־מאכער איז ער א גוטער!

— און אז בעלי־בתים וועלען צאהלען?! — פרעגט יונה.

— אַה! זיי לויפען שוין!

— זיי מוזען צאָהלען — גיט יונה אַ טופּ מיט'ן פוס.

— יו־נה! — מאַכט דער צוקער־בעקער — לאָז דיך נישט גלוסטען! מיש דיך נישט אין קהל'שע זאַכען; שוין לאַנג נישט געווען קיין מחלוקת! ווילסט ווייטער אַ פייער אונטערצינדען!

העשעל ראָט אויך דאָס זעלבע:

— גיב מיר איבער דעם יתום, איך וועל איהם אָפּפיהרען אין בית־המדרש אריין.

— אָפּפיהרען וועל איך איהם אַליין — זאָגט יונה מיט אַ האַרטער שטימע.

— האַ! אַז דו האָסט זיך אַנגעמשעפּעט!

ביידע נושאים הויבען מיט די פּלייצעס און געהען זייער וועגס.

יונה שטעהט אַביסעל פאַרטראַכט. אַ מינוט שפּעטער שרייט ער זיי נאָך:

— העשעל, געדענק, פאַר אַ רובל אַ וואָך!

— איך געדענק! — ענטפערט העשעל פון ווייטען.

— עפּעס אַ דבוק איז אין איהם אריין... רחמנא לצלן! — מאַכט דער צוקער־בעקער.

— נו, אַ רחמנות איז טאַקע — ענטפערט העשעל.

— אודאי איז אַ רחמנות, — מאַכט דער צוקער־בעקער, — נאָר הערסטו, ברודער, וואָס איך וועל דיר זאָגען? רחמנות איז אַ טייערער ביסען פאַר אָרעמע לייט!

זיי נעמען זיך אַן אַ זייט און טרעטען אָפּ אין דער ערשטער בעסטער שענק אויף אַ טרונק־בראַנפען.

יונה שטעהט נאָך אַלץ מיט'ן יתום ביי דער האַנט; ער האָט נאָך אַ ישוב.

4.

אין בית-המדרש צווישען מנחה ומעריב.

— וואָס טוסטו דאָ, יונה'לע? — פרעגט מען צווישען מנחה ומעריב, אַז מען האָט יונה'ן אין בית־המדרש באַמערקט. אין

שטערטעל איז אבער, ברוך־השם, שטיל, בארוהיגט מען זיך, און מען גערט ווייטער, מיט'ן לולקע־ציבוק אין מויל, אדער מען שטעהט איין רעדלעך און מען רעדט. פון אביגדור'לען האט מען שוין אפּ־געדערט אלדאס גוטס, וואס מען האט נאר געקאנט, איז מען אריי־בער אויף מקחים פון פּראדוקטען, ליציטאציעס, פּאליטיק. פון עמיגראציעס האט מען נאך דאמאלט נישט געוואוסט.

דעם יתום האט מען בעסער באגעגענט: ווער עס האט איהם באמערקט, האט זיך אפּגעשטעלט א רגע, א זיפץ געטאן, טייל נאך — א גלעט איבער'ן היטעלע...

פּלוצלונג איז א גערודער געווארען, און אלע אויגען האבען זיך געווענדט צום שלחן אינמיטען בית־המדרש. יונה שטעהט שוין דארט, און האט שוין ארויפגעשטעלט דעם יתום אויפ'ן טיש. דאס קינד לאזט ארויס א געוויין, וויל אראפּ פון טיש, ווענינסטענס זע־צען זיך. ער האט מורא פאר דער הויך איבער דעם גאנצען עולם. יונה אבער לאזט נישט. ער האלט איהם אונטער ביים פּאדקאלנער און באמיהט זיך איהם צו בארוהיגען:

— שטיל, דוד'ל, — רוימט ער איהם איין, — שטיל, דיין טובה מיין איך!

דער יתום בליפּעט, נאר שטילער.

פון מזרח־וואנט הערט זיך דערווייל א קול פון א בעל־הבית:

— מיט שטיוועל אויפ'ן שלחן? אראפּ, שייגעץ!

יונה דערקענט דעם קול און ענטפערט געלאסען נאר פעסט:

— שרעק דיך נישט, ראוב'לע, שרעק דיך נישט, פרומע נשמה! בארוועס שטעהט ער, דער יתום; ער האט שוין לאנג קיין שטיוועלעך נישט.

און דערהיצט פון זיינע אייגענע רעד, גיט ער צו מיט כעס:

— און דא וועט ער שטעהן, ביז די בעלי־בתים וועלען איהם פארזארגען.

דער עולם שווייגט פאראינטערעסירט.

— עס איז איהם אפילו — מאכט ווייטער יונה — שווער צו שטעהן, ער איז בארוועס געוועזען אויפ'ן הייליגען ארט, ער האט זיך א פּיסעל פארוואונדעט... שטעהן מוז ער דאך, רבותים! ער מוז, ווייל ער איז א יתום און דארף, מען זאל פאר איהם זארגען!

— זעה נאר דעם בעל־טובה! — רופט זיך עמיצער אן פון א זייט.

— מעריב־דאוונען! — קאמאנדירט אן אנדערער.

— חזן, צום עמוד! — רופט דער גבאי.

יונה גיט א קלאפ אין טיש אריין, אז עס הילכט. די נאהנטע בעלי־בתים שפרינגען אפ. ר׳ קלונימוס דער דיין, וואס האט, שטעהענדיג ביים שלחן, זייט דער יתום איז אויפ׳ן טיש, זיין שיעור אויסגעלערנט, און זיין אפגעמוטשעט און אפשר אויסגעהונגערט פנים פארשטעלט מיט דער האנט, נעמט זי אצינד אוועק. אין די אלטע גרויע אויגען באווייזט זיך א שטומער טיפער צער.

— יונה, — שטאמעלט ער — נישט מיט געוואלד...

— מען וועט נישט דאוונען! — שרייט יונה, כאפענדיג א לייכטער פון שלחן אין דער האנט אריין.

דער גבאי האט זיך צוריק אנידער געזעצט. דער חזן בלייבט שטעהן אינמיטען וועג צום עמוד, און יונה דרעהט זיך איבער צום דיין.

— רבי—מאכט ער מיט גיפט — דאוונען, מיינט איהר, ווי־לען זיי! חס־ושלום! די וועטשערע מייגען זיי! די ווייבער קאכען זיי שוין וועטשערע! עס וועט זיין א קאכענדיגע יויך מיט קנא־קענדיגע בייגעל, א פעט שטיקעלע פלייש מיט בא׳טעמ׳טען רויטען כריין, — און אפשר אביסעל זיסע מייערלעך דערצו.... און דער יתום האט נישט צו עסען.

— נישט דיין דאגה! — שרייט עמיצער, א באהאלטענער, פון מיטען א רעדעל ארויס. ר׳ קלונימוס דיין פארשטעלט צוריק דאס פנים מיט די ביינעריגע הענט און יונה ענטפערט:

— עס איז יא מיין דאגה! איהר זענט אייך פון דער לויה ווי די מייז צוקראכען, און מיר דעם יתום איבערגעלאזט! ניט אייער ווילען איז עס געווען, נאר א גאט־זאך! גאט וויים, וואס ער טוט! גאט וויים, אז אן ארעמאן האט אידישקייט אין הארץ, אז יונה באַן וועט דעם יתום נישט אוועקווארפען אהן הילף!

דער יתום הויבט אן צו פארשטעהען פון וואס מען רעדט. ער גלייכט זיך אביסעל אוים, לעגט די רעכטע האנט אויף יונה׳ס פליי־צעס, און שטעהט אזוי אנגעשפארט, אונטערהאלטענדיג מיט דער לינקער האנט דאס פארוואונדעטע פיסעל...

דאָס קאָפּאָטקעלע האָט זיך איהם פון איינציגען קנעפּעל אָפּ־געלאָזט. פון אונטער דעם אָפּגעריסענעם העמדעל קוקט אַרויס אַ שטיק אויסגעדאַרט לייב. אויפ׳ן פּנים ליגט עפּעס אַ וואונדערליך־טרויעריגער שמייכעל... ער שרעקט זיך שוין נישט פאַר׳ן עולם; ע ר פיהלט, אַז יונה באַץ הערשט איצט איבער אַלע, און אַז ער איז געשטיצט אויף יונה באַץ!

— זעהט, בעלי־בתים! זעהט, אידען, בני רחמנים! — רופט יונה מיט אַ ווייכען קול — אַ געראַניעט פיסעל, באָרוועס...

— ביי מיר איז דאָ אַ פּאָר שטיוועלעך! אַלטע נאָר גאַנצע... יונה דערקענט דאָס קול.

— גוט! — מאַכט ער, — ר׳ יוסל איז מנדר, אַ גוטע התחלה... נאָר אָהן אַ העמד איז ער אויך!

אַן אַנדערער איז מודיע, אַז זיין־ווייב וועט אודאי נישט קאַר־גען עטליכע העמדלעך פאַר אַ יתום.

— זעהר וואויל, — זאָגט יונה — ווייס איך שוין: הענעלע וועט געבען! און אַ בגד׳ל?...

עס איז דאָס אויך עמיצער מנדר; יונה נעמט ווייטער אַן פאַר ליעב.

— נאָר עסען — רופט ער ווייטער — עסען, ווער וועט גע־בען? פאַרוואָס שווייגט ר׳ שמערעל? פאַרוואָס רעדט נישט דער ראש־הקהל?

ר׳ שמערעל, אַ דיק אידעל מיט לאַנגע ברעמען, וואָס פאַרשטע־לען איהם די אויגען אויפ׳ן פאַרלאָפענעם פּנים, זיצט איבער׳ן משניות און ריהרט זיך פון אָרט.

— נישט דאָ איז די קהל־שטוב — מאַכט ער שטיל און גע־לאַסען צו די בעלי־בתים, וואָס שטעהען אַרום זיין שטענדער. די תשובה גיט איבער איינער דעם צווייטען. בהרף־עין פליהט זי אי־בער דאָס גאַנצע בית־המדרש: ר׳ שמערעל זאָגט, אַז נישט דאָ איז די קהל־שטוב!

— אַ ממזר פון אַ איד! — באַמערקט עמיצער.

— אַ ביסמאַרק!

— אַ קעשענע־גנב. — פאַרריכט איינער אין דער שטיל.

דערוויייל רופט זיך נאָך אַ קול אָן פון מזרח־וואַנט, פון דער צווייטער מזרח־וואַנט:

— יונה, — רופט ער, — פאָלג מיך, יונה, לאָז געמאַכט... היינט איז דאָנערשטאָג ביינאַכט... וואָס איז היינט פאַר א מאָרע? עס איז קיין מנהג, קיין דין נישט אין א מיטען דאָנערשטאָג נישט צו לאָזען דאַוונען... גיה אַהיים, און שבת קום אין דערפריה, לאָז נישט אויסנעמען, מהיכא תיתי...

— און שבת — שניידט איהם יונה אָפּ א תשובה — וועט ר' ירחמיאל דאַוונען אין דערהיים! אָפּעסען און לעגען זיך אונטער דעם איבערבעט? האָ?

עס ווערט א געלעכטער: א חרוץ־עתיק יונה...

— הכלל, יונה, וואָס ווילסט דו?

— עסען פאַר'ן יתום, איך פאַר מיר וויל גאָרנישט!

— עסען, רבותים, עסען פאַר'ן יתום! — הויבט ווייטער אָן יונה. נישט ווילענדיג, פאַלט ער אריין אין טאָן פון „צוויי גילדוין צו מצוות, דריי גילדוין צו מצוות". עס ווערט פרעהליכער אין בית־המדרש.

— איך נעם איהם אַהיים אויף וועטשערע, — הערט זיך א קול.

— גוט, — רופט ווייטער יונה — אויך א נדבה! פאַרשרייבען וועט מען עס ר' יחיאל'קעלען אויבען און אונטען! הערסט, יתומ'ל — דרעהט ער זיך איבער צום קינד — א התחלה טובה האָסטו שוין! אויף לאַנג לעבען — א וועטשערע. און מאָרגען — דרעהט ער זיך איבער צום קול, וואָס האָט גערופען, — מאָרגען וואָס וועט זיין?

— זאָל זיין מאָרגען אָנבייסען אויך! — ענטפערט דער זעלבער קול...

— און וואַרמעס?

— גוט! — שרייט מען פון א זייט, מאָרגען איז פרייטאָג!

— און שבת? — לאָזט יונה נישט אָפּ.

— שבת מעג ער אויך קומען צו מיר!

— און זונטאָג, — פרעגט ווייטער יונה, — און מאָנטאָג, און דינסטאָג, און די גאַנצע וואָך; און ווייטער שבת, און ווייטער א וואָך!

— וואס האסטו דיך אנגעטשעפעט אן מיר! איין בעל־בית ביז איך דא?

— חס־ושלום! צו אלע בעלי־בתים רעד איך! וואלטעז אלע געהאט אזא אידיש הארץ ווי איהר, וואלט שוין דער יתום אויפ'ן טיש נישט געשטאנען.

דער עולם שווייגט.

— דאוונען! — ווערט ווייטער א געשריי, א געטומעל.

— שיקט נאכ'ן ווייב, וועט ער אנטלויפען! — הערט זיך אן עצה אינמיטען געטומעל. דאס האט יונה'ן ווי א בליץ געטראפען! איין איין רגע איז דער גרויסער, לאנגער יונה געווארען ווי חוזק, בטל ומבוטל! דער וויץ האט איהם געטראפען, ווי גלית'ן דוד'ס גלאט שטיינדעל. גלייך אין שלייף אריין!

— דאוונען! דאוונען! — שרייט מען שוין העכער. יונה שווייגט. הויבט די האנט מיט'ן לייכטער נישט אויף; ער האט דעם גאנצען „שייגעץ" פארלוירען!

5.

אן אומגעריכטע הילף.

און ווער וויים, וואס מיט'ן יתום וואלט געווארען, ווען נישט א הילף, פון גאר אן אנדערער זייט!

אויפ'ן בעלעמער פון ארון־קודש איז פלוצלונג ארויפגעשפרונגען א שווארצער, באוואקסענער יונגערמאן מיט א ספאדיקעל אויפ'ן שפיץ קאפ, מיט צוויי צופלויגענע פאות פון אונטער דעם ספאדיקעל, צולאפענע ציצית פון אונטער'ן אפענעם כאלאטעל, און צוויי ברענענדיגע לויפענדיגע אויגען אונטער'ן ברייטען שטערן.

— זעהט, זעהט — ווערט א גערודער — חיים־שמואל!

אין אן אויגענבליק ווענדען זיך אלע אויגען אפ פון שלחן צום ארון־קדש.

אפילו ר' שמערעל, וואס איז ביז אהער אזוי רוהיג געזעסען ביים משניות, ווערט אויך עפעס אומרוהיג, הויבט די ברעמען אויף.

— ווער? ווער? — פרעגט ער מיט זיין זיסען, נאר דער־שראקענעם קול.

— חיים־שמואל, חיים־שמואל! — חזר'ט מען איבער.

— רבותים! — שרייט דערווייל דער יונגערמאן פון ארון־קודש אראפ! — געדענקט, וואס איך זאג אייך! דער רבונו־של־עולם, ווי אין די הייליגע ספרים שטעהט, איז אן אבי־יתומים! איהר טארט דעם יתום נישט פארלאזען — אניט וועט איהר, חס־ושלום, אויך איבערלאזען יתומים...

— אראפ, שייגעץ, פון בעלעמער...

— שרייט נישט, רבותים, אן אמת ווארט וויל איך אייך זא־געז, א גוט ווארט...

א גוט ווארט וויל דער עולם הערען.

— שאט, רבותים... אידען בני רחמנים זענט איהר, א אידיש הארץ האט איהר, פארוואס שווייגט איהר? איהר האט — זאגט איהר — א לאך אין קעשענע?

עס ווערט א געלעכטער.

— לאכט נישט, איך מיין ערנסט. איהר האט קיין געלט נישט, ארעם קהל! א י ה ר האט נישט. ר' ש מ ע ר ע ל האט נישט!... מילא... וועל א י ך אייך געבען געלט!

ביי די ווערטער ווערט ר' שמערעל אומרוהיגער. ער פארמאכט דאס משניות, הויבט זיך אויף פון ארט און קוקט צום בעלעמער.

— יונה — רופט דער יונגערמאן פון בעלעמער אריבער צום שלחן — האסט וועמען איבערצוגעבען דעם יתום?

— אודאי! — ענטפערט יונה, וואס איז דערווייל צו זיך געקומען.

— וויפיעל דארף עס קאסטען?

— א רובל א וואך!

— זעהר וואויל! רבותי, איך גיב געלט: איך צאהל א רובל א וואך פאר'ן יתום!

— דו? דו? — ווערט א גערופעריי. מען ווייסט, אז דער יונגערמאן האט נישט קיין דרייער ביי דער נשמה.

— נישט מיין געלט! רבותי! הערט, איך גיב אייך נישט מיין געלט, מיין שוואגער אייזיקעל'ס געלט!

— אה! — ווערט א געוואַלדיגער געשריי. דער עולם פאַרשטעהט שוין, אַז וואס עס געהט. דער שוואַגער אייזיקעל האַט אַ היתר־שחיטה!

אצינד ווערט שוין ר׳ שמערעל בלאס. מיט אויפגעפלאַמטע אויגען הויבט ער זיך אַן צוצורוקען צום בעלעמער. דאך איידער ער שטופּט זיך דורך, רופט דערווייל דער יונגערמאַן:

— מיין שוואַגער גיט א חרם־קוויטעל... ער צאַהלט אַ רובל אַ וואך פאַר׳ן יתום... ביז ער וועט בר־מצוה ווערען... אפילו ביז דער חופּה...

דערזעהענדיג ר׳ שמערלען פאַר זיך, שוין אויפ׳ן ערשטען טרעפּעל פון בעלעמער, רופט ער דאַס איבריגע אין איין אָטעם:

— נאר פאַר שחיטת עופות! נאר פאר שחיטת עופות! שרייט, עולם: יאָ!

און דעם עולם געפעלט די קונץ, און הויבט אַן שרייען מיט התלהבות:

— יאָ! יאָ! מסכים! מסכים! אלע באַשטעהען!

ר׳ שמערעל איז שוין געשטאַנען ביים יונגענמאַן. ער האָט איהם שוין געהאַלטען ביים לאַץ אַראָפּצושלעפּען „ווי אַ הורג“ פון בעלעמער, נאר פון געשריי „יאָ! יאָ!“ און „מסכים“ איז ער ווי פאַרטומעלט געוואָרען.

— שעכט, אייזיקעל! — שרייט צולעצט דער יונגערמאַן. ער שפּרינגט אַראָפּ פון בעלעמער רעכטס, ער זאל זיך מיט ר׳ שמערלען נישט טרעפען.

און ר׳ שמערעל קומט צו זיך צוריק, הויבט אַן רעדען, ווענדט זיך צום דין:

— ר׳ קלונימוס! ר׳ קלונימוס, ווי דערלאָזט...

שטעהט שוין דער אייגענער יונגערמאַן אין טלית ביים עמוד און גיט א געשריי:

— והוא רחום...

דער עולם צוהוידעט, צוּוויגט זיך, ענטפערט פרעהליך און ר׳ שמערעל׳ס קול ווערט פאַרטרונקען אינ׳ם דאַווענען.

ר׳ קלונימוס האָט נאך אלץ נישט אַראָפּגענומען די האַנט פון פּנים...

דער פאַרשאָלטענער ברונען.

אין שטעדטעל, אין סאַמע מיטען מאַרק שטעהט אַ ברונען, און דאָך נוצען יחידי־סגולה טייך־וואַסער, וואָס מען פיהרט פון אַ האַל־בע מייל פון הינטער דער שטאָדט!

דאָס טייך־וואַסער איז פון סאַמע „וואַדאַפּאַי" — בלאָטיג, מיט אַ שלעכטען ריח, און דאָס ברונען־וואַסער, איז דוקא ריין ווי גאָלד!

איהר וואונדערט אודאי, פאַרוואָס מען טרינקט שלעכט טייך־וואַסער, אַז מען קאָן האָבען גוט ברונען־וואַסער? וועל איך אייך איבערדערצעהלען, וואָרט ביי וואָרט, די מעשה פון דעם ברונען, וואָס איך האָב פון ר' אליעזר'ס, דעם שמש'ס, אייגען מויל גע־הערט.

און דערצעהלט די מעשה האָט ער מיט שרעק און שטאָלץ צוזאַמען. די מעשה איז טאַקע שרעקליך, און דאָך, איז ער שטאָלץ דערויף, אויף זיין שטעדטעל, אין וועלכען אַזוינע מעשות טרעפען זיך!

— פאָהרט אוים — זאָגט ער — אַ האַלבע וועלט, וועט איהר אַזאַ מעשה נישט הערען!

— אָנגעהויבען האָט עס זיך אין יאָהר...

נאָר דאָס יאָהר האָט ער פאַרגעסען, און איהר מוזט אייך באַ־גנוגענען אָהנ'ם יאָהר.

געוועזען איז דאַמאָלט סליחות־צייט.

נו, אַ שטאָדט איז אַ שטאָדט, ס'איז דאָ פיינע יונגעלייט, פיי־נע בחורים; עס איז דאָ, ווי דער שטייגער איז, לאָבוסעס אויך...

געהענדיג צו סליחות, פינסטער איז נאָך, דאַרף מען דאָך אַביסעל שטיפען, שטיפט מען מיט'ן בכור, און אַ בכור האָבען מיר

דאמאלט געהאט א זעלטענעם, ממש א גבור! מיט איין שפרונג פלעגט ער איבערקעהרען קינד און קייט אין גאס.

אז מען שטיפט מיט'ן בכור, הויבט מען איהם אן צו יאגען, נאכווארפען שטיינער.

דער בכור שטעלט זיך אקעגען; חברה איז אבער גרויס, מאכט דער בכור פליטה.

יאגט מען איהם נאך; מיט שטיינער, מיט שטעקענס, און דער בכור פליהט פייל פון בויגען אהער און אהין, אהער און אהין...

פונקט דארף זיך טרעפען, אז דאמאלט איז דער ברונען קאליע געוועזען.

נאך א צייט פריהער, האט דער וואיט געמאכט אן אנשלאג, צונויפגעקלאפט די מטבע, און דערוויל צונומען די צעמברינע; שטעהט די ברונען אפען.

דער ברונען שטעהט אפען, און גאט העלפט, דער בכור פאלט אין דעם אפענעם ברונען אריין.

חברה האט נישט געוואוסט, וואו דער בכור איז אהינגעקומען; זענען זיי זיך צולאפען יעדערער זיין וועגס.

מען שטעהט אין בית־המדרש ביי סליחות, אונזער ר' יונה'לע צולאזט זיך ביי א תפלה, און דא הערט זיך פלוצלונג פון א גאס א געשריי, א יללה, אז גאט זאל שומר ומציל זיין!

וואס טראכט מען?

א אידענע געהט, לא עליכם, שווער צו קינד. אדער, חס ושלום, אן אנדערע צרה...

מען כאפט געשווינד אפ די סליחות, מען לויפט ארויס, מען הערט זיך איין, — אז דער קול געהט פון דעם ברונען.

וואלט די וויסע חברה אויסגעזאגט, אז זיי האבען געשטיפט מיט'ן בכור, וואלט מען זיך אפשר געשטויסען, אז דאס ליגט ער אין ברונען; האבען זיי דאך אבער מורא פאר טאטע־מאמע; שווייגען זיי, און אונז האט גאר אנדערש נישט געקאנט איינפאלען, נאר א שד, אדער א ליץ...

צי זענען מיר אזוי דערשראקען געוועזען, צי האט באמת דער בכור אזא קול געהאט, געגוג, מיר זענען זיכער, אז דאס איז א קול פון א מענש.

און, ווייל עס האט קיינער אין שטעדטעל נישט געפעהלט, פון

דער פּרעמד איז קיינער נישט געקומען, איז עס אַ ניט־גוטער; שטעהט מען און די הויט ציטערט, און די ציין קלאַפּען ווי אין אַ קדחת, רחמנא לצלן...

פון גרויס גערודער, האָט זיך אויפגעכאַפּט דער סטאַרשי סטראַזשניק און נאָך עטליכע גוים, און זענען אויך אַרויסגעקומען; שטעהען זיי אויך און גאַפּען. אין עשו'ן שטעקט אָבער פאָרט אַ גבורה, לויפען זיי צום וואַסער, ברענגען עמער און שטריק (מען זאָל זיי נישט אוועק'גנב'ענען, פלעגט מען זיי איבערנאַכט האַלטען אין גמינע)... מען ברענגט, מען לאָזט אַראָפּ און מען שלעפּט אַרויס אַ טויטען בכור!

אוי, דער בכור, נעבעך, האָט אויסגעזעהן!... צובראָכענע הערנער, צובראָכענע פיס, אין די זייטען לעכער, אוי!

און ר' אליעזר פאַרשטעלט זיך דעם פּנים מיט די הענט, ער זאָל דאָס שרעקליכע בילד, וואָס שטעלט זיך איהם פאַר די אויגען, נישט זעהן...

— און פון דאַמאָלט אַן טרינקט איהר נישט קיין ברונען־וואַסער? — פרעג איך.

— פאַר אַזוינע נאַראָנים האַלט איהר אונז? — מאַכט ער מיט אַ פאַרוואָרף — הערט ווייטער!

אמת איז, אַז שוין דאַמאָלט האָבען טייל עלטערע מענשען אויפגעהערט צו נוצען ברונען־וואַסער.

מענשען האָבען עדות געזאָגט, אַז ווען זיי געהען דורך בייי־נאַכט, הערען זיי אַ קול פון אַ גוסס פון דעם ברונען אַרויס.

אַנדערע האָבען געשוואוירען מיט כל־השבועות, אַז ווען זיי קוקען אין ברונען אַריין, זעהען זיי רויטע פינטעלעך, און עס איז אודאי בלוט...

דעם אמת זאָגענדיג, האָט דאָך דער בכור געהאַט געלעכער־טע זייטען; גאַנצע שטיקער פלייש האָבען דאָך ווירקליך געפעהלט!

און דאָ, אַז מען האָט געבעטען דעם וואַסער, ער זאָל דעם ברונען אויסרייניגען, האָט ער געזאָגט, אַז אויף דעם איז קיין אַנשלאָג נישטאָ..

פונדעסטוועגען וואָלט מען זיך מיט דער צייט צוגעוואוינט, מען וואָלט פאַרגעסען, צום טייך איז פאַרט א האַלבע מייל וועגס.— מאַכט זיך אָבער נאָך אַ מעשה:

דער ברונען איז שוין פאַרריכט, די צעמברינע פאַרטיג, דאָס ראָד אַריינגעשטעלט און דאָס וואַסער הויבט מען אָן צו נוצען!

נאָר, איינמאָל ביינאַכט, פאָהרט פאַרביי אַ בעל־עגלה, מיט אַ שווערער בריקע, אָנגעפּאַקט מיט סחורה. פון שווערען וועג זע־נען די פערד געוועזען פגר, באַגאָסען מיט שוויים, מיט פּיענע. איין פערד אַ בולאַנע, איך געדענק נאָך עד היום די מאַשטש, האָט זיך פאַר דעם ברונען אויסגעגליטשט, געפאַלען, און אפשר נאָך פופציג ביישען האָט ער קוים כח געהאַט זיך אויפצושטעלען!

און — הערט אַ מעשה:

קוים דערלאַנגט דער בעל־עגלה פאַר די פערד דעם ערשטען עמער מיט וואַסער, דערשרעקען זיי זיך, שפּרינגען אָפּ, דרעהען זיך אוים און אַנטלויפען גאַלאָפּ מיט דער בריקע!

און דער בעל־עגלה זעהט מיט זיינע אייגענע אויגען, — און געשוואוירען האָט ער, אַז מען מעג אַ מסיח לפי תומו גלויבען,— אַז פון דעם עמער איז אַרוים אַ יאַשטשערקע! זי האָט אַ לאָך גע־טאָן ווי אַ מענש, און איז צוריק אַריינגעשפּרונגען אין ברונען...

און איהר מיינט, מען וואָלט די פערד געכאַפּט? אַז אָסור! ווי די טייוואָלים זענען זיי געפלויגען. דאָס גאַנצע גליק איז גע־וועזען, וואָס זיי זענען אַריין מיט'ן דישעל אין אַ האָלצערען היי־זעל, דורכגעלעכערט די וואַנט (אמת, עס איז געוועזען אַ מפּולת) און געבליבען שטעהן!

נאָר וואָס איז מעהר וואונדער: איז אינוועניג, ביי דער איי־נענער וואַנט, איז געזעסען איינער, אַ שניידער־יונג, יצחק'ל, און האָט געלייזט אַ גוטען קלאַפּ אין די פּלייצע מיט'ן דישעל...

און אויסגעוויזען האָט זיך, אַז ער איז טאַקע געוועזען דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעהויבען יאָגען דעם בכור...

אַזוי איז זיך אַ בכור נוקם!

ער אַליין, יצחק'ל מיין איך, האָט מודה געווען!

און הערט ווייטער:

אַז מען איז פון זיין מויל געוואָר געוואָרען, אַז דער צווייטער וואָס האָט אָנגעהויבען שטיפען מיט'ן בכור איז ר' ירוחם'לם אַ ב...

— פאר אונז, נישט אויף זיך, א שעהנע סחורה געווען, — פאלט דער בן פאר שרעק אין א משונה'נע קרענק אריין, הויבט אן צי־טערען אויפ'ן גאנצען לייב, און ציטערט אוועק עטליכע חדשים!...

— איז שוין? — פרעג איך.

— אודאי! — מאכט ר' אליעזר חוזק — אצינד געהט ערשט דאס געדיכטע.

פארשטעהט זיך, אז דער עולם האט מורא געקריגען צו נוצען דאס ברונען־וואסער... און דאס וואסער אליין איז טאקע נישט געווע־זען צום נוצען; עס האט עפּעס משונה'דיג גרינליך געגלאנצט, און א מאוס'ען ריח באקומען. א י ך האב עס נישט פארזוכט, נאר גע־זאגט האט מען, אז מען פיהלט עס פון יאשטשערקעס. נאר מורא אהין, מורא אהער, אונזערע וואסער־טרעגער האבען קיין פערד און קיין פעסער נישט צום פיהרען פון טייך, און צו טראגען א האלבע מייל וועגס אויף דעם אייגענעם מקח, וואס זיי באקומען, ווילען זיי נישט.

וואס זאל איך אייך לאנג ברייען, מען האט צוריק אנגעהויבען צו נוצען דאס ברונען־וואסער.

פלוצלונג, לאזט זיך ארויס א קול, אז יעדע נאכט צעהן דער זייגער, אזוי ווי מען נעמט אראפּ דעם שטריק מיט'ן עמער און מען טראגט צום וואיט, באווייזט זיך א חברה ווייסע און שווארצע קעץ פון שטאדט און פון פארשטאדט; זיי זעצען זיך אויפ'ן ראד, מיאוקען און זיפצען, ווייגען אויף זייער אופן, און, אונטער זיי, דרעהט זיך דאס ראד אליין, ארויף און אראפּ, ארויף און אראפּ, און אזוי ביז פארטאג.

און קעץ זאלען זיך זעצען אויף א ראד פון א ברונען, איז נאך מעגליך, עס איז דאך נישט ערגער ווי א דאך!

אין מערץ איז עס געווען; דאס הייסט — אין דער צייט, ווען קעץ האלטען זיך צוזאמען און לאזען קיין אויג נישט צו־טון!

נאר קעץ זאלען דרעהען א ראד, אדער דאס ראד זאל זיך אליין דרעהען אונטער קעץ, — דאס האט מען נאך נישט געהערט!

און זאל עס כאטש אויפהערען, ווען דער האהן קרעהט, וואלט מען גערעכענט, אז עס איז — מעשה־לץ.

הערט איהר דאך אבער — ביז אין דערפריה! מוז דאך עס האבען א שייכות מיט דער יאשטשערקע, צו, להבדיל, מיט'ן בכור...

וכך הוה! עס האט זיך געפונען אז אלטע ערלית ביים וואיט, וואס האט עדות געזאגט מסיחה לפי תומה, אז ביי זיי אין דארף האט זיך אמאל געהאלטען א יאשטשערקע אין א זומפ, פלעגען טאקע אלע קעץ פון דער גאנצער געגענד קומען צו איהר צו גאסט, אזוי, אז ארום זומפ איז באשטענדיג געוועזען א כמארע קעץ...

נאר פארוואס עס דרעהט זיך דאס ראד, דאס האט זי שוין אויך נישט געוואוסט; כאטש זי איז שוין גאר, גאר אן אלטע ערלית געוועזען, און נישט פון איין אויוועזן ברויט געגעסען.

— נאר דא, מוז איך — זאגט ר' אליעזר'ל — איבערהאקען, אין פארצעהלען, ווי אזוי, איך אליין האב די קעץ געזעהן מיט מיינע אויגען; איהר שמייכעלט? דאמאלט האב איך אויך געשמייכעלט!

א יונגערמאן בין איך געוועזען, אביסעל די קליינע אות'לעך געקוקט... געקאנט גאנץ שעהן לשון־קודש!

הכלל, איך האב נישט געגלויבט!

ארויסגערעדט האב איך עס נישט, נאר וואס זאל איך איבער אזא קלייניגקייט אנהויבען מיט לייט?

נאר געדראכט האט זיך מיר אזוי:

ווינטער איז, שניי פאלט, ליגען קופקעלעך שניי אויפ'ן ראד, זאגט דער עולם — קעץ!

אויפהויבען זיך נאך צעהן ביינאכט פון בעט און געהן זעהן, גלוסט זיך נישט.

ערשטענס, איז אונטער'ן איבערבעט ווארעם און אין דרויסען קאלט!

צווייטענס, בין איך מודה, אז איך האב אביסעל מורא גע־האט צו געהן. ווארים — ווער ווייסט? טאמער יא? און אויב יא, איז עס דאך נישט קיין פשוט'ע קעץ, קאן מען טאקע ניזוק ווערען...

טרעפט זיך פונקט אזא מעשה:

איך בין אויף א חתונה, צו דער וועטשערע נעם איך איין טרונק בראנפען, דערנאך, פארגעס איך, און נעם דעם צווייטען... נאך די פיש — ווייטער א קאפ, ווי דער שטייגער איז. נאך פלייש — אביסעל ביר!

א שוואכער מענש בין איך, הויבט זיך מיר אן, לא־עליכם, דער קאפ צו דרעהען, און, אינעווענינ, ברענט ממש ווי א פייער; איך פיהל, איך פאל חלשות, און פארשטער, חס ושלום, די גאנצע חתונה!

וואס טו איך?

גנב'ע איך מיך בסוד־סודות ארויס, רוף אפילו מיין בייליע־רחל נישט מיט, און געה מיר אהיים... איך וועל מיך איבערשלאפען, טראכט איך, און פארטאג וועל איך זיין צוריק אויפ'ן ארט! ווארים צוגעזאגט האב איך דעם חתן, (מיינט א לייבליך שוועסטער־קינד געוועזען), אז ער וועט זיך פון מיר נישט אזוי לייכט אויס־קויפען!

און געוואלט האט זיך מיר האלטען ווארט...

אז איך וועל דארפען געהן פארביי דעם ברונען, פארגעס איך; ווי איינער פארגעסט אן טויט!

און, אז איך דערמאן מיך, שטעה איך שוין פנים אל פנים צום ראד!

— און איהר זעהט קעין? — פרעג איך.

— נישט אזוי געשווינד! נאר פארקעהרט; — איך זעה, אויפ'ן ראד ליגען קופקעלעך שניי, כדרך הטבע! דאס ראד שטעהט; איך זעה בחוש, אז עס שטעהט!

איך וויל שוין אנהויבען לאכען און ווייטער געהן, דערפיהל איך אבער, אז עס הויבט מיר אן צו קלאפען דאס הארץ. פארוואס?

איך נעם די האנט צום שטערן, עס גיסט א שוויים, גאט זאל שומר ומציל זיין — א שוויים!

און פלוצים באפאלט מיך א מורא, און ווי הייסט א מורא! מיט פיס ווי די נעגעל צוגעשלאגען; נישט צו ריהרען פון ארט. און די האר הויבען מיר דעם ספאדיק מיט דער יארמולקע, אין דער הויך, אז איך פיהל דעם ווינט אויף דער געגאלטער הויט.

אז די שרעק קומט פון ברונען, האב איך באלד פארשטאנען; וויל איך טאקע אוועקקוקען — עס געהט נישט. איך קאן דעם קאפ נישט איבערדרעהען; איך מוז קוקען!

און, אין דער איינענער רגע, אזוי ווי איך שטעה און קוק, הויבט זיך אן דאס ראד וואלגע, וואלגע צו ריהרען, און אזוי ווי עס

ריהרט זיך, ווערט פון יעדען קופּקעלע שניי א ווייסע קאַץ, און, פון יעדען האַלצערנעם פּלאַקען פון ראַד — א שווארצע קאַץ! און אזוי שטעהען זיי אויפ'ן ראַד און דרעהען זיך מיט'ן ראַד צוזאַמען... א שווארצע קאַץ, א ווייסע קאַץ, א שווארצע — א ווייסע...

דערנאָך הויבען זיי אָן מיאַוקען. און אזוי ווי זיי מיאַוקען, קריכט ארויס פון ברונען, די יאַשטשערקע פון איין זייט, דער קאַפּ פון בכור פון דער צווייטער זייט... וואס קלערט איהר? איך פאַל חלשות!

ר' אליעזר'ל רוהט זיך אָפּ און דערצעהלט ווייטער:

ביז אַהער איז עס אַלץ געווען מיט חיות... א צאַפּ, אפילו נישט קיין פּראָסטער צאַפּ — א בכור, פאַרט נישט קיין מענש; א יאַשטשערקע, א פערד; לא עליכם, שווארצע און ווייסע קעץ; דער ברונען הויבט אבער אָן צו דאַרפען מענשען!!!

ויהי היום, איינמאָל זיץ איך ביי א מאַלצייט, ביי ר' קלונימוס דיין... אונזער ר' קלונימוס האט געהאט א בת, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין — למעלה מעשרים אמה; א יאָהר צוואַנציג אודאי. קיין יפה־פיה, האָבען די נשים געזאָגט, איז זי נישט. אזוי — א אידישע טאָכטער. קיין פעהלער, חס ושלום, האט זי אפילו נישט געהאט, נאָר א גראָשען ביי דער נשמה אויך נישט! מען האט גע־מיינט זיכער, זי וועט פאַרזיצען אין גרויען צאָפּ אריין.

און עס איז א רחמנות אויפ'ן מיידעל; אויפ'ן פאָטער דעם צדיק, האט מען נישט וואס צו שמועסען; אודאי א רחמנות!

נאָר וואס זאָל מען טון? קהל, לא עליכם, האט נישט קיין דרייער... און מען זאָל אפילו האָבען און וועלען געבען, קאָן מען נישט געבען! ווארים דער רב, זכרונו־לברכה, האט געהאט ד ר י י טעכטער, און טעכטער ווי די דרעגנער! בכלל איז א שלי־מזל'דיגע צייט געוועזען. גאַנץ כלי־קודש האט קיין בנים־זכרים נישט גע־האט, סאַמע טעכטער, און איינע עלטער ווי די צווייטע! פאַר אַלע ווייטער, וועט ממון קרח נישט גענוגען! מאַכט מען זיך נישט ווי־סענדיג. מען קרעכצט, נאָר מען ווייסט, אז מען וועט נישט העלפען...

ר' קלונימוס האט זיך שוין אפילו געוואָלט אראָפּלאָזען, נאָר אראָפּלאָזען; נעמען א שניידער, באַדיי א שוסטער פאַר אָן איידעם האט, ערשטענס, קהל געמורמעלט, ווארים באמת, עס פּ א ס ט נישט פאַר קהל!

צוויטענס, זענען היינט די בעלי־מלאכות, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, פאַרשייט; און די בתולה, ווי געזאָגט, איז קיין בתולה יפה נישט געוועזן.

מיט איין וואָרט — ר׳ קלונימוס האָט קיין עצה און קיין ראַט נישט געהאַט, ווי אַזוי פּטור צו ווערן די בתולה!

מיט איין מאָל מאַכט זיך אַ קלאַנג, אַז ר׳ קלונימוס האָט אַ שדוך געטאָן! מויל און אויערן האָט מען אויפגעשטעלט!

און, איהר הערט? טאַקע אַ שדוך פון דער פרעמד, דוקא אַ לייטישער שדוך, אָבער גאָר אַ געהויבענער שדוך... אַ מיוחס, אַ בן־תורה, און — אַ בחור! מען זאָגט כאָטש — אַן אַלמן, אָדער — אַ גרוש מיט קינדער!

פופצעהן הונדערט זהובים איינגעלעגט במזומנים! און עס איז שוין תנאים!

די שמחה ביים עולם איז גרויס; אַ באַשערטע זאַך, בת פלוני לפלוני, ר׳ קלונימוס זכות!

אַ מזל־טוב אין שטעדטעל. אַ טשיקאַווער מענש בין איך, וויל איך טאַקע וויסען, וואָס דאָס קאָן זיין?

קומט גראָד צו פאָהרען מיינס אַ שני־בשלישי פון דאָרט, טאַקע פון דער שטאָדט, פון וואַנען דער חתן איז, און פאַרצעהלט מיר בסוד־סודות, באשר בכן — אין דער משפחה איז דאָ אַ געהאַנגענער פעטער, דעם פאָטערס אַ ברודער...

נו, מען קאָן נישט זאָגען, אַ פגם איז עס, אָבער — פופצעהן הונדערט זהובים במזומנים!

ס׳איז דאָ נאָך אַ פגם׳ל פון דער מוטערס צד — דערצעהלט ער ווייטער, — טאַקע דער מוטערס אַ שוועסטער — ליגט ערגעץ שוין אַ יאָהר צוואַנציג אין אַ שפּיטאָל אויף קאָפּ־וועהטאָג, רחמנא לצלן!

מילא דאָס געהער אפשר גאָרנישט צו דער זאַך! איז נישט דאָ עפּעס — פרעג איך, — אַן איבערגעקעהרטער, אַ משומד׳ל...

— דאָס נישט! — זאָגט ער, — נאָר אַן אפּיקורס׳ל איז יאָ דאָ... עפּעס אַ ווייטער קרוב פון פאָטערס צד, איז אַ גרויסער הול־טיי געוועזען! דאָס גאַנצע גליק איז, וואָס מען האָט׳ן פון הימעל אַנידערגעלעגט, און ער ליגט שוין עטליכע יאָהר, און עס דאַרט איהם דער חוט־השדרה!

— אָבער דער חתן, — פרעג איך, — דער חתן!

— דער חתן, — זאָגט ער, — איז גאָר אַן אש־להבה! אַ למדן! און אַזוי פאַרטיפט אין לערנען, אַז ער פאַרגעסט צו עסען, צו טרינקען, צו שלאָפען, נאָר געלערענט. און אפילו ער לערענט נישט, טראַכט ער פון לערנען; שטענדיג פאַרטראַגען, ער הערט קוים, וואָס מען רעדט צו איהם...

פאָטער און מוטער געהען איהם נאָך, ווי אַ פקיעה'לע! מען היט איהם, ווי אַן אויג אין קאָפּ, מען לאָזט איהם אַליין קיין טריט נישט מאַכען... אויף גלייכע ווענט וואָלט ער געקראָכען!

איינמאָל האָט ער זיך אַרויסגע'גנב'עט אויס דער שטאָדט. געגאַנגען ווי זיין שטייגער איז, פאַרטראַכט, געלערענט בעל־פּה... געגאַנגען און געגאַנגען, ביז ער איז אַריין אין טייך! ער האָט אפילו נישט געשריגען, — ער לערענט ווייטער!

די מערכה איז געוועזען, וואָס אַ וועשין האָט עס פון ווייטענס געזעהן, און געמאַכט אַ געוואַלד...

איינמאָל ווייטער, האָט ער געלערענט הלכות־שחיטה; האָט ער זיך געשאַרפט אַ חלף! געבאָרגט, פאַרשטעהט זיך, ביים שוחט.— און האָט'ן אַזוי אויסגעשאַרפט, אַז דערנאָך, אַז דער שוחט האָט'ן געפּרואווט, האָט ער געשוואוירען מיט כל השבועות, אַז מען דאַרף זיין הונדערט יאָהר שוחט, מען זאָל אַזוי אָנשטעלען אַ חלף... פריי־הער אָבער האָט ער איהם אַליין געוואָלט פּרואווען... און ווי אַזוי, מיינט איהר? מיט אַ פינגער? אויף דער צונג? דער פלוט נעמט זיך צום האַלז, צו זיינע אייגענע סמנים! און אפשר האָט ער נאָר געוואָלט די סמנים אָנטאַפּען.—

גענוג, אַז ווען נישט די שטוב־לייט, וואָס זענען צוגעשפּרונגען, וואָלט ר' קלונימוס היינט קיין איידעם נישט געהאַט...

און נאָך, און נאָך אַזוינע מעשיות...

האָב איך מיך טאַקע זעהר געפרעהט, אַז ר' קלונימוס קריגט אַזאַ בן־יקיר, אַזאַ טייערע כלי; און, זיצענדיג ביים מאַלצייט, וואָס מען האָט געמאַכט לכבוד די מחותנים (איך בין ר' קלונימוס'ס אַ לייבליכער חמישי ברביעי), האָב איך מיך טאַקע געשמאַלצען אין פּוטער.

אַן אמת תכשיט'ל, טאַקע — כדת משה וישראל! אַ גערנגעלע — דאַר און בלאַסליך; אויגען גרויסע, — מיט איין וואָרט, די

שכינה, כביכול, ליגט אויף זיין פּנים'ל, אזא חן האָט ער געהאַט...
עס האָט ביים הארץ אָנגעכאַפּט!

מען האָט איהם געהייסען עפּעס זאָגען, האָט ער געזאָגט.

איך געדענק אפילו נישט וואָס, נאָר געזאָגט האָט ער, און וואויל געזאָגט!

דערנאָך איז פון דער דרשה ארויס א וכוח, אַ גערעדעריי, האָט ער זיך אין דער התחלה אריינגעמישט, אפילו היים אריינגעמישט.

ר' קלונימוס'ן, וואָס האָט אַנדערש געזאָגט, איז ער כמעט אין דער באָרד אריין... נאָר פּלוצלונג האָט ער זיך אינמיטען פאַר־טראַכט און אָפּגעהאַקט!

איך אליין, דעם אמת צו זאָגען, בין קיין גרויסער למדן נישט... אז עס איז אריין אין גדולות, האָב איך אויפגעהערט צו כאַפּען די ווערטער. נאָר אינ'ם לשון, אין די העוויות האָב איך דערקענט, אז פריהער איז געווען: ידו בכל, ער האָט אלע געשלאָגען, און, אויב ער האָט אינמיטען אָפּגעהאַקט, האָב איך געזעהן בחוש, אז דער שאַרפער מוח, איז שוין אריבער אין אַן אַנדער ענין. וואָס ארום מוט זיך, ווייסט ער שוין נישט; דער עולם שפּאַרט זיך ווייטער, ער הערט נישט און זיצט און קוקט אויפ'ן בעליק...

דער עולם האָט אין איהם אויך פאַרגעסען, געמאַכט א ראָד ארום ר' קלונימוס'ן, דער מחותן אויך — (ער איז שוין אויפ'ן עולם־אמת!) כאָטש א סוחר — א גרויסער למדן געווען, און עס ווערט א דור־הפלגה!

אַ געשריי, א געפּילדער!

פון דער צווייטער שטוב רייסען דערוויילּ אריין קולות פון נשים, — אַ געפּילדער, א געשריי!

איך לאָז פון חתן קיין אויג נישט אראָפּ; ער זאָל עס, קיין עין־הרע, הערען אַ וואָרט!

דערווייל, היים איז געווען, דער ענין איז וואָס אמאָל טיפער געוואָרען, בין איך אביסעל איינגעדרימעלט...

פּלוצלונג וועקט מיך אויף אַ געשריי: וואו איז דער חתן?

און איך עפען אויף די אויגען, שטעהט די מחותנת אין טיר פון דער ווייבערישער שטוב, און האלט דעם מחותן ביי אַ לאַץ, און שרייט: גזלן, פושע־ישראל, האָסט גאָר פאַרגעסען!

און דער מחותן ציטערט ווי אַ פיש.

— אידען בני רחמנים! לויפט זוכען, לויפט זוכען! — שרייט די מחותנת'טע, נישט מיט איהר קול — ער וועט זיך א מעשה טון...

זי לויפט דורך די מענער פון שטוב ארויס, דער מחותן — נאך, און מיר אלע — נאכ'ן מחותן...

און דא אין מארק איז א פינסטערניש, כאטש נעם דיר די אויגען ארויס! א כמארע, א שווארצע ווי סמאלע... עס רעגענט נישט, נאר עס שמייסט אין פנים אריין מיט נאדלען!

דער עולם רופט, דער עולם זוכט, און איך שטעה אזוי אינ־מיטען מארק, און קלער: וואו זוכט מען?

פון איין עק צו דער אנדערער שרייט מען זיך צו: נישט דא! נישט דא!

אינמיטען הער איך, ווי די מוטער גיט א געשריי: אידען, בני רחמנים, צו דעם ברונען! צו דעם ברונען!

צו דעם ברונען? שטויו איך, וואס הייסט: צו דעם ברונען? מען זאגט — א טייך, א מענש וויל זיך באדען; א מקוה — טובל זיין, אבער א ברונען?

נאר, אז א מאמע שרייט, לויפט דער עולם צו דעם ברונען. איך וואלט אויך געלאפען — זעה איך דאך אבער נישט ביינאכט, וואו צו לויפען!

פלוצלונג — א בליץ! —

און איך דערזעה איהם! די מוטער האט געטראפען!

שטעלט אייך פאר: ער שטעהט אויפ'ן ראד, און, אז מען לויפט צו, רופט ער:

— קוקעריקו!!!

עס נעמט דורך די ביינער!

נו... משוגע געווארען.—

פון דאמאלט אן, כאטש מען האט שפעטער דעם ברונען אויס־געריייניגט... ווארים — ווי פאסט עס פאר די אומות־העולם, עס זאל בלייבען א זכר פון א אידישען בכור אין שטאדט? — האט מען מורא פאר דעם ברונען!

— איך, און נאך יחידי־סגולה, נוצען נישט קיין ברונען־וואַ־סער!

דער דראַנג.

דאָס, וואָס איך וויל אייך דערצעהלען, איז אַ מעשה פון מאַזעלבאָזשיץ.

זיי רופען עס מיט'ן פולען מויל: „מאָדליבאָזשיצע“. דאָס הייסט: דאַוונען צו גאָט; בעט גאָט, הייסט עס, דאָס זאַמד זאָל דיך נישט פאַרשיטען. וואָרים דאָס שטעדטעל באַשטעהט אינגאַנצען פון עטליכע קליינע, הילצערנע הייזלעך מיט שטרויענע דעכלעך, אַ שינדעל־דעכעל זעלטען, און צוואַוואָרפען אַרום אַ גרויסען זאַמדיגען מאַרק. קיין הינטער־געסלעך נישטאָ. וואַלד אַרום—אויך נישט. — סאַמעראָדנע אָרעמע, זאַמדיגע האָבער־פעלדער אַרום און אַרום; האָט דער ווינט טאַקע, וואָס צו זאָגען. קומסט אין שטעדטעל אַריין — אַ שטיק מדבר, די הייזלעך דערזעהט מען קוים, און שטיל, קיין צייכען פון לעבען. נעכטען האָט געמעגט זיין דער יאָהר־מאַרק, פון וועלכען דאָס שטעדטעל ציהט חיונה אויף אַ גאַנץ יאָהר: צעהנדליגער פוהרען, הונדערטער פויערען מיט פויערטעס. געשריי און געפילדער און געקנאַקערייען פון בייטשען, ביז שפעט אין דער נאַכט, פאַרטאָג אָבער איז אַנגעפלויגען אַ פריהמאָרגען־ווינטעל און פאַרזאָגט, און פאַרוועהט אַלע צייכען פון פאַדקאָוועס און רעדער. איינס נאָר פאַלט אין די אויגען: אינמיטען מאַרק, אַריינגעזעצט אין זאַמד, שטעהט אַ שוואַרצער הילצערנער דראַנג, אָהן אַן אויפגעשריבען וואָרט, אָהן אַ צייכען. און פרעגסטו אַ איד צי, להבדיל, אַ גוי, וואָס דאָס באַטייט, ענטפערט מען דיר: מיכאַליק'ס מצבה...

ווער איז דער מיכאַליק געוועזן? פאַרוואָס קומט איהם אַ מצבה אינמיטען מאַרק? — דאָס וויל איך אייך טאַקע דערצעהלען.

אַמאָל איז געווען אין מאַזעלבאַזשיץ אַ צורר יהודים — אַ גלח.

פריהער איז דוקא אַ גוטער גלח געווען.

אַ קיילעכדיגער, אַ צושמייכעלטער. מיט רויטע בעקעלעך און לאַכענדיגע גרויע אויגעלעך... צו אחינו בני ישראל צוגעלאָזט... פלעגט אפילו באָרגען אַ קערבעל אַמאָל, אויף אַ משכון און נישט גרויסען פּראָצענט. דאָס געלט פלעגט, מכלומר'שט, געהן פון דער בעל־הבית'טע זיינערס קניפּעל, אָבער געוואוסט האָט מען, וועמעס עס איז. און אויף שבת ויו"ט, בפרט נאָכ'ן יריד, איז ער געווען דער פּודה ומציל; האָט מען אָנגעהאַקט ביי איהם די שוועל...

— גאַספּאַדיני — פלעגט ער אויסהערען און זאָגען — האָב רחמנות אויף משה חיים'ן, אַ פאַרגרעבטער שונא־קריסטוס, אָבער אַ ווייב מיט קינדער! באָרג איהם דאָרט אַ פּאָר מטבעות...

און די „גאַספּאַדיני" האָט אָפּגעווישט די רויטע הענט פון מעהל צי פון קוואַס, געשמייכעלט און געגעבען.

די וואָכערניקעס האָבען אפילו פּאַראַיבעל געהאַט, אָבער טו עפּעס מיט אַ גלח! און אפשר האָבען זיי עס איהם פאַרשאַלטען... אין אַ שלעכטער שעה עפּעס אַרויסגעזאָגט. וואָרים פּלוצלונג פּאַלט דער גלח אַוועק, די בעל־הבית'טע זיינע פאַרנעמט וואָס זי קאָן און ווערט נעלם. ער מאַכט צו איין אויג, דאָס צווייטע — ר'איז נישטאָ! און אין אַ קורצע צייט אַרום קומט שוין אַראָפּ אַ הויכער, בלאַסער און מאָגערער גלח, אַ תעניתים־גלח מיט ברענענדיגע אויגען און ברייטע רעדער אַרום די אויגען, און ער הויבט אָן צו דרש'נען געגען אחינו בני ישראל, פּעך און סמאָלע הייסע שיט ער. אַלץ יענע מעשה. דער אַלטער חטא מיט'ן תלוי... און — זהיר והזהר, מען זאָל מיט קיין איד נישט האַנדלען: נישט קויפען, נישט פאַרקויפען, אַ נישט וועט ער ביי קיינעם נישט אָננעמען קיין ודוי, נישט אַרויסגעבען קיין תשובה, זאָלען די נשמות ברענען אין איי־ביגען פייער פון גיהנום...

דערשרעקען זיך די פּרנסה־געבער, וואָס קאָנען זיי אָבער טון? מען מוז אָנקומען צום איד! וואָרים באמת, וואָס דאַרף אַ פּויער אָביסעל זאַלץ? איז זאַלץ אַ מאָנאָפּאָל און אין אידישע הענט: דריי אידישע שותפים אויף מאַזעלבאַזשיץ מיט דער סביבה... עס גאַגט נאָך אַ ביטערען טראָפּען — פּיער אידען האַלטען בשותפות

די פּראָפּינאַציע... מען האָט אַ משפּט, אַ סכסוך וועגען ירושה, צי אַ טענה צום פּריץ אָדער וועגן אַ געשלעג אין קרעטשמע, ווער איז אַ מבין אויף אַ גוטען „אַבלאָקאַט״? מאַשעק אָדער יענקעל... און דרימעלט דער שומר איין, און עס לקח׳ענט זיך אַרויס אַ פונטיג העכטעל פון פּריץ׳ס טייכעל, ווער קויפט עס? אַ איד לכבוד שבת: אָדער אין פּריץ׳ס קשאַקים אַ העזעל געכאַפּט, אַפּגעצויגען, — מיז מען קומען ביינאַכט און אַנקלאַפּען אין אַ אידישען לאָדען... און אַז עס קומט אַ סעקוועסטראַטאָר און פּרעסט אויס די פּאַדאַט־קעס, און מען מוז עפענען דאָס שטעלעכעל, און אַרויספיהרען דאָס ליעבסטע קעלבעל, — איז דער קצב אויך אַ איד... און אַזוי מיט אַ פּאָר אייער, מיט אַן איבעריג מעסטעל האָבער...

און פאַרלעגען אַ קריסטליך געוועלבעל לוינט זיך נישט. אויף וואָס? דער פּויער טראָגט אויף זיך, וואָס די פּויערטע וועבט און נעהט; מאַכט פּייער רייבענדיג מיט אַ שטריק אַרום אַ האַלץ אָדער האַקט זיך די פינגער אָפּ מיט קרעמענים. און בהיתר קאָן מען איהם פאַרקויפען: אַמאָל אין אַ יאָהר אַ קאָסע און אַ גאַנץ יאָהר—שמירעכץ צו די רעדער; לוינט נישט.

זעהט דער מאָגערער גלח, אַז ער האָט צו קורצע הענט, וויל ער זיך נוקם זיין אויף אַן אַנדערען אופן. וועט ער פאַרביטען שרות. האַלט אָבער מאַזעלבאַזשיץ קיין גוי׳שע דינסט נישט, קיין גוי׳שע אם על אחת כמה וכמה נישט. שיקט ער כאַטש נאָכ׳ן שבת־גוי מיכאַליק, אַ לאָמער גוי געווען, אַ וועשינס אַ מאַן: אַ צו־שלאָגענער, אַ צו׳הרג׳עטער; דאָס ווייבעל כאַפּט צו איהם וואָס אַמאָל די „קיאַנקע״, פאַרוואָס ער טויג נישט צו בנים, — און זאָגט איהם אָן בחרם, ער זאָל מעהר נישט אַריבערטרעטען קיין אידישע שוועל.

— נישט איינהייצען ווינטער אום שבת? — קראַצט זיך מי־כאַליק אין קאָפּ.

— ניין!

— נישט אַראָפּנעמען די לייכטער?

— ניין!

— און יום־כּפּור צו נעילה נישט אויסטווישען די ליכט...

— אודאי און אודאי נישט!

קראַצט זיך מיכאַליק ווייטער אין קאָפּ און פרעגט:

— און ווער וועט מיר געבען ווייסען קוליטש און אביסעל —

געוואלט האט ער זאגען „שנאפס“, נאר דער מאגערער גלח האט אויף איהם אויסגעשטעלט א פאר אויגען, אז דער מוטערס מילך איז איהם אנטרונען. און ער האט זיך א בוק געטאן פאר זיין „שרעק“, און איז ארויס פון שטוב און לויפט גלייך צום רב, אנזאגען — אידיש רעדט ער אויסגעצייכענט, כמעט פון וויג ארויס א שבת־גוי — זאגט ער איהם אזוי און אזוי, שאפט אייך אן אנ־דערען שבת־גוי!

פלוצלונג אבער פאלט איהם עפעס איין. ענדערט זיך אויפ'ן פנים, פאלט דעם רב צו די פיס, קושט איהם די שיך און זאקען. גיט מיר — שרייט ער אויס — א בן זכר מיט'ן כח פון א י י ע ר אמונה, בלייב איך שבת־גוי ביז'ן טויט אריין! זאל זיך זיין נשמה, זאגט ער, פרעגלען דערנאך אין גיהנום, אבי זיין ארורה צו פאר־מאכען דאס מויל...

מאכט דער רב: נו, נו! דאס קושען קיצעלט איהם אין די קנעכעל. לאז מיך אפ, הייסט עס. מיינט אבער מיכאליק, אז עס איז א צוזאג, און ער ווייסט, אז א רב, להבדיל, כאטש נישט א גלח, האט אויך עפעס א דעה, קיין ליגנער איז דער מאזעלבאזשי־צער רב אודאי נישט, שפרינגט ער אויף דערפרעהט, שרייט: איך בלייב! איך בלייב! און לויפט ארויס, איידער מען האט צייט געהאט איהם עפעס צו זאגען...

קומט מיכאליק אין מארק אריין, זונטאג איז עס געווען. דינס־טאג דארף זיין יום־כפור, הייסט עס: מאנטאג ערב יום־כפור. זע־נען זונטאג געקומען אויפ'ן מארק פויערים מיט פויערטעס מיט היהנער און העהנער אויף כפרות. א געקרעהעריי! און ווייבער שטעהען ארום און טאפען די עופות און דינגען זיך, און רייסען זיך פון די הענט. א גערויש, א געפילדער! פלוצלונג פאלט אין מארק אריין דער גלח מיט בליצענדיגע אויגען און א שטעקען אין דער האנט, און הויבט אן צוטרייבען די פויערים. כפרות, שרייט ער, איז כשוף, מען זאגט אפ די זינד אויף גוי'שע קעפ. וואן! די פויערים און די פויערטעס דערשרעקען זיך; פאר די אויגען, פאר'ן שטעקען און נאך מעהר פאר'ן כשוף און — ויברח! — די ווייבער בלייבען שטעהן מיט לעדיגע הענט און אפענע מיילער, און

דער גלח׳ישער חמן, מיט די הענט אונטער׳ן רוקען, געהט זיך אוועק מיט גרויס נצחון. קומט, ווי געזאגט, פון רב׳ס שטוב ארויס מיכאליק, ווארפט אן אויג און פארשטעהט שוין, וואס דא איז געשעהען. טראכט ער אויף זיין לשון, כאשר אבדתי אבדתי! און שרייט אויס: עס וועלען זיין כפרות!

און לויפט אהיים, כאפט א פאר עופות — א הוהן מיט א האהן, וואס דאס ווייבערל האט געהאדעוועט, א שטיק שווארץ האלץ, דעם ווייבס קאטשיובע, א שטריק פון דער וועש און א בייטש. א זכר געבליבען, מיכאליק איז אמאל שמייטער געוועז. און לויפט אין מארק אריין. די הוהן ווארפט זיך, פעדערען פליהען, דער האהן קרעהט, און ער טוט זיך זיינס. גאנץ מאזעלבאזשיץ שטעהט מיט אפענע מיילער אוןווארט, וואס דא וועט זיין, מיכאליק נעמט דאס שטיק האלץ און שטעקט עס אריין אין זאמד אינמיטען מארק, נעמט די שטריק און בינדט מיט איין עק די עופות צו ביי די פיס; דעם צווייטען עק בינדט ער צו צום שפיץ פון דראנג. הויבט אן דאס פאר עופות ארומצופליהען ארום דראנג פאר׳ן שטריק. נעמט ער נאך די בייטש און קנאקט, און יאגט זיי ארום און ארום. פארשטעהט שוין דער מאזעלבאזשיצער עולם און לויפט זיך צוזאמען, און שטעלט זיך ארום דראנג... מיכאליק יאגט די עופות איבער די מאזעלבאזשיצער קעפ און גאנץ מאזעלבאזשיץ זאגט, ווי איין מענש מיט איין מאל: בני אדם, אז עס הילכט אין אלע זיבען הימלען...

עס איז אן אלטע געשיכטע...

די הוהן מיט׳ן האהן זענען אויפגעגעסען געווארען מוצאי יום־כפור... דער שלעכטער גלח איז פאר בושה אנטלאפען. די בני־אדם־זאגער זענען שוין לאנג אויף׳ן עולם אמת... צי מיכאלקע האט א בן־זכר געהאט און וואו ער איז אהינגעקומען, ווייסט מען נישט, נאר דעם דראנג, די מצבה נאך מיכאליק׳ן ריהרט קיין ווינט נישט פון ארט, זי שטעהט ביז היינטיגען טאג!

צום עולם התֹהו.

פון דער פראווינץ פליהט א קנויל פון נשמות אין הימעל אריין.

עס זענען פ ר י ש ע נשמה'לעך, ערשט נעכטען, אסרו־חג־שבועות, פון „געפענגעניש" ארויס...

צום הימעל איז ווייט, און אַבוואל זיי האבען פליגעל ווי מלאכים, און טראגען שוין נישט די לאַסט פון אומגעלומפערטען קערפער, קאָנען זיי דאך די טויערען פון הימעל מיט איינמאל נישט דערגרייכען.

עס קומט דערפון, וואס די געוואוינהייט איז די צווייטע נאַטור. און אונזערע נשמות האבען אין זיך נאך פיעל געוואוינהייטען פון יענער וועלט, וואו „מנוחה" האט געהייסען „גליק", וואו געהן מיט אמאל און ווייט האט מען נישט געקאַנט און נישט געטאָרט; וואו מען פלעגט זאגען: „פון איילעניש קומט קיין גוטס נישט ארויס", „פון נישט געהן און נישט פאהרען האט מען קיין חרטה נישט" און — „שטילער פאהרען, ווייטער קומען!"... פאראן, זאגט מען, אדלער, וואס שיסען גלייך און מיט אמאל ארויף צו דער זון. זענען זיי אבער, ערשטענס, מ ע נ ש ע ן, נישט קיין אדלער געוועזן, און אפילו אז אדלער פליהט אויך נישט מיט אמאל יאון גאַרנישט צו דער זון, מאלע וואס מען פארצעהלט...

נאר לאָמיר צוריקגעהן צו דער זאך.

ביים ערשטען בעסטען וואלקען האט זיך דער „קנויל" אפגעשטעלט.

— האט נישט ווער אביסעל בראנפען? — פארגעסט א נשמה, וואו זי האלט אין דער וועלט.

— אוף! — סאפעט אפ די צווייטע; אבוואל דער טייל, וואס קאן אין דארף מיד ווערען, ווערט דארט אונטען אויף א מטה צוגעטראגען צום אפענעם קבר.

— ווי די זון ברענט און בלענדט! — קלאָגט זיך אַ דריטע, אויך אוים לויטער געוואוינהייט, פאַרגעסענדיג, אַז זי ליגט שוין נישט אינ'ם פינסטערען „עפר ואפר"־שטיבעלע, קוקט שוין נישט אַרוים דורך צוויי קאַרגע שפּאַלטען מיט ברעמען פאַרשטעלט, אַז די זון מיט איהר גאַנצען פייער קאָן איהר די אויגען, וואָס זי האָט נישט, נישט אויסברענען.

איינע וויל הערען עפּעס נייעס; אַז אַנדערע וואָלט גערן גע־וואוסט, ווי האַלט מיט קאָרן אָדער מיט פּאָליטיק.

— אינטערעסאַנט צו וויסען, — זאָגט עמיץ, — צי איז ס אַ נ י ן ווירקליך אַ טאַלענט. —

אין דער רגע איז אָבער דורכגעפלויגען אַ ליכטיגער מלאך.

זיינע זילבערנע פליגעל רוישען אין דער לופט שטיל און זים. דער אָפּגלאַנץ פון זיינע אויגען זוימט די לייכטע אַלבאַסטער־נעבעל מיט גאָלד און סאַפיר. באַגריסט פון די שטערען, שמייכעלט ער זיי צו, און פון שמייכעל צופליסען זיך נייע שטריימען ליכט איי־בער'ן הימעל.

ער דערהערט פון וואָס נשמות רעדען, און אויף זיין ליכטיג־הייליג פנים לעגט זיך אַ שאָטען פון טרויער אוים... פון די ליכטיגע אויגען פאַלט אַ טרער פון רחמנות. אונטען ערגעץ ווערט זי פאַלען אויף אַ לעבעדיגע נשמה, און זי ווערט שוין אין בענקשאַפט פאַר־געהן...

ער גיט אַ מאַך מיט אַ פליגעל! „מיט וואָס דער טאָפּ האָט זיך אָנגעקאָכט!..." הייסט עס, און פליהט ווייטער זיין וועגס.

די פאַרשעמטע נשמות לאָזען אַראָפּ די קעפּלעך.

— פון וואָס דען רעדט מען? — קלערען זיי טרויעריג, נישט אַנהויבענדיג צו באַמערקען, אַז זיי פליהען שוין לאַנג נישט פריי אויף א י י ג ע נ ע פליגעל.... נאָר דער וואָלקען, וואָס ווערט נאָכ'ן מלאך'ס אָוועקפליהען אַלץ טונקעלער און טונקעלער, טראָגט זיי ערגעץ אַוועק אָן אַ זיים.

פון וואָס רעדט מען דאָ?

אויף יענער וועלט איז געוועזן אזוי פיעל צו רעדען! עס זענען אזוי פיעל פראגען געוועזן, אז דער מענש האט זיך נישט געטרויט אויף אלע זיך אליין צו ענטפערען. זיך האט ער נאך אי־בערגעלאזט די „שאלת־פרנסה“, דאס פארזארגען דעם מאגען; מיט אנדערע האט ער זיך געווענדט צו וועמען עס איז... צו אלטע ספרים, אלטע קברים, רביים, פאטערס, כשוף־מאכער, גורל־ווארפער... און דעריבער, אויסער ברויט, קרויט, און א שטיקעל פלייש און פיש, האט ער אויף אלעם געקוקט מיט פרעמדע אויגען, געהערט מיט פרעמדע אויערען... און דאך איז דאס מויל קיין רגע נישט געשטאנען, עס האט שטענדיג געמאלען, און דאס געהירן איז שטענדיג פול געוועזן. און דא... דא, אויפ'ן וואלקען, פיהלען זיי זיך אזוי לער...

פון דערווייטענס פליהט די קויל, אויף וועלכער זיי האבען גע־לעבט. איינגעהילט אין א שווארצען וואלקען פליהט זי. אונטער דעם וואלקען זענען געבליבען זייערע געדאנקען, זייערע פראגען, זייערע אינטערעסען צום רעדען. און זיי איז געבליבען נאר א שוואכער אפגלאנץ פון ברויט מיט קרויט... איז אבער דאס דעם מלאך נישט געפעלען.

— מען וואלט געדארפט רעדען פון גוטע זאכען, — מיינט א נשמה.

— פון פרומע! — פארבעסערט א צווייטע.

— כאטש אווארט תורה! — ראט א דריטע.

די צונג אבער לעגט זיך נישט.

דא אויפ'ן וואלקען, אין דער הויך, האט אלץ גאר אן אנדער פנים. עמיץ דערמאנט זיך פון עפעס „גוטס“ פון דארט, שטעלט זיך איהם פאר די אויגען א שעהנער עפעל, גערויטעלט ווי א פאר־שעמטע בתולה, מיט א גרינעם ווארים, וואס קוקט פון עפעל ארויס. דאס שלעכטע פון דארט זעהט אויך גאנץ אנדער'ש אויס... ווי עפעס אזוינס, וואס האט ריצען, די זאך איז נישט שעהן, מאוס, אבער פון די ריצען שטראלט עפעס ארויס... מעהרסטענטייל שטראלט עפעס ארויס... האט מען מורא דערפון צו רעדען...

און פרומקייט? ווער ווייסט, וועלכער נוסח עס איז נוהג אין הימעל: ספרד צי אשכנז. אדער אפשר זענען גערעכט נאר די דייטש־

טשען און די נאַציאָנאַליסטען? נאָך וואָס „באַליידיגען די געפיה־לען" — וועגען פרנסה געהט עס, וואָס?

עס רעדט זיך אפילו קיין ת ו ר ה נישט.

די „בני־תורה" צווישען די נשמות זענען געוואוינט צו נעבעל־דיגע שלוש־סעודות־תורה, באַגלייט מיט לאַנג־געצויגענע, מאָנאָ־טאָנע מעלאָדיען, און צווישען „אנשי שלומנו", נאָך אַ קאָפּ און נאָך אַ קאָפּ... גנה זאָג אויפ'ן וואָלקען אַ גמטריא, פליהט פאַרביי אַ ליטווישער מלמד און רעכענט נאָך!

— אַ, — דערמאָנט זיך פּלוצלונג אַ נשמה: — שבועות!— האָט איהר אייך געפּרעהט מיט קבלת התורה?

עטליכע רוקען זיך אָפּ אָן אַ זייט — זיי זענען ד אָ ר ט „קאַזיאָנע" רבנים געווען! זיי מאַכען זיך אַ באַזונדער רעדעל און רעדען, און פרעגען זיך: וואָס מען וועט זאָגען אויף יענער וועלט אויף דער טאַקסע פאַר נפטרים ונולדים?

דער גרעסערער קראַנץ נשמות האָט זיך טאַקע אָנגעכאַפּט אָן שבועות, אָן דער שאלה: ווער און ווי אַזוי עס האָט זיך געפּרעהט מיט קבלת התורה.

— „אַביאַזאַטעלנאַ", — שפּרינגט אַרויס אַ ליטווישער בעל־טאַקסע, — געפּרעהט זיך, ווי דען! איך וואָלט שעהן לייט גע־ווען אָהנ'ם תורה'לע! עס וואָלט אפילו קיין „סוויעטשנאָי סבאָר" נישט געוועזען! „נאַקאַנוניע" אסרו־חג האָב איך „ו'טשעסט" דעם תורה'לע אַ „וועטשער" געמאַכט, אַ קאַקושע. מיין דאַריטשקע האָט געשפּילט, „זינקאַ סדיעלאַלאַ פוראָר" — די וועלט אָפּגענומען! מאָיסעי אַנדרעיעוויטש איז פון דער „שקורא" געשפּרונגען. ער וואָלט זיך „אַביאַסניאַיעט", נאָר ביים „אוזשין" האָב איך איינגעשלונגען אַ ביין, און אָט — בין איך דאָ!

— און איך — רופט זיך אָן אַ מלוה — האָב מיך נוהג גע־ווען, ווי אבות־אבותינו. שאַוועך, תקון שבועות מיט פּוטער־גע־בעקס — מעהר דאַרף מען נישט! גאָט וויל נישט מעהר! מיט'ן תורה'לע האָב איך מיך אודאי געפּרעהט. „לנכרי תשיך", מיט היתר עסקא אונטערגעשלאָגען, — מיין פרנסה! האָט אָבער מיין ביילע־גיטעל, וואָס איך האָב איהר אַ סאַמעטענעם מאַנטעל אין מיין איי־גענעם לאָמבאַרד געקויפט, פאַר גרויס פרייד אָפּגעבאַקען צו פיעל

צו פיעל גוטע זאכען און — „איידער גאטס גאב זאל קאליע ווע־רען — —".

— האט דיך דאס פוטער־געבעקס ארויסגעשיקט! — פאלט איהם א רב'ל אין די רעד אריין. און אז אמת רב'ל, מען פיהלט פון איהם מקוה־וואסער!

— געפרעהט זיך מיט קבלת התורה — פארצעהלט ער — האב א י ד! אביסעל — זאגט ער — שפירט אויף פאמעראנצען־שאלען — האט די רבי'צין אנגעגאסען; בעלי־בתים האבען אויך געשיקט — דער א פלאש וויין, יענער — א לעקעד, א חתיכה'לע טארט... וואס זאל איך אייך זאגען? טעם גן־עדן! טאקע א שמחה געווען! ווירקליך זיך מיט'ן תורה'לע געפרעהט... ווארים — וואס וואלט איך אהנ'ם תורה'לע געטאן? א „לא יצלח", א גולם, וואס? איין פוס נאך א לעננערער, א הייטעל אויף אן אויג און, רחמנא לצלן, נישט פאר אייך געדאכט...

אין אנהויב האט דאס רבנות נישט געטראגען... מיט דער צייט — מאכען זיך הכשרים. יין־קדוש צאהלט, פ ס ח ' ד י ג ע ר בראנפען צי וויין — אן אוצר! קצבים צאהלען, ווי דען! און אז א חברה סטודענטען ווילען מתיר זיין שמיטה אין ארץ־ישראל — א פינף־און־צוואנציגער! ווי דען! דער חליצה־שוד וועט אויך זיין א געשעפט; מען האט אנגעהויבען צו רעדען דערפון!

— געשטארבען בין איך, — גיט צו דאס רב'ל, — איך וויים אליין נישט אויף וואס; עפעס פלוצלונג... אז מען האט מיך „אראפגענומען", האט מען געזאגט, אז דאס הארץ האט מיר גע־פלאצט, ווייל אפיקורסים ווילען מבטל זיין חליצה... זאל זיין אזוי! ליגענט איז עס — ווער הערט זיי?

— און איך — פאלט אריין א מלמד — האב מיך אויך גע־פרעהט; איך האב דאך יא פרנסה פון תורה'לע...

— בטלן! — האקט איבער אן אנדערע נשמה. און, ווענד'ענ־דיג זיך צום רב'ל, מאכט זי:

— איהר דערקענט מיך נישט? דאס האב איך דאך אייך דעם פינף־און־צוואנציגער דערלאנגט!

און צום „עולם" געווענדט:

— קיינער קען מיך נישט?

— איך געדענק נישט, — מאכט דער רב. — האסט געמוזט אנדערש אויסזעהן...

— אביסעל פרימער, — ענטפערט די נשמה. — מיר האבען זיך אזוי אפגעשמועסט...

— נו, שלום עליכם! — מאכט דער רב, און באמערקט ערשט, אז ער האט קיין האנט נישט צו דערלאנגען.

— עליכם שלום! א וואונדערליכע זאך, דארט האבען מיר זיך דאך אלע געקענט!

— איך הייס — אך! — כאפט ער זיך צוריק—איך האב גאר פארגעסען, אז איך האב מיין נאמען דעם עפר־ואפר — דעם גולם פאר'ן מלאך דומה איבערגעלאזט... און האב פארגעסען, ווי איך הייס. נאר „קאכער־לעפעל" האט מען מיך גערופען; אנדערע, פאר קנאה, האבען מיך „טעלער־לעקער" גערופען. נאר ווער מאכט זיך דארויס!

אבער א שבועות האבען מיר געמאכט — גאר אויפ'ן גרויסען אופן! פארשטעהט איהר, מיר אליין זענען נישט־גלויביגע... אמאל האבען מיר געצויגען דעם דגל־מחנה־יהודה קיין מזרח... און אלץ ווייטער און ווייטער אין מזרח... אבער, אז דער ווינט האט זיך איבערגעדרעהט, האבען מיר זיך אויך איבערגעדרעהט, און געבלאזען: צוריק! איך פלעג זיך אננעמען פול מיט לופט און ארבייטען ווי א מיעד!... פאר'ן המון האבען מיר א שבועות געמאכט! דעם המון מוז מען האלטען... אניט... איהר פארשטעהט שוין, אז אזוינע גראבע יונגען...

— געוואלד! — הערט זיך פּלוצלונג א געשריי פון צווייטען קרענצעל — געוואלד! מיר זענען דאך א ו נ ט ע ר דער ערד!

— פון וואנען ווייסט דו?

— וואס הייסט? איך קאן נישט קיין געאגראפיע? איך בין דאך עפעס ארויס פון צ ו ו י י ט ע ן קלאס! — ענטפערט א „קאזיאני."

— אט, אט האט איהר די ערד פון אויבען! — האט נאך א רב א משכיל געוויזען מיט א שפיץ פון א נשמה־פליגעל!

אין אלע דערזעהען, ווי די ערד פליהט איבער זיי, און דער וואלקען נעמט זיך אלץ טיפער און נידעריגער און — עפעס גאר אן א זייט...

מאַנכע רייסען זיך אַפּ פון וואָלקען און שיסען אַרויף אין דער הויך: זיי ווילען די ערד דעריאָגען און א י ב ע ר איהר צום הימעל דערגרייכען. אַנדערע לאַכען זיך אויס: „אויף אייגענע פליגעל פאַרלאָזען!" „זיצסט אויף אַ וואָלקען, צאַהלסט נישט קיין פוהר־ אַדער באַהן־געלט, פאָהר!"

אָבער אויך די נשמות, וואָס זענען אַרויסגעפלויגען, האָבען זיך באַלד צוריק אַראָפּגעלאָזט.

— אַ שרעק, — פאַרצעהלען זיי, — ווי ווייט יענע וועלט איז פון אונז אָפּגעפלויגען, און גאָר אַז אַ זייט... מיר וועלען זי שוין נישט דעריאָגען!

זיי דערצעהלען נאָך, אַז נעהנטער זעהט אַצינד די ערד גאָר אַנדערש אויס; זי איז עפּעס רויטליך און גאָלדען־ליכטיג.

זיי פאַרמישען זיך צוריק אין'ם קרענצעל, רעדען פון יענער וועלט, און באַמערקען נישט, אַז עס ווערט וואָס אַמאָל נעבעלדיגער. פינסטערער, אויפ'ן וואָלקען לעשען זיך די גאָלדענע ראַנדער, די זון ווערט ערגעץ פאַרפאַלען און קיין לבנה און קיין שטערען באַ־ווייזען זיך נישט... וואָס אַמאָל לעגען זיך דיקערע און געדיכטערע שאָטען, און וואָס טונקעלער עס ווערט דער וואָלקען, העלער און ליכטיגער ווערט די קויל — די ערד, און זי פליהט וואָס אַמאָל הע־כער און ווייטער, און ערגעץ אַז אַ זייט...

עס ווערט אומרוהיג אין קרענצעל.

— וואָס טוט מען? וואו אַהין פליהען מיר?

— „בידך אפקיד רוחי!" — לייענט קריאת־שמע דאָס רב'ל און הויבט אָן שנאַרכען.

אַנדערע באַמערקען עס:

— אַזוי! מען קאָן דאָך אויך שלאָפען! מהיכא תיתי!

און לוסטיג, לעבעדיג צולעגען זיי זיך אויפ'ן וואָלקען־דוקען און שלאָפען איין.

די ערד ווערט אַלץ ליכטיגער און יאָגט זיך אַלץ העכער און ווייטער אויף איהר וועג, און די שנאַרכענדיגע נשמות פליהען אויפ'ן שוואַרצען וואָלקען — צום עולם התהו. —

אין פּאָסט־וואָגען.

א.

ער האָט מיר אַלץ דערצעהלט אויף אמאָל, אין איין אָטעם. אין איין מינוט כמעט, בין איך געוואָר געוואָרען, אז ער איז חיים, יונה הרוביעשויווער'ס איידעם, בערעל קאָנסקיוואָלער'ס זוהן, און אז דער לובלינער גביר מערענשטיין, געהער איהם צו א פעטער פון דער מוטער, עליה השלום'ס צד. נאָר דער פעטער זיינער פיהרט שוין כמעט א גוי'ש הויז; טרפות, ווייסט ער נישט אויב מע'עסט, נאָר אומגעוואַשען — האָט ער אַליין געזעהן...

עס איז עפּעס, זאָגט ער, אנדערע מאָדנע ברואים: לאַנגע האַנטיכער ליגען אויף די טרעפּ. איידער מען געהט אריין, מוז מען געבען א קלונג; אין שטוב זענען אויסגעשפּרייט געמאָלטע טישטוכער... מענשען זיצען ווי אין א תפיסה, געהען שטילערהייט ווי גנבים... בכלל, זאָגט ער, איז ביי זיי שטיל ווי רחמנא לצלן צווישען טויב־שטומע...

זיין ווייב האָט אַזאַ מין משפחה אין ווארשוי. נאָר צו זיי קומט ער נישט; גלאַט זיי זענען קבצנים אויך — „וואָס טויגען זיי מיר? האָ?"...

ביים לובלינער פעטער איז נישט ווי גאָט האָט געבאָטען, איז ער וועניגסטענס אַן עושר. נו, אז מען רייבט זיך נעבען א פעטער, ווערט מען אויך פעט; וואו מען האַקט האָלץ פאַלען שפּענער, וואו עס איז א סעודה קאָן מען אָפּלעקען א ביין... אבער דאָרט — קבצנים!

ער ריכט זיך אפילו מיט דער צייט צו קריגען א שטעלע ביים לובלינער פעטער. די געשעפטען, זאָגט ער, זענען שלעכט. היינט האַנדעלט ער מיט אייער, ער קויפט זיי אין די דערפער און שטעלט זיי אָפּ קיין לובלין. פון דאָרט געהען זיי קיין לאָנדאָן... מען זאָגט,

אז דארט לעגט מען זיי אין קאלד־אויוועז אריין און עס קומט פון זיי ארויס היהנער... „עס מוז זיין ליגענט... די ענגעלענדער מוזען גאנץ איינפאך ליעב האבען אייער!“, נאר סיי ווי סיי — דאס געשעפט איז דערוייל דערשלאגען...

אלץ בעסער דאך ווי תבואה! תבואה איז גאר גע׳הרג׳עט. באלד נאך דער חתונה איז ער געווארען א תבואה־סוחר. ער איז געוועזען א לערען־קינד, האט מען איהם צוגענומען א שותף, אן אלטען סוחר... דער סוחר האט איהם אויסגעמאכט דאס אויער, פשט פשוט געפריצעוועט...

ב.

אינ׳ם פאסט־וואגען איז פינסטער, איך האב חיים׳ס פנים נישט געזעהן, און, עד היום ווייס איך נישט, ווי אזוי ער האט אין מיר א איד דערקענט... אז ער איז איינגעשטיגען בין איך געזעסען אין ווינקעל און געדרימעלט, זיין קול האט מיך ערשט אויפגעוועקט... פון שלאף רעד איך נישט... אפשר האב איך א אידישען קרעכץ געגעבען? אפשר האט ער דערפיהלט, אז מיין קרעכץ און זיין קרעכץ זענען איין קרעכץ?

ער האט מיר אפילו דערצעהלט, אז זיין ווייב קומט ארויס פון ווארשוי, אז עד היום שמעקט איהר נישט קאנסקיוואלע...

— געבוירען, פארשטעהט איהר מיך, איז זי אין הרוביעשאוו. נאר ערצויגען געווארען איז זי אין ווארשוי: ביי דער טרפה׳נער משפחה דארט, א יתומה געוועזען...

אין ווארשוי האט זי זיך אנגעשמעקט מיט אנדערע זאכען. זי איז א גרויסע בריה אין פוילישען, דייטשערישע אדרעסען לייענט זי ווי א וואסער. זי זאגט אפילו, אז זי קאן שפילען, נישט אויף א פידעל, נאר עפעס אויף אן אנדערער מאדנער כלי...

— און איהר ווער זענט? — כאפט ער מיך פלוצלונג אן ביי דער האנט.

פון שלאפען איז שוין נישט געוועזען וואס צו רעדען, און אנגעהויבען אינטערעסירען האט ער מיך שוין אויך. עפעס א מעשה, א קליין־שטעדטעלדיגער יונגערמאן, א ווייבעל, אויפגעצויגען אין

ווארשוי, דאָס קליינע שטערטעל שמעקט איהר נישט... פון דעם קאָן עפּעס זיין, טראַכט איך, מען דאַרף געוואר ווערען אַקוראַט, עפּעס צולעגען, וועט זיין אַ ראָמאַן... וועל איך באמת צוברעקען אַ מין גזלן, אַ קאַטאָרזשניק, אַריינהאַקען אַ פּאָר באַנקראָטען און צו־רייסען אַ פּיפּערנאָטער, וועל איך אויך זיין אינטערעסאַנט.

איך בויג מיך צו צו מיין שכן און זאָג איהם ווער איך בין.

— אַזוי, — זאָגט ער, — איהר זענט עס טאַקע, איהר אַליין... און זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי נעמט עס אַ מענש צייט און קאָפּ, זיך אויסצוקלערען מעשיות...

— איהר זעהט דאָך!

— איך ווייס? האָט איהר געמוזט קריגען אַ גרויסע ירושה און איהר לעבט פון פּראָצענט.

— חס ושלום, מיינע עלטערען לעבען, ביז הונדערט און צוואַנ־ציג יאָהר...

— האָט איהר געמוזט אויף דער לאָטעריע געווינען!

— אויך נישט...

— וואָס דען?

איך האָב איהם באמת נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערען:

— האָט איהר פון ד ע ם פּרנסה?

איך ענטפער אַן אמת אידישע תשובה: בע!

— און דאָס איז אייער גאַנצע פּרנסה, גאָר אָהן אַ צושפּרונג?

— דערווייל...

— אַוואַ! וואָס האָט איהר, איך בעט אייך, דערפון?

— זעהר ווייניג!

— א ו י ך טוט?

— גע׳הרג׳עט...

— שלעכטע צייטען, — זיפצט מיין שכן.

אַ פּאָר מינוט איז שטיל געוועזען, מיין שכן קאָן דאָך לאַנג נישט רוהען:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, נאָך וואָס טויגען די מעשיות?

— איך מיין נישט א י ך, חלילה, — פאַרבעסערט ער זיך — חס ושלום, אַ איך דאַרף פּרנסה. צאַפּט ער פון דער וואַנט; דאָס איז ביי מיר גאָר קיין קשיא נישט... וואָס טוט נישט אַ איד פאַר פּרנסה? אָט, האָב איך נישט געקריגען קיין געלעגענהייט.

פאַהר איך מיט דער פאַסט, גאָט ווייסט אויב איך זיץ נישט אויף שעטנז. נאָר דעם עולם מיין איך, וואָס טויגען זיי די מעשיות? וואָס פאַר אַ תכלית שטעקט דערינען? וואָס שרייבט מען אין די ביכלעך?

ער וואַרט נישט אויף תשובה און ענטפערט זיך אַליין:—

— עס מוז גלאַט זיין אַזאַ מאָדע, אַ מ י ן קרינאַלינע, אַ קשיא אויף ווייבער!

— און איהר, — פרעג איך איהם, — איהר האָט נאָך ק י י נ מ א ל נישט געלעזען די ביכלעך?

— א י י ד מעג איך דאָך זאָגען, איך האָב יאָ אפילו אַ שטיקעל ידיעה דערפון... אָט אַזוי גרויס...

ער האָט מיר אודאי אָפּגעמאָסטען אַ שטיקעל אויפ'ן פינגער, אַ נאָגעל מיט אַ שטיקעל פלייש צו, נאָר עס איז פינסטער געווען.

— עס האָט אייך פאַרט אינטערעסירט?

— מ י ך? חס ושלום! אַלץ מיין ווייב! די מעשה דערפון. פאַרשטעהט איהר, איז אַזוי געווען: עס וועט זיין אַ יאָהר פינף־זעקס, טאָקע זעקס, אַ יאָהר נאָך דער חתונה—מיר האָבען נאָך קעסט גענעסען... האָט זיך עפּעס געמאַכט, אַז מיין אשה איז נישט געווען אינגאַנצען; נישט חלילה קראַנק, זי איז אַרומגעגאַנגען, נאָר אַזוי, נישט בקו הבריאה...

איינמאָל פרעג איך זי, וואָס איז איהר...

— אייגענטליך, כאַפּט ער זיך צוריק, ווייס איך נישט, נאָך וואָס איך דול אייך דעם קאָפּ מיט אַזוינע זאַכען...

— אדרבא, — זאָג איך איהם, — דערצעהלט ר' קרוב...

מיין שכן לאַכט:

— מען דאַרף שטרוי אין מצרים? א י ה ר דאַרפט מיינע מעשיות, איהר קאָנט אייך נישט א ו י ס ק ל ע ר ע ן אַליין?

— דערצעהלט ר' קרוב, דערצעהלט...

— איהר שרייבט, אפנים, פאַר יענעם ליגענט, און פאַר זיך ווילט איהר אמת?

אַז מען זאָל שרייבען א מ ת, פאַלט איהם נאַרנישט איין...

— נו, — מאַכט ער, — זאָל זיין אַזוי...

ג.

— נו, — דערצעהלט מיין שכן, — עס איז קיין בושה נישט: אין א באזונדער חדר האבען מיר געוואוינט, א יונגערמאן בין איך געוועזען, מעהר צוגעלאזט צו אזוינע זאכען — פרעג איך זי, וואס עס איז איהר, לאזט זי ארויס א געוויין...

איך האב אויף איהר שטארק רחמנות געהאט. אויסער דעם, וואס זי איז, קיין עין הרע, ביז הונדערט און צוואנציג יאהר, מיין ווייב — איז זי נאך — א י ת ו מ ה... און אין דער פרעמד, טאקע עלענד!

— ווי הייסט עלענד? — וואונדער איך מיך.

— מיין מאמע, עליה השלום, איז, פארשטעהט איהר, נפטר געווארען, א יאהר צוויי פאר מיין חתונה, און מיין טאטע, עליו השלום, האט שוין קיין אנדער ווייב נישט גענומען.

מיין מאמע, זכותה יגן עלינו, איז געוועזען אן אשה צנועה, און מיין טאטע האט זי נישט געקאנט פארגעסען... נו, א י י ן אידענע אין שטוב... דער טאטע אליין, עליו השלום, האט קיינמאל קיין צייט נישט געהאט... כמעט א גאנצע וואך אויף די דערפער געוועזען, ער האט געהאנדעלט מיט כל המינים, וואס איהר ווילט נאר — אייער, פוטער, שמאטעס, חזיר־האר, לייגוואנט.

— און איהר?

איך בין געזעסען אין בהמ"ד און געלערענט... נו, א ווייבעל אליין, האב איך גערעכענט, האט זי מורא... ווי קומט אבער וויינען דערצו? „ניין" — זאגט זי — „זי נודזשעט זיך"... נודזשעט זיך? וואס הייסט דאס?

געזעהן האב איך, אז זי געהט ארום ווי איינער אין שלאף. אמאל רעדט מען צו איהר און זי הערט נישט, אמאל פארטראכט זי זיך און קוקט אויף דער וואנט, און קוקט, און קוקט... אמאל מאכט זי מיט די ליפען, און מ'הערט נישט איהר קול... נאר וואס הייסט נודזשען זיך? אלץ ווייבערישע זאכען. אז עס לא היה די נשים... א איד, א מאנסביל נודזשעט זיך נישט... א איד האט גאר קיין צייט נישט זיך צו נודזשען. א איד איז הונגעריג אדער זאט;

אדער אַן עסק, אָדער אין בית המדרש, אַניט שלאָפט ער... האָט מען שוין ג אָ ר ציַיט רויכערט מען אַ לולקע־ציבוד — אָבער נודזשען זיך?

— פאַרגעסט נישט, — זאָג איך איהם, — אַ אידענע אָהן תורה, אָהן קהל'שע זאַכען, אָהן תרי"ג מצוות...

— דאָס איז טאַקע די מעשה; איך האָב מיך טאַקע באַלד אַנגעהויבען שטויסען, אַז נודזשען זיך איז אַ מין לעדיג־געהן, אַ מין בטלה וואָס מע'ווערט שיעור משוגע דערביי. אונזערע רבותים האָבען שוין דאָס לאַנג געזעהן ברוח הקדש... איהר קאָנט די קליינע אותיות? הבטלה מביאה לידי שעמום! על פי דין טאָר קיין וויי־בעל נישט געהן לעדיג, זאָג איך איהר טאַקע: טו עפּעס! זאָגט ז י, זי וויל „לעזען"!

„לעזען" איז אויך ביי מיר געווען אַ משונה וואָרט... גע־וואוסט, אפילו, האָט מען שוין, אַז ביי די, וואָס לערנען זיך שריי־בען, הייסט לערנען „לעזען", להבדיל, ביכלעך מיט ציַיטונג. איך האָב אָבער נאָך דאַמאָלט נישט געוואוסט, אַז זי איז אַזאַ מלומדת... זי פלעגט מיט מיר ווייניגער רעדען ווי איך מיט איהר! זי איז אפילו אַ הויכע אידענע, נאָר פלעגען פלעגט זי האַלטען דעם קאָפּ אַראָפּ, די ליפּען פאַרביסען, גלייך זי קאָן קיין צוויי נישט צעה־לען... זי איז בכלל געווען אַ שטילע... אַ שאָף! און שטענדיג איז איהר אויפ'ן פּנים געווען אויסגעגאָסען אַזאַ מין פאַרזאָר־געניש — גלייך עס וואָלט איהר אַ שיף מיט הייער־מילך אונטער־געגאַנגען... זי וויל — זאָגט זי — לעזען. און וואָס? פּויליש, דייטש... זאָל זיין עברי־טייטש, אָבי לעזען...

און דאָ איז אין קאָנסקיוואָליע קיין זכר פון קיין ביכעל נישטאָ! רחמנות האָב איך אויף איהר, אָפּזאָגען קאָן איך איהר נישט... זאָג איך איהר צו, אַז ווען איך וועל זיין ביים פעטער אין לובלין, וועל איך איהר ברענגען ביכלעך...

— און ד ו האָסט גאָרנישט? — פרעגט זי.

— איך? חס ושלום!

— וואָס דען טוסטו גאַנצע טעג אין בית־המדרש?

— איך לערען!

— איך וויל אויך לערנען, — מאַכט זי!

איך גיב איהר צו פאַרשטעהן. אַז גמרא איז, להבדיל, קיין

מעשה־ביכעל נישט, אז זי איז נישט פאר ווייבער, אז עס איז גאר דא א דעה אין דער גמרא, אז נקבות, טארען נישט לערנען, אז גמרא איז לשון קודש...

עס האט אבער נישט געהאלפען! מ׳זאל וויסען דערפון אין קאנסקיוואלע וואלט מען מיך פארשטיינערט, און זיי וואלטען גע־רעכט געווען! איך וועל אייך נישט לאנג ברייען, איך וועל אייך דערצעהלען קורץ און בקצור, זי האט אזוי לאנג מיך געבעטען, גע־וויינט, גע׳חלש׳ט; אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז זי האט גע׳פועל׳ט. איך פלעג מיך יעדע נאכט אנידערזעצען און פארטייטשען איהר א בלאט גמרא...

איך האב אבער פריהער געוואוסט דעם סוף...

— און דער סוף איז געווען?

— פרעגט גארנישט... איך האב איהר איבערגעזעצט א בלאט „ארבעה אבות נזיקין“... השור והבור, והמבעה, וההבער... און טאקע מיט רש״י, מיט תוספות, מיט מהרש״א... איך האב געקנאקט, און זי — איז דערביי נאכט אויף נאכט איינגעשלאפען... עס איז נישט פאר קיין אידענע!

א גליק האט מיך געטראפען, אז אין דער גרויסער זאווערוכע, וואס עס איז אין דעם יאהר געווען, האט זיך א פאקענטרעגער פארבלאנדזשעט קיין קאנסקיוואלע, האב איך איהר אהיים גע־בערענגט א פוד, א גאנץ פוד מעשה ביכלעך... אצינד ווייטער איז געווארען פארקעהרט... זי האט מיר געלייענט, און — איך בין איינגעשלאפען...

און עד היום — מאכט ער — ווייס איך נישט, נאך וואס עס טויגען די מעשה־ביכלעך. פאר מאנסבילען אודאי נישט! אפשר שרייבט איהר גאר פאר ווייבער?

ד.

דערווייל האט אנגעהויבען טאגען..

אין דער טונקעלער בויד האט אויפגעטויכט מיין שכן׳ס געל, לאנג און דאר פנים; א פאר אונטערגעשלאגענע, מידע, רויטע אוי־גען.

ער האט געוואלט, אפנים, זיך נעמען צו דאוונען פון פארענט; ער האט געווישט די פארטויטע שויב פון פאסטוואגען. נאר איך האק איהם איבער:

— זאגט נאר, איך בעט אייך, ר׳ קרוב, האט אויף מיר קיין פאראיבעל נישט, ה י י נ ט איז שוין אייער ווייב צופרידען?

— ווי הייסט צופרידען?

— זי נודזשעט זיך נישט מעהר?

— זי האט היינט א „שטעל“ מיט זאלץ און מיט הערינג... איין קינד ביי דער ברוסט... צ ו ו י י — צו קעמען און צו וואשען!... מיט נ ע ז ל ע ך שנייצען איז זי יוצא פאר א טאג...

ער ווישט נאך אמאל די שויב, איך שטער איהם ווייטער —

— זאגט נאר ר׳ קרוב — ווי זעהט אויס אייער ווייב?

מיין שכן שטעלט זיך אויף, ווארפט אויף מיר א זייטיגען בליק, באטראכט מיך פון קאפ ביז פיס און פרעגט מיך שטרענג:

— וואס איז, איהר קענט מיין ווייב! פון ווארשוי, וואס?

— חלילה, — ענטפער איך איהם, — איך מיין גלאט, טאמער בין איך אין קאנסקיוואלע, וויל איך זי דערקענען...

— איהר ווילט זי דערקענען? — שמייכעלט ער בארוהיגט,

— מהיכא תיתי! האט איהר א סימן: זי האט א פעפער אויף דער לינקער זייט נאז!

ה.

דער איד איז אראפגעקראכען פון פאסטוואגען, ער האט זיך מיט מיר געזעגענט, שטעהענדיג שוין אויפ׳ן שטאפעל, פון דערוויי־טענס, און גאר קאלט.

ער איז מיך, אפנים, חושד, אז איך קען פארט זיין ווייב, און אפשר, אז איך געהער צו זיין טרפה׳נער משפחה!

איך בין געבליבען איינער אליין, נאר פין שלאפען איז שוין נישט געוועזען וואס צו רעדען. דער פרישער מארגען האט מיך דורכגענומען; מיין ליטערארישער פאלטא איז אונטערגעשלאגען מיט ווינט, און דער קיהלער מארגען גנב׳עט זיך מיר אריין אין אלע גלידער. איך האב מיך צוריק פאררוקט און אנגעשפארט אין

ווינקעל. דרויסען האָט אנגעהויבען שיינען די זון. עס קאָן זיין, אַז איך בין געפאָהרען אין אַ הערליכער געגענד. די ערשטע שטראַ־לען פון דער זון האָבען זיך הערצליך געקושט מיט שפּיצען פון בערג, מיט גרינע בוימער, און אפשר געגליטשט זיך אויף אַ שפּי־געל־בלויען טייך... איך האָב דאָך די העזה נישט געהאַט צו עפענען דאָס קליינע פענסטערל...

אַ אידישער ליטעראַט האָט דורך ארץ פאַר קעלט; איך האָב מיך גענומען „אויסצוקלערען“, ווי דער איד זאָגט, אַ מעשה. דאָך אַנדערע מחשבות האָבען מיר איבערגעשלאָגען...

צוויי פאַרשידענע וועלטען, אַ מאַנישע וועלט, און אַ ווייבערי־שע וועלט... אַ וועלט מיט „ארבעה אבות נזיקין“, און אַ וועלט מיט מעשה־ביכלעך, וואָס מען קויפט אויפ׳ן פוּד!

לעזט ע ר, ווערט ז י אַנטשלאָפען; לעזט ז י, ווערט ע ר אַנטשלאָפען... ווייניג האָבען מיר כתות... ווייניג צופאַלען מיר אויף „פראַנצויזישע נעז“, „ענגלישע שטעקען“, „דייטשע יער־נעס“, „ליטווישע חזרים“, „פוילישע שנאָרער“, „ארץ־ישראל שלע־פער“... ווייניג, אַז יעדעס אבער פון אונזער גוף ליגט אין אַן אַנדער שטאָל, און האָט אַן אַנדערען קלינגענדיגען ביינאָמען; ווייניג, וואָס יעדעס אבער צופאַלט נאָך אויף פאַרשידענע חלקים: חסידים, מתנגדים, דייטשען... שפּאַלטען מיר זיך נאָך, אויף זכרים און נקבות... אין יעדערער איינציגער אידישער, ענגער, נאַסער, ברודי־גער שטוב, מוזען אויך זיין צוויי באַזונדערע וועלטען...

לעזט ע ר — ווערט זי אַנטשלאָפען, לעזט ז י — ווערט ע ר אַנטשלאָפען.

מ׳וואָלט געדאַרפט, טראַכט איך, על כל פנים, די צוויי וועל־טען צו פאַראייניגען...

דאָס איז דער חוב פון יעדען אידישען שרייבער... נאָר די אי־דישע שרייבער האָבען צופיעל אייגענע חובות... מען זאָל ווייניגס־טענס האָבען אַ צושפּרונג צו דער פרנסה...

מיין קלערען איבער א צושפּרונג צו דער פּרנסה האָט איבער־געהאַקט דער פּאַסטיליאָן מיט עטליכע שאַרפע טענער. איך בין דאָך נישט אַראָפּגעגאַנגען פון וואָגען, עס איז מיר אַביסעל וואָרע־מער געוואָרען, די זון האָט אָנגעהויבען צו ווייזען, אַז זי איז נישט קאַרג.

איך האָב ווייטער געקריגען א שכן, נאָר ביים ליכטיגען מאָר־גען האָב איך איהם גוט געזעהן און אפילו דערקענט. עס איז געווען מיינער אַן אַלטער באַקאַנטער; מיר האָבען קינדווייז צוזאַמען זיך געגליטשט, אָפּט געשפּילט אין באַקען־ברויט, כמעט חברים געווע־זען... דערנאָך בין איך געגאַנגען אין ברודיגען פינסטערען חדר אַריין, און ער אין׳ם ליכטיגען, פרייען גימנאַזיום...

אַז א י ך האָב נישט געקאָנט, האָט מען מיך געשמיסען, פאַר טרעפען דעם מהרש״א׳ס קשיא — געקניפּען אין בעקעל, סיי ווי סיי האָט מיר וועה געטאָן; ע ר איז אמאָל געזעסען אין קאַר־צער און אמאָל געקריגען פינפען... א י ך האָב מיר דעם קאָפּ גע־בראָכען איבער קתא דמגלא, און ער — איבער גריכישע און לאַ־טיינישע ציין־קלאַפּעדיגע ווערטער. דאָך האָבען מיר זיך געהאַל־טען צוזאַמען. מיר האָבען געלעבט בשכנות; ער פלעגט מיך בסוד לערנען לעזען, דערנאָך באָרגען ביכער, אין די שפּעטערע יאָהרען האָבען מיר ביידע איבערגעקעהרט די וועלט, ליגענדיג אויפ׳ן גרי־נעם גראָז נעבען טייך... איך האָב געוואָלט ערפינדען אַזא מין פול־ווער, וואָס זאָל שיסען גאָר פון ווייטענס, אויף הונדערטער מייל, למשל; ער — א באַלאָן, אַרויפצופליהען צו די שטערען, ביי יענע מענשען אויך עפּעס איינפיהרען א „פאַריאַדאָק״! מיר האָבען גע־האַט שרעקליך רחמנות אויף דער אומגליקליכער וועלט, זי איז אַריין אין א בלאָטע, ווי שלעפּט מען זי אַרויס! אַן אומגעשמירטער וואָגען, פוילע פערד, און דער בעל עגלה שלאָפט!

דערנאָך האָב איך חתונה געהאַט, און ע ר איז געפאָהרען אין אוניווערזיטעט אַריין. קאָרעספּאָנדירט האָבען מיר נישט. פון ווייטענס האָב איך געהערט, אַז עס האָט זיך איהם געטראָפען א מכשול און איז אנשטאַט דאָקטאָר — אַפּטייקער געוואָרען, אין א קליין שטעדטעל ערגעץ...

אַז מיין שכן איז אַריין אין וואָגען, האָב איך שיעור נישט

אויסגעשריגען פאר פרייד; עס איז מיר ווארעם געווארען אונטער'ן הארץ. די הענט האבען זיך אויסגעשפּרייט. דער גאנצער קערפּער האט זיך צו איהם איבערגעבויגען, דאך האב איך מיך צוריק־געהאלטען; מיט אלע כוחות צוריק געהאלטען.

א קשיא אויף א מעשה, טראכט איך, עס איז טאקע יאנעק פּאלניעווסקי, אונזער געוועזענעם סעקוועסטראטארס זוהן; עס איז טאקע מיין געוועזענער חבר; ער האט טאקע אמאל געהאט ברייטע ארעם און האט געוואלט ארומכאפּען די גאנצע וועלט און אויסקושען איהר יעדעם אבר, אויסער די מאוס'ע בראדאווקעס, וואס מען דארף אפּשניידען!... נאר א קשיא אויף א מעשה... היינטיגע צייטען! אפשר איז ער שוין אן אנטיסעמיט. א מזיק אין דער „ראלא", אפשר זענען היינט מיר אידען די בראדעווקעס — וואס מען דארף אפּשניידען פון אייראפּא'ס שעהנער נאז, ער וועט מיך נאך אפּמעסטען מיט א פּאר קאלטע אויגען, אדער זיך אפילו צוקושען מיט מיר, גאר זאגען, אז איך בין נישט ווי אלע אידען...

איך האב אבער א טעות געהאט, פּאלניעווסקי האט מיך דער־קענט; געפאלען מיר איבער'ן האלז, און נאך איידער איך האב צייט געהאט מיט איהם זיך צוצורעדען, באלד געפרעגט, ווי מיר געפעלט דער פּאדלער אנטיסעמיטיזם...

— עס איז עפּעס — זאגט ער, נאטירליך אויף פּויליש — עס איז עפּעס א מין כאליערע, א מין עפּידעמיע...

— טייל זאגען, אז עס איז פּאליטיש...

— גלויב נישט, מיינט פּאלניעווסקי, די פּאליטיק מאכט קיין נייעס, באשאפט נישט קיין פאקטען.

זי קאן נאר אויסנוצען די וואס עקזיסטירען; טייל אונטער־דריקען, טייל אויפהויבען. א ליאדע פונק קאן זי צובלאזען אויף א גיהנום־פייער; נאר קיין איינציגען פונק דערגליהען... די מענשען־נאטור, נישט די פּאליטיק, שפּינט די געשיכטע פעדים, די פּאלי־טיק צופלעכט, פארדרעהט, פארקניפּט און פארפּלאנטערט זיי!

דער אנטיסעמיטיזם איז א קרענק. די פּאליטיק שטעלט זיך

ביים קראנקען בעט ווי א נארישער שלעכטער דאקטאר, וואס וויל די קרענק פארלענגערען.

די פאליטיק נוצט אוים דעם אנטיסעמיטיזם; עס פליהט א שטיין אין דער לופט, לענקט איהם ביסמארק'ם אונטער־בעלפער אין שול־פענסטער אריין; אז נישט — וואלטען אנדערע שויבען גע־פלאצט. עס הויבט זיך אויף א פראטעסטירענדע פויסט, רוקט מען איהר אונטער א אידישע דארע, איינגעהארבאטע פלייצע — אז נישט וואלטען אנדערעביינער געקנאקט...

אבער דער שטיין, די פויסט, די שנאה, דער האס — עקזיס־טירען פאר זיך אליין...

ווער שטארבט אויף א פיזישען אונטערגאנג? שוואכע קינ־דער, איבערגעלעבטע אלטע לייט, פארקרענקטע מענשען; ווער פאלט אונטער א מאראלישע עפידעמיע? דאס פעבעל־קינד, דער איבערגעלעבטער אריסטאקראט און עטליכע משוגעים, וואס שפרינ־גען ארוים און פיהרען דאס קראנקע רעדעל צום ווילדען טאנץ! עס האלטען זיך נאר געזונטע מוחות!...

— וויפיעל געזונטע מוחות האבען מיר? — פרעג איך.

— וויפיעל? זעהר ווענינ, לײדער! — ענטפערט פאל־ניעווסקי.

מיר זענען ביידע טרויעריג שטיל געבליבען. וואס מיין שכן האט געקלערט ווייס איך נישט. מ י ר האט זיך געדאכט, אז אפילו די געזונטע, אייזערנע מוחות זענען אויך אנגעריהרט. עס זענען פאראנען צווייערליי צייטען אין דער געשיכטע: אמאל פיהרט דער בעסטער, קליגסטער מענש די מאסע, און — אמאל שלעפט די מאסע די בעסטע קליגסטע מענשען... דער מאסע־אנ־פיהרער איז א קאלאמבוס, וואס זוכט פאר דער מענשהייט א נייע גליק, א נייע אמעריקא... קוים פעהלט אבער וואסער און ברויט אויף דער שיף, אמפערען זיך די שיפסקנעכט און ז י י פיהרען!... דאס ערשטע דארף מען עמיצען קוילען, מען דארף אי—פלייש עסען, אי—די רציחה שטילען...

און מיין נישט — האָט מיר פּאָלניעווסקי איבער די טרויערי־גע געדאַנקען — אַז איך מאַך מיר אַליין קאָמפּלימענטען, אַז איך האַלט מיך אַ ל י י ן פאַר דעם שטאַרקען גייסט, וואָס האַלט אויס די עפּידעמיע, פאַר אַן אייכענבוים, וואָס דער שטורעם ריהרט איהם נישט פון אָרט...

— ניין, ברודער, זאָגט ע ר ווייטער — איך בין נישט פון די גבורים. איך וואָלט אפשר געוועזען מיט אַלע גלייך, מיך וואָלט אפשר אויך דער ווינט אַפּגעריסען ווי אַ פויל בלעטעל פון עץ־הדעת, און מיט מיר ארומגעדרעהט אין דער לופט. א י ך וואָלט אויך געלעבט, מיט אַלע פוילע בלעטער צוגלייך, אַז עס איז ביי אונז אַ באַל, אַז מיר טאַנצען מיט חשק, אַז דער ווינט איז אונזער געדונגענער כלי־זמר, וואָס שפּילט אונז צו אויפ'ן פייפערל...

מיך האָט געראַטעוועט אַ צופאַל... איך האָב אַ אידיש ווייבעל דערקענט! — הער!

איך האָב מיך איבערגעבויגען צו מיין שכן; זיין פּנים איז נאָך ערנסטער, נאָך פינסטערער געוואָרען, ער האָט געשטעלט די עלענבויגען אויף די קני און אַנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די הענט...

— נאָר מיין נישט — מאַכט ער צו מיר — אַז איך האָב דערקענט אַ העלדין פון אַ ראָמאַן, אַן אייזערנעם כאַראַקטער, וואָס ברעכט צאַמען און מויערען און געהט זיך שטאָלץ זיין וועג; מיין נישט אפילו אַן „אויסנאַם", אַ „געבילדעטע" מיט נייע אידעען, אָדער אַ „אידעאַל" בכלל... ניין, איך האָב דערקענט אַ פּראָסט אידיש ווייבעל, פון די בעסערע, נאָר פון די בעסערע אומ־גליקליכע. איך האָב זי ליעב געקריגען, איך זאָג דיר אויס דעם אמת און, ווען איך הער אָדער איך לעז עפּעס שלעכטס אויף אי־דען בכלל... שווימט זי מיר ארויס פון זכרון מיט איהרע פייכטע טרויעריגע אויגען, שטעלט זיך פאַר מיר און בעט זיך: גלויב נישט, איך בין נישט אַזוי!...

ער פאַרטראַכט זיך.

די געשיכטע איז גאַנץ איינפאַך, וועקט ער זיך און הויבט אַן צוריק צו דערצעהלען.

מיר האָבען איבער דער גאַנצער צייט נישט קאָרעספּאָנדירט,

און דו ווייסט נישט, וואָס מיט מיר איז איבער דער גאַנצער צייט געשעהען; איך וועל דיר דערצעהלען קורץ; איך פאָהר נאָך ביז לוקאָווא...

— פון גימנאַזיום ביז איך אַריין אין אוניווערזיטעט איז שטור־דירט מעדיצין. איך האָב נ י ש ט געענדיגט... אביסעל זענען חברים, אביסעל די לעהרער און מעהר נאָך, איך אַליין שולדיג... איך האָב געמוזט ארויסטרעטען, ווערען אפטייקער, חתונה האָבען, נדן נעמען און פארלעגען זיך אין א קליין שטעדטעל א קראָם פון פילען מיט ריצען־אויל.

עס האָט מיך דאָך א גליק געטראָפען; איך האָב געקריגען אַן עהרליכען שווער, וואָס האָט מיר אויסגעצעהלט דאָס געלט באַלד נאָך דער חתונה, א גוט און שעהן ווייב, א נישט קשה'דיג קליין שטעדטעל...

מיין ווייב האָט געהייסען מ א ר י א... אַט שטעהט זי מיר אַצינד פאַר די אויגען... זי דרעהט זיך איבער צו מיר פון שפּיגעל אומבאַהאָלפען: דער גאָלדגעלאָקטער קאָפּ וויל זיך נישט אונטער־געבען איהר דעספּאָטישען קאם. זיי, די לאָקען, צולויפען זיך לוס־טיג אין אַלע זייטען... זיי ווילען נישט ליגען צוגעדריקט אין קראַנץ, וואָס איז דאַמאָלט מאָדע געווען...

שלאַנק... און אַזוינע גוטע, אַזוינע האַרציג־לאַכענדיגע הימעל־בלויע אויגען...

די פּראַקסע האָט אונז ווייניג געשטערט... דאָס שטעדטעל איז צו אָרעם געוועזען, און אַן אַפּטייק אָהן אַ דאָקטאָר איז ווייניג ווערט. מען האָט זעהר ווייניג געלעזט, האָבען מיר טאַקע געלעבט ווי אין גן־עדן... און, זומער איז עס געוועזען, שטענדיג אויף דער ווערענדע, האַנט אין האַנט, אויג אין אויג, ליפּ אין ליפּ!

און וואָס האָט אונז געזאָלט אינטערעסירען? פּרנסה איז גע־וועזען, געהן ערגעץ, וואוהין? פון דער ווערענדע האָבען מיר געזעהן כמעט דאָס גאַנצע שטעדטעל... די נידעריגע, איינגעבויגענע הייזלעך, מיט די הויכע, ברייטע, שוואַרצע הילצערנע בוידעמס, וואָס האָבען זיך געבויגען, ווי מיט רחמנות איבער די בייגעל־ און אויבס־זיצערקעס, פון די אָרעמע שטעלען פאַר די הייזלעך... גלייך זיי

האבען געוואלט באשיצען די איינגעשרומפענע, אלטע, אויסגעדאר־מטע פנימ'ער פאר דער זון...

דאס שטעדטעל איז אמאל רייך געוועזען; די בוידעמס זענען פול געוועזען מיט אלערליי תבואות און פרוכטען; דער מארק — מיט פוהרען, מיט פויערען, מיט מעקלער; צווישען די ווייסע סערמיענגעס און די גרויע כאלאטען פלעגט זיך אמאל באוויזען א גרויסער פריץ אויך... (אזוי וועניגסטענס האט מען מיר אינ'ם שטעדטעל דערצעהלט). נאר דער שאסיי מיט דער באהן האבען דאס שטעדטעל ארויסגעווארפען פון דער האנדעל־וועלט. די גאס איז לער, די בוידעמס פול מיט פוילע ציבעלעס און שטיקער קעז— די איינציגע ירושה, וואס עס איז געבליבען פון די גוטע צייטען...

ארעם — ווי נאר זיך צו דענקען! אויף יעדען קערצעל קארן, וואס א פויער ברענגט, ווארפען זיך צעהן סוחרים, שטייגען דעם פרייז, אינמיטען גלייכט מען זיך אויס, מען זאגט זיך צו אפ־טרעט־געלט, אדער מען קויפט בשותפות — נאר אלע צעהן שארען אומזיסט אויף אלע טאשען, זיי האבען פאר'ן קערצעל תבואה נישט צו באצאהלען, און בארגען צו די רעשט אויף פראצענט...

און הונדערט שניידער אויף איין פאר ביין־קליידער, פינף הונדערט שוסטער אויף א לאטקעלע... איך האב נאך אזא דלות נישט געזעהן...

מיר האבען זיך אפגערוקט פון שטאדטישען־לעבען ווי וויט עס איז נאר מעגליך געוועזען; די גליקליכע זענען עגזאמיסטען...

נאר קעגען־איבער אונז, ווי־זא־ווי, האבען מ י ר באמערקט א יונג ווייבעל, אודאי נישט מעהר ווי פון א יאהר אכטצעהן, העכס־טענס צוואנציג. און פון איהר האבען מירביידע נישט געקאנט אפ־רייסען אן אויג... זי, פראוודע, פון אונז אויך נישט... עס איז געווע־זען א זעלטענע ערשיינונג... שטעלט אייך פאר — א שעהנהייט, א בילד אין א ברודיגע ראם, ווי נאר א אידיש פענסטער קאן זיין אין א קליין שטעדטעל, אונטער א שרעקליך, אויסגעקרימטען דאך... שטעל דיר פאר, א פאר טרויעריגע, טרוימעריש פייכטע אויגען אויף אן אלבאסטער ווייס פנים, און — אונטער א האר־באנד!...

גאט! זי האט אויף אונז א שרעקליכען איינדרוק געמאכט...

שטונדען־לאנג פלעגט זי שטעהן געבויגען איבער'ן פענסטער,

פארבראכען די הענט, און טרויעריג געקוקט אויף אונז, אדער אויף די שטערען אין הימעל, און שלינגען די טרערען! מיר האבען געזעהן, אז זי איז שטענדיג אליין עלענד, (אייערע מענער האבען קיינמאל קיין צייט נישט), שטענדיג פארטרויערט, פארבענקט. איהר אומגליק איז איהר געוועזען אויסגעגאסען אויפ'ן בלאסען פנים... זי איז זיכער געקומען ערגעץ פון דער פרעמד; פון א בעסער, פרייער הויז, זי האט געבענקט ערגעץ ווייט, ווייט אוועק. איהר הארץ האט געצאפעלט צו א פרייען לעבען. זי האט אויך געוואלט לעבען, ליעבען און געליעבט זיין... ניין, זאגט וואס איהר ווילט, עס טרעפט זיך צווישען אייך אפט די עולה, איהר פארקויפט אייערע טעכטער... אמת, מיט דער צייט געוואוינען זיי זיך צו, מיט דער צייט פארגעסען זיי... זיי זענען פרום, זיי זענען גוט, און געדולדיג... נאר ווער קאן איבערצעהלען די ביטערע טרערען, וואס פאלען אויף זייער פארשווארצט פנים, איידער דאס אויג ווערט אויסגעטריקענט? ווער קאן איבעררעכענען וויפיעל קלעם עס טוט אין הארץ, איידער עס געוואוינט זיך אפצושטארבען לעבענדיגערהייט? און פארוואס קומט עס זיי, צי ווירקליך ווייל זיי זענען גוט און פרום?

דו זאלסט קענען דעם ווייבעלס מאן; א געלעניק... איינגעהויקערט... צוויי מאל געזעהן אין טאג האב איך איהם! אין דערפריה ארויסגעהן, ביי דערנאכט אהיים קומען...

אן עולה...

איהר וועט מיר אפשר מודה זיין, אז איך האב פאלניעווסקי'ן אויף דעם נישט געהאט וואס צו ענטפערען...

מיר האבען ביידע געשוויגען א ווילע און פאלניעווסקי האט ווייטער אנגעהויבען צו דערצעהלען:

— איינמאל האט אונז דאס ווייבעל פארפעהלט. זי איז א גאנצען טאג אין פענסטער נישט געשטאנען.

„זי מוז קראנק זיין“, האבען מיר געטראכט.

פארנאכט קומט אריין דער מאן, דאס געלעניש, און פרעגט אויף א רפואה.

— וואס פאר א רפואה?

— איך ווייס? — מאכט ער, — א רפואה!

— פאר ועמעס ווענען?

— דאס דארפט איהר אויך צו וויסען? פאר מיין ווייבס ווענען!

— וואס איז איהר?

— אסור, אויב איך ווייס... ז י זאגט — דאס הארץ טוט איהר וועה...

אזויערנאך, דערצעהלט פאלניעווסקי, איז געווארען אונזער ערשטע באקאנטשאפט. איך וועל דיר נישט לאנג ברייען... א שטיקעל דאקטאר בין איך דאך... בין איך אהין געגאנגען...

פאלניעווסקי האט געערדט שוין האלבע ווערטער; ער זוכט פאפיראסען, דערנאך שוועבעלעך, ענדליך האט ער אפגעהאקט, גע־פענט דעם סאקוואיאזש, און געפארעט זיך עטליכע מינוט.

איבער דער צייט האבען מיך געקוועלט פארשידענע געדאנקען.

איך האב אנגעהויבען צוריק צו קוקען אויף פאלניעווסקי מיט אנדערע אויגען; זיין ערצעהלונג האט מיר אנגעהויבען וועה טון...

ווער קען א מענש? ווער ווייסט, וואס אין איהם שטעקט? עס הויבט זיך מיר אן דאכטען, אז איך האב פאר מיר א קריסטליכען טכויר, וואס גנב'עט זיך אריין אין א אידישע היהנער־שטייג. ער אמפערט זיך צופיעל איבער'ן מזל פון אידישע טעכטער, צו־לאנג זוכט ער מיר שוועבעלעך; עפעס שעמט ער זיך פאר מיר! פארוואס וויל ער נישט „לאנג ברייען“? פארוואס וויל ער מיר נישט דערצעהלען אלץ כהויה, מיט אלע פרטים? ווער ווייסט וואס פאר א ראליע ער האט אין דער זאך געשפילט, צי נישט די אלטע ראליע פון שלאנג אין גן עדן! וואס איז, דאס געוויסען וועט נישט לאזען? אויך מיר אן עסק! א א י ד י ש ווייבעל, פארוואס נישט! אמאל איז א מצוה געוועזען אפצוטויפען, היינט כאטש צו אמפערען א אידישע טאכטער געגען איהר גאט, איהרע עלטערען, איהר מאן, און — איהר גאנץ לעבען.

עס הייסט ליבעראליזם. אריינגעהן אין תפיסה, ברענגען מיט זיך א פרישע פאליע לופט, א בונד שמראלען פון דער זון, אויפ־וועקען דעם ארעסטאנט, געבען איהם א שטיקעל לעקעך, און פאר־

שוואונדען ווערען... נישט צו זעהן ווי דער ארעסטאנט קריצט מיט די ציין, ווען עס דרעהט צוריק איבער דער פארראסטעטער שלי־סעל אין שלאס; ווי פינסטער עס ווערט זיין פנים, ווי ענג איהם ווערט די לופט, ווי ספאזמאטיש ער אטעמט, ווי ער רייסט פון זיך האר און פלייש, אדער באגיסט, אויב ער קאן נאך וויינען, מיט ביטערע טרערען זיין פארשימעלט, פון מייז אויסגעביסען שטיקעל קלייען־ברויט...

אויפוועקען א פינסטער, פארשלאפען, פארדריקט אידיש־וויי־בעריש הארץ, זאל דארטען אויפקלינגען א זיסער ראמאנטישער טאן, זאל דארטען אויפפלאמען א ניי, ווילד, אומבאקאנט, אדער לאנג פארגעסען, געפיהל; אפקושען זיך, און דערנאך — אדיע! פארהאמערט די טיר! זאל איהר זויער און ביטער זיין דאס לעבען.

— — — — — — — — — — —

מיר האבען זיך אזוי פיל אנגעגעסען מיט סם, מיט גאל, מיט האס, אז ווען מען דערלאנגט אונז ברויט מיט זאלץ, זענען מיר אויך זיכער, אז עס איז פארגיפטעט... מעג די האנט ציטערען פאר רחמנות, מעג אין אויג הענגען א מיטליידס־טרער, אויף די ליפען — טרייסט...

עס איז שווער צו גלויבען! מיר זענען אויך אנגעשטעקט, עס איז אויף אונז אויך אן אונטערגאנג!

— — — — — — — — — — —

פאלניעוועסקי האט דערווייל געפונען זיינע צינדהעלצער און איך האב אומגערן גענומען א פאפיראס. מיר האבען פאררויכערט. די בויד איז פול געווארען מיט בלויע, רוהיגע רעדער. איך האב געקוקט אויף זיי, נאכגעיאגט און געטראכט: נישט לענגער גע־דויערט דאס גוטע מיט'ן שלעכטען צוזאמען!...

— — — — — — — — — — —

— מיר האבען זיך דערקענט, דערצעהלט ווייטער מיין קריסט־ליכער שכן, נאר צו ענגערע פריינדשאפט איז נישט געקומען...

— פארוואס? — פרעג איך איבערראשט.

— פון דערווייטענס האבען מיר זיך ווייטער אנגעקוקט ווי די בעסטע גוטע פריינד, נאר נישט ז י האט געקאנט צו אונז, נישט מ י ר צו איהר קומען.

— זי וואָלט מעהר נישט באַדאַרפט! עס איז אַן אומגעהויער פּרום שטעדטעל. אויסער דעם פעלדשער און אַ יונג דאַמען־שניי־דערל טראָגען אַלע כאַלאַטען...

אויסער דעם, ווייס איך אפשר אליין נישט, וואָס עס האָט אונז דאָך צוריק געהאַלטען... נאָר נישט אין דעם בין איך אויסען...

מיך האָט דערווייל געטראָפען דאָס גרעסטע אומגליק, וואָס אַ מענש קאָן טרעפען.

די אַפּטייק האָט גאַנץ וועניג איינגעטראָגען און מיין ווייב האָט אָנגעהויבען קרענקען.

טאָג־טעגליך האָב איך געזעהן בחוש, אַז זי שטאַרבט מיר אָפּ, און עס איז נישט געווען מיט וואָס צו רעטען. זי האָט באַדאַרפט איטאַליען, און איך האָב נישט געהאַט איהר עסען צו געבען... און ביי אַן אָפּצעהרונג, ווי דו ווייסט, איז דער קראַנקער פול מיט האָפנונג, ער גלויבט נישט אין דער קרענק!

דאָס גאַנצע וועהטאָג, דעם גאַנצען צער מוזטו אונטערדריקען, האַלטען טיף באַגראָבען אין האַרץ. ווען דאָס האַרץ בלוטיגט, מוזט דו שמייכלען, דיין שטערן מוז זיין גלאַט! יעדע סעקונדע שטאַרבט אין דיר יעדעס אבר, און דו מוזט העלפען פּלענער מאַכען, וואָס עס וועט זיין איבער אַ יאָהר, ווי אַזוי מען וועט פאַרגרעסערען דאָס הויז, קויפען אַ פּיאַנאָ.

דער קול האָט זיך איהם פאַרענדערט —

„איך בין נישט אימשטאַנד דיר אַלס צו דערצעהלען, נאָך אַמאָל איבערצולעבען די אַלע פינסטערע צרות... נאָר מיין אומגליק האָט מיך צוזאַמענגעברענגט מיט איהר אומגליק. מיר האָבען זיך אַזוירנאָך נעהנטער דערקענט“...

פון דערווייטענס האָט זיך געוויזען לוקאַווא!

— אין די איינציגע מינוטען, וואָס איך האָב נאָך צייט, קאָן איך זאָגען, אַז אַזאַ אומגליקליך מענש ווי דאָס ווייבעל איז געווע־זען, און דערביי מיט אַזוי פיעל געפיהל און רחמנות פאַר אַנדערע— האָב איך נאָך אין מיין לעבען נישט געזעהן... און אַלס אַזוי איינ־פאַך, נאַטירליך, נישט איבערגעטריבען...

זי האָט מאַריאַ'ס בעט נישט אָפּגעטראָטען. זי האָט גע־פועל'ט ביים מאַן, ער זאָל מיר געלד שאַפען אויף קלענערע פּראָ־

צענט. זי איז אונזער וועכטערין, אונזערווירטין, אונזער קעכין, אונזער ערגעבענסטער פריינד געוועזען!

און אז מאריא איז געשטארבען, איז אפשר שווערער געוועזען ז י צו טרייסטען ווי מיך!

דאמאלט האב איך מיך איבערצייגט, אז די שנאה צווישען פעלקער איז נ י ש ט נאטירליך... נישט מעהר, עס איז שלעכט אויף דער וועלט; הייסערע, בלוטיגערע אדער אומגליקליכערע ווי־לען פראטעסטירען, נאר דער פאלשער שרייבער, דער פאליטישער אדוואקאט, שרייבט זיי א דאנאס אויף אידען...

איך האב געזעהן בחוש, אז אידען זענען אונז קיין שונאים נישט, אז מיר ק א נ ע ן לעבען בשלום!...

לוקאווא רוקט זיך אלץ נעהנטער און נעהנטער, און איך האב אלץ מורא פאר'ן סוף, איך האק איהם איבער און פרעג:

— און וואס איז דער סוף געוועזען מיט דעם ווייבעל?

— איך ווייס? איך האב צו קבורה געברענגט מיין ווייב, פארקויפט די אפטייק, — צוואויינט זיך ביים געזעגענען מיט מיין שכנה, און — גארנישט! היינט וואוין איך אין לוקאווא, עס געהט מיר היינט אויך נישט גוט...

— און זאג נאר, ווי הייסט דאס שטעדטעל, וואו דו האסט פריהער געוואוינט?

— קאנסקיוואלע —

— דיין שכנה איז א הויכע, א בלאסע?...

— יא!

— א דארע?

— יא; דו קענסט זי? — פרעגט ע ר דערפרעהט.

— זי האט א פעפער אויף דער לינקער זייט נאז?

— וואס פאר א פעפער? — לאכט יאנעק, — וואס פאלט דיר איין.

איך קלער, אז איך האב א טעות געהאט און פרעג:

— אפשר אויף דער ר ע כ ט ע ר זייט נאז?

— וואס פאר א פעפער? וואס רעדסט דו?

— האסטו אפשר נישט באמערקט... נאר איהר מאן איז א געלער?

— יא.

— ער הייסט חיים?

— דאכט זיך מיר, ניין, און אפשר יא, ווייסט דער טייוועל...

— אבער זי הייסט חנה!

— אה, ווי! שרה! איך געדענק זיכער שרה... איך פלעג זי רופען סארוכנא... איהר נאמען וועל איך דאך נישט פארגעסען!

דער נאר בין א י ך געווען, א י י ן אידיש ווייבעל לעבט אזוי?

חתונה געהאט.

איך געדענק מיך נאך פון דער צייט, ווען איך האב אין צייכען געשפילט און זומער־צייט אויפ'ן הויף פון ליים חלות געבאקען; ווינטער בין איך א גאנצען טאג געזעסען אין שטוב און געוויגט א קליין ברודערל, וואס איז געבוירען געווארען קראנק און האט געקרענקט ביז צום זיבענטען יאהר, ווען עס איז געשטארבען אויף אן אונטערגאנג. —

זומער, כל זמן די זון האט געשיינט, איז דאס אומגליקליכע באשעפעניש געזעסען אויפ'ן הויף, געווארעמט זיך אויף דער זון און געקוקט, ווי איך שפיל אין צייכען.

ווינטער איז עס פון וויג נישט ארויס, און איך האב איהם מעשיות דערצעהלט און ליידלעך געזונגען. די רעשט ברידער זענען אלע אין חדר געוועזען.

די מאמע איז שטענדיג געוועזען פארנומען, אפשר צעהן פרנסות האט זי געהאט, די ארעמע מאמע: א פשעקופקע געוועזען, לעקעך געבאקען, אויף ברית'ן און חתונות געגאנגען... טוקערין געוועזען, קברים־מעסטערין, זאגערין, און אזוי אן איינקויפערין פאר בעלי־בתי'שע הייזער.

דער טאטע איז פאר דריי רובל א וואך געוועזען א שרייבער ביי ר' זיינוועל מערקעלבוים אין וואלד. — און דאמאלט זענען נאך די גוטע צייטען געוועזען: די מלמדים — באצאהלט, דירה־געלט — במעט צו דער צייט, קיין טרוקען ברויט אין מויל אריין האט נישט געפעהלט.

טיילמאל האט די מאמע אויף וועטשערע א קולישע געמאכט. דאמאלט איז שוין א גאנצער יום־טוב געוועזען. דאך האט עס זעלטען פאסירט.

די מאמע פלעגט מעהרסטענטיילס אהיים קומען שפעט, מיד; גאנץ אפט פארוויינט און פארביטערט. זי קלאגט זיך, אז עס

ווערען איהר ביי די בעלי־הבית'טעס חובות פארפאלען; אז מען הייסט איהר אויסלעגען, דערנאך — קומען מארגען און איבער־מארגען... דערווייל ווערען נייע קניות געמאכט, און צום סוף, אז עס קומט צום חשבון, גערענקט נישט די בעל־הבית'טע, צי זי האט נישט באצאהלט אייערנעכטיגען האלב־קווארטירעל פוטער... מען „שטעלט עס דערווייל אוועק", מען מוז פרעגען ד'עם מאן, וואס איז דערביי געוועזען: ער האט אן אייזערנעם זכרון, וועט אודאי גע־דענקען, ווי אזוי דער חשבון איז געוועזען. צומארגענס ווייזט זיך אויס, אז דער מאן איז אהיים געקומען צו שפעט פון בית־המדרש און זי האט'ן פארגעסען צו פרעגען; דעם דריטען טאג דערצעהלט זי מיט א נחת, אז זי האט געפרעגט דעם מאן, נאר ער האט זיך אויף איהר געבייזערט, וואס זי פארדרעהט איהם דעם קאפ: „ער האט מעהר נישט וואס צו טון, נאר אויסצוהערען ווייבערשע חשבונות!" און עס בלייבט, אז זי וועט זיך אליין דערמאנען.

דערנאך הויבט זיך איהר אן דאכטען, כמעט אויף זיכער, אז זי האט דאס האלבע־קווארטירעל פוטער פארדרעכענט; שפעטער וואלט זי מויערען דערויף געשטעלט. און, אז די ארעמע מאמע דער־מאנט נאך אמאל וועגען קווארטירעל פוטער, הייסט זי שוין א חצופה, מאכט זי א בלבול, וויל זי אויסנארען א האלבען גילדען... איז מען זי מתרה, אז אויב זי וועט נאך אמאל א פיפץ טון וועגען דער פוטער, זאל זי זיך מעהר אין די אויגען נישט ווייזען!

די מאמע, וואס איז אמאל א „גביר'ישע טאכטער" געוועזען, און וואלט, ווען נישט דער פריץ, וואס האט איהר צוגענומען דעם נדן, אליין א בעל־הבית'טע געוועזען, האט עס נישט געקאנט לייכט איבערטראגען; זי פלעגט טיילמאל אהיים קומען מיט געשוואלענע אויגען, געווארפען זיך מיט א געוויין אויפ'ן בעט און אזוי אפליגען א גרויסע ווײלע און וויינען, און ביטערליך וויינען, ביז זי האט זיך אויסגעוויינט דאס בימערע הארץ, און איז אויפגעשטאנען און אפ־געקאכט אונז אביסעל קליסקעלעך מיט באבערלעך.

טיילמאל האט זי אויסגעלאזט דעם כעס צו אונז; אייגענט־ליך, דער עיקר צו מיר: דעם קראנקען בערעל האט זי קיינמאל גארנישט געזאגט, די ברידער פון חדר אויך גאנץ זעלטען — זיי פלעגען נעבעך אהיים קומען אזוי אויך מיט ברוינע־בלויע, אויס־געקניפטע באקען און אונטערגעשלאגענע אויגען; פאר דאס האב

א י ך גאנץ אפט געלעזט אז אומזיסטען ריס ביי די האב אדער אזוי א מתנת יד.

„דו ביסט נישט קראנק געווען דערוויילן אנצולעגען א פייער, צושטעלען א טעפעל וואסער" — און דאך, אז איך האב עס אמאל געטאן, איז נאך ערגער געווען: „זעה נאר מיין בעל־הבית'טע! גארנישט, א פייער לעגט זי אן, דאס האלץ זאל זיך דערווייל אומ־זיסט און אומנישט אויסברענען... עס ארט זי עפעס מיין פראצע? — בדלות מאכט זי מיך!..."

טיילמאל האט דער טאטע געלעזט אונטער די אויגען; די מאמע זעצט זיך אנידער אויפ'ן בעט מיט'ן פנים צום פענסטער, און, ארויסקוקענדיג אין דער לופט אריין, קרעכצען: „עס ארט איהם עפעס? ער זיצט זיך דארט אין וואלד, ווי א כראביע, שמעקט פרישע לופט, ליגט זיך אויפ'ן גראז, פרעסט זויער־מילך, אפשר נאך סמעטענע, איך ווייס? און דא דארען מיר די קישקעס!..."

ביי דעם אלעם איז דאמאלט גוט געווען. מען האט קיין הונגער נישט געליטען, און נאך א וואך מיט פארשידענע קליינע צרות איז געקומען א פרעהליכער, על כל פנים, א רוהיגער שבת. דער טאטע פלעגט אפט אהיים קומען, און די מאמע פלעגט זיך ארומדרעהען אין אלע ווינקעלעך און בסוד סודות שמייכלען.

אפט פלעגט פרייטאג פארנאכט, פאר ליכט בענשען, די מאמע מיך קושען אין קאפ אריין... איך האב געוואוסט, וואס דאס באַ־טייט, ווארים, אז עס האט געטראפען, און דער טאטע איז נישט אהיים געקומען אויף שבת, בין איך א „מכשפה" געווען! האט מיר די מאמע מיט'ן קעמעל האלב האר אויסגעריסען און דערצו נאך עטליכע זעץ דערלאנגט אין די פלייצעס. איך האב נישט גע־וויינט; מיין קינדיש הארץ האט געפיהלט, אז דאס מיינט די מאמע נישט מיך, נאר איהר טרויעריג מזל!

דערנאך האט זיך דער וואלד אויסגעהאקט, דער טאטע איז אין דערהיים געבליבען און עס האט אנגעהויבען פעהלען אין מויל אריין. געפעהלט, אייגענטליך, האט נאר דעם טאטען, דער מאמען און מיר; די רעשט קינדער האבען ווייניג וואס געוואוסט דערפון; דאס קראנקע ברודערל האט גארנישט געדארפט, עס האט געזופט אמאל אביסעל גריץ, אויב מען האט איהם דערלאנגט, און אלץ אין איינעם געקוקט אויפ'ן בעליק... די אנדערע, געבעך, „געהען אין

חדר אריין, זיי מ ו ז ע ן דאך האבען א לעפעל געקעכטס"...
נאר איך בין גאנץ אפט הונגעריג געוועזען.

דער טאטע מיט דער מאמען האבען שטענדיג דערמאנט די אמאליגע צייט מיט טרערען אין די אויגען; איך — פארקעהרט! איך האב מיך אין דער שלעכטער צייט בעסער געפיהלט. זייט עס האט געפעהלט ברויט אין שטוב, האט מיך די מאמע טאפעלט ליעב באקומען; ביים קעמען האט זי מיר קיין האר נישט געריסען, אין די דארע ביינער אריין נישט געבוכעט; דער טאטע פלעגט מיר ביים ווארמעס גלעטען איבער'ן קאפ און פארשפילען מיר, איך זאל נישט זעהן, ווי מען פארטיילט מיך; און איך בין נאך ביי מיר גרויס געוועזען, אז, ווען מען דארף פאסטען, פאסט איך גלייך מיט'ן טאטען און מיט דער מאמען, אז איך בין שוין א גרויסע מויד!

אין דער צייט איז דאס קראנקע ברודערל געשטארבען.

געשעהען איז עס אזוי: איינמאל האט זיך די מאמע אויפגעכאפט און געזאגט איבער'ן בעט צום טאטען: „ווייסט, בערעלען איז אודאי בעסער, ער איז א גאנצע נאכט געשלאפען, קיין איינציג מאל נישט געוועקט."

איך האב עס דערהערט — איך האב שטענדיג א לייכטען שלאף געהאט — און בין מיט א פרייד אראפגעשפרונגען פון געלעגער אויפ'ן קאסטען, און צוגעלאפען זעהן מיין „איינציג ברודערל" (אזוי האב איך עס גערופען, אזוי ל י ע ב האב איך עס געהאט). איך האב געהאפט צו דערזעהן אויפ'ן פארמעטענעם פּנים'ל א שמייכעל, וואס פלעגט זיך באווייזען אמאל אין א יאהר... נאר איך האב א טויט פּנים געפונען.

עס איז געווארען א שבעה...

דערנאך איז דער טאטע נישט געזונט געווארען, און דער רופא האט אנגעהויבען צו געהן אין שטוב אריין...

כל זמן עס איז געוועזען, ווי עס איז צו צאהלען, פלעגט אריינגעהן דער אלטער רופא אליין; דערנאך, אז דאס גאנצע בעטגעוואנט מיט'ן ענגעל־לייכטער, מיט'ן טאטענס ספרים־שאנק, וואס די מאמע האט א צייט נישט געלאזט ריהרען, זענען אריין אין רפואות, האט דער רופא אנגעהויבען שיקען דעם „יונג".

דער יונג איז דער מאמען שרעקליך נישט געפעלען: עס שפּראַצען איהם עפּעס שפּיציגע „וואַנסעלעך“, געהט אָנגעטאָן ווי א גוי, און דערצו וואַרפט ער אלע מאָל אריין עטליכע ווערטער פּויליש.

איך האָב פאַר'ן מורא געהאט, עד היום וויים איך נישט פאַר־וואָס. נאָר, ווען ער האָט געדאַרפט קומען, פלעג איך ארויסלויפען אויפ'ן הויף און איבערוואַרטען ביז ער וועט אַוועקגעהן.

איינמאָל איז א שכן קראַנק געוואָרען, אויך אן אָרעמאַן, און אויך אפּנים נאָך אלע כלים אין שטוב, און דער יונג (עד היום וויים איך נישט, ווי אזוי ער האָט געהייסען) איז פון אונזער שטוב ארי־בערגעגאַנגען צום שכן. דורכגעהענדיג דעם הויף, האָט ער מיך גע־טראָפען זיצען אויפ'ן קלאָץ.

איך האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגען. דערפיהלענדיג, אז ער קומט צו מיר נעהנטער, איז מיר קאַלט געוואָרען אין די קנעכעל און דאָס הארץ האָט מיר אָנגעהויבען שטאַרקער צו שלאָגען.

ער איז צוגעקומען, האָט מיך אָנגענומען ביי דער גאָמבע, אויפגעהויבען מיר דעם קאָפּ און געזאָגט, דוקא אויף פּראָסט אי־דיש:

— „אַ שעהנע מויד ווי דו ביסט, דאַרף נישט זיין צושווי־בערט. דאַרף זיך אויך פאַר קיין בחור נישט שעמען!“

ער האָט מיך אָפּגעלאָזט, און איך בין אריינגעלאָפען צוריק אין שטוב. איך האָב געפיהלט, אז דאָס גאַנצע בלוט שלאָגט מיר אַלץ אין איינעם אין פּנים אריין. איך האָב פאַררוקט אין טונ־קעלסטען ווינקעל הינטער'ן אויוועז, מכלומר'שט, אויסצעהלען די ברודיגע וועש... דאָס איז געוועזען מיטוואָך.

פרייטאג האָב איך דאָס ערשטע מאָל דער מאַמען אליין דער־מאַנט, אז מען דאַרף מיר אויסוואַשען דעם קאָפּ, אז איך בין צו־שויבערט.

— א קלאָג איז צו מיר! — האָט די מאַמע פאַרבראָכען די הענט, — איך האָב זי דאָך דריי וואָכען נישט געקעמט!

פּלוצלונג ווערט זי בייז:

— מכשפה! — האָט זי אויסגעשריגען, — אַזאַ גרויסע, בייז־דערוואַקסענע מויד קאָן זיך אליין נישט צוואַגען! אז אַנדערע אויף דיין אָרט וואָלט נאָך די אַנדערע קינדער געוואַשען!

— שרה׳לע, שריי נישט! בעט זיך דער טאטע; נאר דער מאמעס כעס ווערט שטארקער און שטארקער:

— מכשפה, הערסט! ש ו י ן זאלסט דו דיך צוואגען! הערסט — די אותה רגע! הערסט!

און דא האב איך מורא צוזוגעהן צום קומען, וואו דאס הייסע וואסער איז געשטאנען, ווייל, דורכגעהענדיג דורך דער מאמען, וואלט איך געלעזט א בוך. געראטעוועט האט מיך, ווי געוועהנליך, דער טאטע.

— שרה׳לע, האט ער געקרעכצט, שריי נישט, מיר טוט דער קאפ אזוי וועה!...

דאס איז געגוג געווען. דער מאמעס כעס איז ווי מיט דער האנט אוועקגענומען געווארען... איך בין פריי דורכגעגאנגען די שטוב און צוגעקומען צום טאפ וואסער.

איך צוואג מיך אומגעלומפערט און זעה, ווי די מאמע געהט צו צום טאטען און ווייזט אויף מיר מיט א שווערען זיפץ:

— רבונו של עולם, עס וואקסט נעבעך, ווי אויף הייוועז, מאכט זי שטיל צים טאטען, נאר מיין אויער כאפט יעדעס ווארט— שעהן ווי א גאלד... און וואס?

דער טאטע האט געענטפערט מיט נאך א טיפערען זיפץ.

דער רופא האט נישט איינמאל פארזיכערט, אז דעם טאטען איז גארנישט. דאס עגמת נפש נאר האט זיך איהם געלעגט אויף דער לעבער, דעריבער איז זי אויפגעשוואלען און דריקט צו דאס הארץ; מעהר נישט! דער עיקר זאל ער מילך טרינקען, קיין עגמת נפש זיך נישט צולאזען, געהן אין גאס אריין... רעדען, שמועסען, זוכען זיך אן עסק... דער טאטע האט אבער געזאגט, אז די פיס ווילען איהם נישט טראגען. פארוואס, בין איך ערשט שפעטער געווארען.

איינמאל, זומער פארטאג, האט מיך אויפגעוועקט א שמועס צווישען טאטע־מאמע:

— ביסט דו דיך אין וואלד, נעבעך, אנגעגאנגען, — מאכט די מאמע.

— א שאלה דאס איז, — ענטפערט דער טאטע, — אין וואלד האט מען אויף צוואנציג ערטער געהאקט אויף איין מאל. פארשטעהסט, דער וואלד איז דעם פריץ׳ס, די פויערען האבען אבער

סערוויטוטען: זיי קומט די צווייגען, וואָס פאַלען אַראָפּ און וואַל־גערען זיך אין וואַלד, ווי אויך דאָס האָלץ פון די בוימער, וואָס א דונער צושלאָגט... נו, אז מען האַקט אוים דעם וואַלד, האָבען זיי דאָך היזק דעם סערוויטוט; מוזען זיי זיך קויפען האָלץ צום בויען און צום הייצען, האָבען זיי, פאַרשטעהט זיך, געוואָלט לעגען אַן אַרעסט, אַראָפּברענגען דעם קאָמיסאַר; זיי האָבען זיך אָבער צו שפּעט מישב געווען. ר׳ זיינוועלע האָט נאָר דערזעהן, אז זיי קראַצען זיך אין די קעפּ, האָט ער שוין געגעבען א באַפעהל, מען זאָל אַנידערשטעלען נאָך פיערציג האַקער! עס איז געוואָרען א גיהנום, אפשר אויף צוואַנציג ערטער האָט מען געהאַקט. און זיין מוז מען אומעטום...וואָס קלערסט דו? די פּיס פלעגען מיר גע־שוואָלען ווערען ווי די באַרקים...

— ווי א מענש זינדיגט! — קרעכצט די מאַמע — איך האָב געמיינט, אַז דו האָסט דאָרט גאָרנישט וואָס צו טון...

— אודאי! — שמייכעלט טרויעריג דער טאַטע — נאָר פון גרויען טאָג ביז שפּעטער נאַכט אויף די פּיס!

— און אַלץ פאַר דריי רובל א וואָך? — בייזערט זיך די מאַמע.

— ער האָט מיר צוגעזאָגט צו דערלעגען; דערווייל, ווייסט דו דאָך איז איהם די טראַטווע אונטערגעגאַנגען... האָט ער געזאָגט, אַז ער איז בדיל הדל געוואָרען...

— און דו גלויבסט?

— עס קאָן זיין...

— שטענדיג — בייזערט זיך די מאַמע — ווערט ער בדיל הדל און דאָס פאַרמעגען וואַקסט און וואַקסט.

— אַז גאָט העלפט, — זיפצט דער טאַטע.

עס איז שטיל א ווײַלע.

— ווייסט נישט, וואָס מאַכט ער? — פרעגט דער טאַטע. וואָס איז שוין כמעט א יאָהר נישט ארוים פון שטוב.

— וואָס זאָל ער מאַכען? ער האַנדעלט מיט פּלאַקס, מיט אייער; א שענק האָט ער...

— און זי וואָס מאַכט?

— זי, נעבעך, קראַנק...

— א שאד, א גוטער מענש —

— א בריליאנט! די איינציגע בעל הבית'טע, וואס „מאכט נישט אויף" א גראשען; זי וואלט אפילו געצאהלט צו דער צייט, נאר זי האט ביי איהם וועניג וואס צו שאפען...

— דאכט זיך, מאכט דער טאטע, דאס דריטע ווייב.

— אודאי! — באשטעטיגט די מאמע.

— זעהסט, שרה, — מאכט דער טאטע, — דאכט זיך שיין

— א איד, א גביר... האט ער קיין מזל נישט צו ווייבער... יעדערער האט זיין פעקעל.

— און אזא יונג בלוט! — האט צוגעגעבען די מאמע, — איני־גאנצען עטליכע און צוואנציג יאהר.

— נו, געה וויים? ער איז א ו ד א י א זיבציגער און — אייזען שטארק.

— און אהן א בריל!...

— און זיין גאנג; די פאדלאגע ציטערט!

— און איך, זעהסט דו, ליג אין בעט.

עס האט מיך דורכגענומען ביי די לעצטע ווערטער.

— גאט וועט העלפען, — טרייסט די מאמע.

— נאר זי, זי... — קרעכצט ווייטער דער טאטע אוןווארפט א בליק צו מיר אויפ'ן קאסטען. זי וואקסט, קיין עין הרע, ווי אויף הייוועז... פארענט... האסט געזעהן?...

— א שאלה דאס איז!

— און א פנים... שיינט ווי די זון...

עס איז ווייטער שטיל געווארען א ווייל'ע.

— ווייסט, שרה'לע, — מאכט ווייטער דער טאטע, מען איז נישט יוצא פאר גאט.

— מיט וואס?

— מיט איהר! ווי אלט ביסט דו געווען צו דער חתונה?

— איגנער פאר איהר!

— נו?...

— נו... וואס?

אין דער אייגענער מינוט האט מען צוויי קלעפ געטאן אין לא־דען.

די מאמע איז אראפגעשפרונגען פון בעט. אין איין רגע האט זי אפגעריסען דאס שטריקעל, אויף וועלכען דער לאדען האט זיך געהאלטען און איינגעפראלט דאס פענסטער, וואס האט שוין לאנג קיין באשלעג נישט געהאט.

— וואס איז? — האט זי ארויסגעשריגען אין גאס אריין.

— רבקה זיינוועלע׳ס איז נפטר געווארען.

די מאמע איז צוריקגעשפרונגען פון פענסטער.

— ברוך דיין אמת! — האט דער טאטע ארויסגעזאגט... שטארבען איז גארנישט...

— ברוך דין אמת, — מאכט די מאמע, — ערשט פון איהר נערעדט!

דאמאלט האב איך געהאט א וואונדערליך אומרוהיגע צייט. איך ווייס אליין נישט, וואס מיט מיר איז געוועזען.

טיילמאל בין איך גאנצע נעכט נישט געשלאפען. די שלעפען האבען מיר ווי האמער געקלאפט און דאס הארץ האט גענאגט, גלייך עס וואלט זיך געשראקען פאר עפעס, אדער שרעקליך נאך עפעס געבענקט; טיילמאל איז מיר ווייטער אזוי ווארעם און ווייך געוועזען אויפ׳ן הארץ, אז איך האב געוואלט אלץ ארומנעמען און קושען און האלזען.

נאר וועמען? די ברידערלעך האבען זיך נישט געלאזט; דער פינף יעהריגער יוחנן האט אויך געקאפעט און געשריגען, אז ער וויל זיך נישט שפילען מיט א מיידעל. די מאמע, אויסער דעם, וואס איך האב פאר איהר מורא געהאט, איז שטענדיג בייז און פארזאגט... דער טאטע — נאך קראנקער.

במשך א קורצער צייט איז ער אינגאנצען גרוי געווארען ווי א טויב, דאס פנים איז איינגעשרומפען געווארען ווי א פארמעט. און די אויגען האבען ארויסגעקוקט אזוי אומבאהאלפען און מיט אזא שטום געבעט, אז עס איז גענוג געוועזען, איך זאל עס דערזעהן און ארויסלויפען פון שטוב מיט א געוויין.

דאמאלט דערמאן איך מיך אז מיין בערעל׳ען... איהם וואלט איך געקאנט אלץ דערצעהלען, קושען און האלזען... ליגט ער דארט

אין דער קאלטער ערד, און עס כאפּט מיך אָן נאָך א ביטערליכערער געוויין...

די טרערען, אייגענטליך, פלעגען זיך מיר באַווייזען גאַנץ אָפט אָהן א טעם.

טייל מאָל קוק איך פון פענסטער ארויס אויפ'ן הויף און זעה, ווי די לבנה שווימט און שווימט צו אלע מאָל נעהנטער צו דעם אויסגעווייסטען צוים, וואס איז קעגען אונזער פענסטער, און קאָן דעם צוים נישט אריבערשווימען.

און איך באַקום פלוצלונג רחמנות אויף דער לבנה, עס הויבט מיך אָן קלעמען ביים הארץ און די אויגען גיסען און גיסען...

טיילמאָל ווייטער, פלעג איך ארומגעהן מאט. איך פלעג מיך ארוי ארומוואקלען אָהן כח מיט א בלאס פנים און אונטערגעשלאָגענע אויגען; אין די אויערען רוישט, דער קאָפּ איז שווער, און עס דאכט זיך מיר, אז עס איז מיר אַזוי נישט גוט אויב דער וועלט, אַזוי נישט גוט, אז עס וואָלט אמבעסטען געווען צו שטארבען.

דאמאָלט ווייטער האָב איך בערעלען שטארק מקנא געווען... ער ליגט זיך דאָרט אַזוי רוהיג...

גאַנץ אָפט אויך, האָט זיך מיר גע'חלומ'ט, אז איך שטאָרב, אז איך ליג אין קבר, אָדער, אז איך פליה ארום אין הימעל אין איין העמד מיט צולאָזטע האָר און קוק אראָפּ און זעה, וואָס אויף דער וועלט טוט זיך.

פונקט דאמאָלט האָב איך פארלוירען די אלע חבר'טעס, מיט וועלכע איך האָב אמאָל אין צייכען געשפּילט, און האָב שוין קיין אנדערע נישט באַקומען. איינע איז שוין ארויסגעגאַנגען שבת מיט אן אטלאַסענע יופּע און א קייט און א זייגער! עס האָט שוין געזאָלט זיין איהר חתונה. אנדערע זענען „כלה מיידלעך" געוואָרען. שדכנים און מחותנים „האַקען אָפּ די טירען", און מען האָט זיי געקעמט, געוואַשען, געקליידט, בשעת ווען איך בין נאָך ארומגעגאַנגען באָרוועס, אין אן אלטע בעזינע, קורצע ספּאָדניצע, אין אן אויסגעבלאַקעוועטען ציצינען סטאַניק, וואָס האָט אויף מיר אויפ'ן סאמע־ראָדנע פראָנט אין עטליכע ערטער געפּלאַצט, און איך האָב איהם צוגעלאַטעט מיט אן אנדער קאָליר ציץ... די כלה־מיידלעך האָבען מ י ך געמיידט און מיט די אינגערע קינדער האָב א י ך מיך געשעמט צו חבר'ען; אויך האָבען מיך שוין

די צייבען נישט געוויילט. בייטאָג פֿלעג איך מיך דעריבער נישט אַרויסווייזען אין גאַס אַריין. די מאַמע ווייטער האָט מיך אין ערגעץ נישט געשיקט, און אפילו, אַז איך האָב אַמאָל געוואָלט געהן אַ גאַנג, נישט געלאָזט. פֿאַר דאָס פֿלעג איך מיך אָפּט אַרויס־כאַפּען פֿאַרנאַכט און אַרומגעהן הינטער׳ן הויז ביי די שפּייכלער, אָדער זעצען זיך נישט ווייט פֿון טייך.

זומער פֿלעג איך אַזוי זיצען ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

אין אָנהייב פֿלעגט אַמאָל די מאַמע צו מיר אַרויסגעהן; צור געגאַנגען איז זי קיינמאָל נישט, נאָר אין טויער זיך געשטעלט, אומגעקוקט זיך און אַוועקגעגאַנגען, — איך פֿלעג כמעט הערען ווי זי זיפֿצט, קוקענדיג אויף מיר פֿון ווייטען.

מיט דער צייט האָט דאָס אויך אויפֿגעהערט.

איך פֿלעג מיר אָפּזיצען איינע אַליין שעה׳ן־לאַנג און איינהער־רען זיך ווי עס רוישט דאָס קליינע טייכעל, ווי עס שפּרינגען די פֿרעש פֿון גראָז אין טייך אַריין, אָדער נאָכיאָגען ערגעץ אַ לייכטען וואָלקען אין הימעל...

איך פֿלעג אַמאָל האַלב איינשלאָפֿען מיט אָפֿענע אויגען.

איינמאָל האָב איך דערהערט פֿון ווייטענס אַ טרויעריג ליי־דעל. דאָס קול איז געווען יונג אין פֿריש, און עס האָט זיך מיר מיט אַ טרויער אויסגעגאָסען אינ׳ם גאַנצען לייב; עס איז גע־ווען אַ אידיש ליעדעל.

דאָס זינגט דער „רופֿא־יונג“, — טראַכט איך, — אַנדערע וואַלטען זמירות, נישט קיין ליעדלעך געזונגען.

איך טראַכט אויך, אַז מען מוז אַריין אין שטוב און אַזוינע ליעדלעך נישט הערען און מיט׳ן רופֿא־יונג זיך נישט טרעפֿען. נאָר אויפֿגעהויבען האָב איך מיך נישט; איך בין עפּעס ווי פֿאַר׳חלומ׳ט געווען, מאַט, און בין געבליבען זיצען אויפֿ׳ן אָרט, כאָטש דאָס האַרץ איז אומרוהיג געווען.

דאָס ליעדעל קומט צו אַלץ נעהנטער און נעהנטער, עס געהט פֿון יענער זייט טייך איבער דער בריק.

איך הער שוין טריט אויפ׳ן זאַמד, איך וויל ווייטער אַנטלוי־פֿען, נאָר די פֿיס פֿאָלגען נישט און איך זיץ ווייטער.

ענדליך איז ער צוגעקומען צום אָרט, וואו איך בין געזעסען.

— דו ביסט עס, לאה?

איך ענטפער נישט.

אין די אויערען רוישט מיר נאך שטארקער, די שלעפען שלא־גען נאך האסטיגער און עס דאכט זיך מיר, אז איך האב קיינמאל אזא גוט און זים קול נישט געהערט.

ער מאכט זיך ווייניג דערפון, וואס איך ענטפער איהם נישט. ער זעצט זיך נעבען מיר אויפ'ן קלאץ און קוקט מיר גלייך אין פנים אריין.

זיין בליק האב איך נישט געזעהן, ווייל איך האב די אויגען נישט אויפגעהויבען, דאך געפיהלט האב איך, ווי עס האט מיר גע־ברענט דאס פנים.

— ביסט א שעהנע מויד, לאה, מאכט ער צו מיר, א שאד!

עס האט מיך אנגעכאפט א שרעקליך געוויין און איך בין אנטלאפען.

דעם צווייטען אווענט בין איך שוין נישט ארויסגעגאנגען, דעם דריטען אויך נישט. נאך דעם פיערטען, פרייטאג צו נאכט, איז מיר שוין אזוי שווער געוועזן אויפ'ן הארץ, אז איך האב גע־מוזט ארויסגעהן; עס האט זיך מיר געדאכט, אז איך וועל דער־שטיקט ווערען אין שטוב. ער האט אויף מיר, אפנים אין שאטען, הינטער א הויז־ווינקעל, געוואַרט. ווייל, קוים האב איך מיך גע־זעצט און אויף מיין ארט, איז ער מיר ווי אויסגעוואקסען פון אונ־טער דער ערד.

— אנטלויף נישט פאר מיר, לאה! — האט ער זיך מיט א וועיך, הארציג קול געבעטען — גלויב מיר, איך וועל דיר קיין שלעכטס נישט טון.

זיין ערנסט, וועיך קול האט מיך בארוהיגט.

ער האט אנגעהויבען ציהען א שטיל טרויעריג ליעדעל, און מיר זענען ווייטער געקומען די טרערען אין די אויגען אריין. איך האב מיך נישט געקאנט איינהאלטען, און האב אנגעהויבען שטיל צו וויינען.

— וואס וויינסט דו, לאה, — האקט ער אפ און פרעגט, אנ־נעמענדיג מיך ביי דער האנט.

— דו זינגסט אזוי טרויעריג, — האב איך איהם געענטפערט און ארויסגעצויגען די האנט פון זיינע.

— איך בין א יתום, מאכט ער, עלענד... אין דער פרעמד.

עס האט עמיץ זיך באוויזען פון גאס און מיר זענען זיך צו־לאפען.

דאס ליעדעל האב איך מיך אויסגעלערענט און פלעג עס זינ־גען שטילערהייט יעדע נאכט אויפ'ן געלעגער; דערמיט בין איך איינגעשלאפען, דערמיט בין איך אויפגעשטאנען. דאך גאנץ אפט האב איך חרטה געהאט און געוויינט, וואס איך האב מיך באקאנט מיט א „רופא יונג“, וואס קליידט זיך דייטש און גאלט זיך דאס בערדעל. וואלט ער זיך אזוי געטראגען ווי דער אלטער רופא, וואלט ער כאטש א פרומער איך געוועזען... איך האב געוואוסט, אז ווען דער טאטע ווערט עס געוואר, שטארבט ער, חס ושלום, פאר עגמת נפש; די מאמע וואלט זיך א מעשה געטאן! דער סוד איז מיר געלעגען ווי א שטיין אויפ'ן הארץ.

איך געה צו צום טאטענס בעט, דערלאנגען איהם עפּעס, אדער די מאמע קומט אריין פון גאס, און איך דערמאן מיך אן מיין זינד, הויבען אינטער מיר אן הענט און פיס ציטערען, און דאס פנים פארלירט דעם לעצטען טראפען בלוט, און דאך האב איך איהם יעדען טאג צוגעזאגט, אז איך וועל מארגען אויך ארויס־קומען; און איך האב נישט געהאט פארוואס פאר איהם צו אנט־לויפען. ער האט מיך שוין אפילו ביי דער האנט נישט אנגענו־מען, מעהר נישט געזאגט, אז איך בין א שעהנע מויד. ער האט מיט מיר נאר גערעדט, געלערענט מיך ליעדעלעך... איינמאל נאר האט ער מיר א שטיקעל באקסער געבראכט.

— עס, לאה!

איך וויל נישט נעמען.

— פארוואס? — פרעגט ער טרויעריג, — פארוואס ווילסט דו ביי מיר נישט נעמען?

איך האב מיך ארויסגעכאפט, אז איך וואלט בעסער געגעסען א שטיקעל ברויט.

ווי לאנג אונזער זיצען צוזאמען און זינגען האט געדויערט, ווייס איך נישט. נאר איינמאל איז ער געקומען טרויעריגער ווי שטענדיג, איך האב עס באלד אין פנים דערקענט, און האב'ן גע־פרעגט, וואס איז איהם.

— איך מוז אוועקפאָהרען.
— וואוהין? — פרעג איך אהן א קול.
— צו דער סוב־רעוויזיע.
איך האָב איהם אָנגעכאפּט ביי דער האנט.
— צו די זעלנער וועסט דו געהן?
— ניין, — האָט ער מיר געענטפערט און דריקט מיר די האנט, — איך בין א שוואכער... איך ליֵיד אויפ'ן הארץ, קיין זעלנער וועל איך נישט זיין, נאָר שטעלען מוז איך מיך...
— וועסט צוריק קומען?
— אודאי...
מיר שווייגען א ווײַלע.
— עס וועט נאָר דויערען, — מאכט ער, — א פּאָר וואָכען...
איך שווייג און ער קוקט אויף מיר מיט א געבעט.
— וועסט בענקען נאָך מיר?
— יאָ... — האָב איך אליין קוים געהערט מיין תשובה.
מיר שווייגען ווייטער א ווײַלע.
— לאָ'מיר זיך געזעגענען.
מיין האנט איז נאָך געלעגען אין זיינע.
— פאָהר געזונט! — האָב איך איהם געזאָגט מיט א פאַר־ציטערטען קול.
ער האָט זיך איבערגעבויגען, מיר א קוש געטאָן, און איז פאַר־שוואונדען געוואָרען.
איך בין לאנג געשטאנען ווי שכור.
— לאה! — האָב איך דערהערט דער מאַמעס קול, נאָר דער אַלטער, ווייכער, כמעט זינגענדיגער קול, נאָך פון דער צייט, ווען דער טאַטע איז געזונט געוועזען.
— לאה'שי!
אזוי האָט מען מיך שוין לאנג נישט גערופען. איך האָב נאָך אַמאָל א ציטער געטאָן און בין מיט די נאָך ברענענדיגע ליפּען אריינגעלאָפען אין שטוב. נאָר איך האָב די שטוב נישט דערקענט. אויפ'ן טיש זענען געשטאנען צוויי פרעמדע לייכטער מיט ברע־נענדיגע ליכט. עס איז געשטאנען בראנפען מיט לעקעך — דער טאַטע איז געזעסען אויף א שטול, אָנגעלעהנט אויף א קישען, אויפ'ן פּנים האָט עפּעס ווי געשמייכעלט פון יעדען רונצעל ארוים. — עס

זענען געשטאַנען נאָך בענקלעך ביים טיש, אויך פרעמדע... עס זע־נען דאָ פרעמדע מענשען געווען — נאָר די מאַמע כאַפּט מיך אַרום און קושט, און האַלזט מיך:

— מזל טוב, טאָכטער, טאָכטערשי, לאה'שי, מזל טוב!

איך פאַרשטעה נישט, וואָס מען מיינט, נאָר דאָס האַרץ שרעקט זיך און קלאַפּט, און קלאַפּט אַזוי מורא'דיג! אז די מאַמע האָט מיך אַרויסגעלאָזט פון די אָרעם, האָט מיך דער טאַטע צוגע־רופען. איך האָב קיין כח נישט געהאַט צו שטעהן און האָב מיך אַראָפּגעלאָזט פאַר איהם אויף די קניען און אַנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף זיין שויס. ער גלעט מיר דעם קאָפּ, קרייזעלט מיר די האָר:

— וועסט שוין, קינד מיינס, נישט ליידען קיין הונגער, קיין נויט; וועסט שוין, קינד מיינס, נישט אַרומגעהן נאַקעט און באָר־וועס... וועסט זיין אַ נגידה... דו וועסט זיין רייך... דו וועסט פאַר־דיינע ברידערלעך מלמד־געלט צאָהלען... מען וועט זיי שוין פון די חדרים נישט אַרויסוואַרפען... דו וועסט אונז אויך העלפען... א י ך וועל געזונט ווערען...

— און ווייסט, ווער דער חתן איז? — פרעגט די מאַמע, מיט אַ פרייד — טאַקע ר' זיינוועל! טאַקע ר' זיינוועל. ער האָט אַליין אַ שדכן געשיקט...

איך ווייס נישט, וואָס מיט מיר איז געשעהן, נאָר אויפגע־כאַפּט האָב איך מיך אויפ'ן געלעגער אינמיטען טאָג.

— געלויבט איז גאָט! — האָט די מאַמע אויסגעשריגען.

— געלויבט איז זיין ליעבער נאָמען! — האָט דער טאַטע געזאָגט.

און מען האָט מיך ווייטער געהאַלזט און געקושט. נאָך מעהר — מען האָט מיר איינגעמאַכטס דערלאַנגט!... אפשר וויל איך וואַסער מיט זאַפט? אפשר אביסעל ווייַן?

איך האָב צוריק די אויגען פאַרמאַכט און געקייכט מיט אַ שטיקענדיג געוויין.

— וואויל, וואויל, — פרעהט זיך די מאַמע — זאָל זי זיך אָפּוויינען, מיין אָרעם קינד! מיר זענען זיך אַליין שולדיג, אויף אַמאָל אַזאַ נחת דערצעהלט! אַזוי פּלוצלונג! עס קאָן אַן אַנדער

פלאצען, חס ושלום! נאר אצינד געלויבט איז גאט! ווייז דיר אפ דאס הארץ, זאלען אלע צרות אוועקשווימען מיט די טרערען און א נייע לעבען זאל זיך אנהויבען, א נ י י לעבען...

דער מענש האט צוויי מלאכים — א גוטען און א שלעכטען מלאך, און איך בין זיכער געווען, אז דער גוטער מלאך הייסט מיך אינ'ם רופא־יונג פארגעסען, עסען ר' זיינוועלעס איינגעמאכטס, טרינקען זיין זאפט מיט וואסער און קליידען זיך אויף זיין חשבון. בשעת ווען דער שלעכטער מלאך האט מיר איינגערעדט, איך זאל איינמאל פאר אלעמאל זאגען דעם טאטען און דער מאמען, אז איך וויל נישט, באין אופן נישט.

ר' זיינוועלען האב איך נאך נישט געקענט, איך האב'ן אפשר אמאל געזעהן, נאר — אדער פארגעסען, אדער באלד נישט גע־וואוסט, ווער'ען איך זעה... נאר הינטער די אויגען האב איך איהם פיינט געהאט.

באלד די צווייטע נאכט האט זיך מיר גע'חלומ'ט, אז איך שטעה אינטער דער חופה.

דער חתן איז ר' זיינוועלע און מען פיהרט מיך זיבען מאל ארום איהם, נאר די פיס זענען מיר פארשטארט און די אונטער־פיהרערקעס טראגען מיך אין דער הויך —

דערנאך האט מען מיך אהיים געפיהרט.

די מאמע האט אקעגען געטאנצט מיט א קוילעטש, און עס געהט שוין די גאלדענע יויך.

איך האב מורא די אויגען אויפצוהויבען. איך בין זיכער, אז איך וועל דערזעהן א בלינדען, אהן אן אויג, און א לאנגע, א שרעק־ליך לאנגע נאז.. עס קומט מיר א קאלטער שוויים אויפ'ן לייב — נאר פלוצלונג רוימט ער מיר איין אין אויער:

— לאה'שי, א שעהנע מויד ביסט דו!

און דאס קול איז גארנישט פון קיין אלטען מאן — עס איז יענעמס קול... איך עפען אביסעל די אויגען — עס איז יענעמס פנים...

— טס! — רוימט ער מיר איין, — זאג נישט אויס. איך האב ר' זיינוועלס'ען פארנארט און וואלד אריין, אריינגעלעגט אין א זאק, צוגעבונדען א שטיין און אריינגעווארפען אין טייך (אזא

מעשה האט מיר אמאל די מאמע דערצעהלט) און בין איך דא אויף זיין ארט!

איך האב מיך אויפגעכאפט פארציטערט.

דורך א שפארע פון לאדען, האט אריינגעשלאגען א בלאסער שיין פון דער לבנה, און האט באלייכט די גאנצע שטיב. איך באמערק ערשט, אז אינמיטען באלקען הענגט צוריק דער הענגעל־לייכטער. טאטע־מאמע שלאפען אויף בעטגעוואנט, — דער טאטע שמייכעלט פון שלאף, די מאמע אטעמט רוהיג... און דער גוטער מלאך זאגט מיר: אז דו וועסט זיין גוט און פרום, וועט דער טאטע געזונט ווערען, די מאמע וועט אויף דער עלטער נישט ארבייטען אזוי שווער און ביטער, און פון דיינע ברידערלעך, וועלען ארויס־קומען לומדים, רבנים, גאונים; גרויסע, גרויסע אידען, מען וועט פאר זיי צאהלען מלמד־געלט.

— נאר קושען — זאגט דער שלעכטער מלאך — וועט דיך ר' זיינוועלע... ער וועט זיך צו דיר צוריהרען מיט די פייכטע וואנסען... ער וועט דיך ארומנעמען מיט די ביינערדיגע הענט... אויך וועט ער דיך פייניגען ווי יענע ווייבער, און וועט דיך יונגער־הייט יאגען אין קבר אריין; און ער וועט קומען צו פאהרען און וועט עגמת נפש האבען, דיך קיין ליידלעך שוין נישט לערנען. וועסט שוין מיט איהם אוועקט אויף אוועקט נישט זיצען... דו וועסט זיצען מיט ר' זיינוועלען...

— ניין! הימעל און ערד זאל צוזאמען קומען! צורייסען די תנאים!

איך בין שוין נישט געשלאפען ביז אין דער פריה...

די ערשטע האט זיך אויפגעכאפט די מאמע; איך וויל מיט איהר רעדען, נאר איך בין געוואוינט אין אלע געפאהרען זיך ווענדען צום טאטענס הילף.

אט, וועקט זיך שוין דער טאטע.

— ווייסט, שרה'לע, — זענען זיינע ערשטע ווערטער — איך פיהל מיך גאר, גאר גוט; וועסט זעהן, איך וועל היינט נאך געהן אין גאס אריין.

— געלויבט איז זיין ליעבער נאמען; אלץ אין אונזער טאכ־טערס מזל. אלץ אונזער טאכטערס, דער צדקה'ס זכות.

— און דער רופא איז טאקע גערעכט, די מילך שמעקט מיר זעהר וואויל...

זיי שווייגען און דער גוטער מלאך זאגט מיר נאך אמאל:

— אז דו וועסט גוט און פרום זיין, וועט דער טאטע ווערען געזונט; וועט אבער פון דיינע ליפען ארויס א זינדיג ווארט — פאלט ער אוועק און שטארבט.

— הערסט דו, שרה'לע, — מאכט ווייטער דער טאטע, — הער שוין אויף צו זיין א פשעקופקע...

— וואס רעדסט דו?

— וואס דו הערסט! — איך וויל היינט נאך זיין ביי ר' זיינוועלען... ער וועט מיך צונומען צו א געשעפט, אדער בארגען עטליכע רובל, וועלען מיר זיך מאכען א געוועלבעל, איך וועל שטעהן אביסעל, דו אביסעל — דערנאך וועל איך אנהויבען האנד־לען מיט תבואה...

— הליאי זאל גאט געבען!

— אודאי וועט גאט געבען! אז דו וועסט היינט נעמען אויף חתונה־קליידער, זאלסט דו דיר אויך נעמען... כאטש אויף צוויי קליידער, און פארוואס נישט? ער האט געהייסען נעמען, וואס מען דארף; דו וועסט דאך נישט זיין אויפ'ן אויפרופען אין דיינע בגדים.

— געה שוין געה! — ענטפערט די מאמע, — דער עיקר מוז מען די קינדער עפעס מאכען — ראובן געהט בארוועס, ער האט זיך יענע וואך א האלץ ארייגענומען, לאמט ער נאך... אויך געהט צו ווינטער, מען דארף לייבלעך און העמדלעך, וואטאווע קאפאטקעלעך.

— נעם, נעם...

— הערסט, — מאכט דער גוטער מלאך, — אז דו וועסט רעדען א שלעכט ווארט, וועט די מאמע דיינע קיין קלייד נישט האבען, און דו ווייסט, אז דאס אלטע פאלט איהר אראפ פון לייב; דיינע ברידערלעך וועלען ווינטער־צייט אין די גרעסטע פרעסט לויפען אין חדר אריין בארוועס, און זומער וועלען זיי זיך ארייג־נעמען העלצער אין די פיס...

— איך זאג דיר דעם אמת, — מאכט די מאמע, — מען וואלט געדארפט אליין אויסרעדען „ברחל בתך הקטנה“, ווארים

זעהר א גוטער מענש איז ער נישט... מען דארף אפרעדען, וויפיעל ער וועט איהר פארשרייבען — וואָרים יורשים וועט זיין ווי האָלץ... וועז אפילו נישט קיין אקט — זאָל ער כאָטש געבען א חרם־קוויטעל, וואָרים טאָקע, ווי לאַנג קאָן אזוינער לעבען? נאָך א יאָהר, נאָך א יאָהר...

— ביי וואוילטאָג, — זיפצט דער טאַטע, — לעבט מען לאַנג.

— לאַנג! פארגעס נישט — זיבעציג יאָהר... טייל מאָל ווערט איהם עפעס ווי טויט אונטער די אויערען...

אין דער שלעכטער מלאך זאָגט: אז דו וועסט שווייגען, וועסט דו געהן אונטער דער חופה מיט א טויטען, מיט א מת וועסט דו לעבען... מען וועט דיך לעגען־פיהרען מיט א בר־מנן...

די מאַמע זיפצט:

— אַלץ איז ביי גאָט אין די הענט — מאַכט דער טאַטע.

די מאַמע זיפצט ווייטער און דער טאַטע זאָגט:

— און וואָס קאָן מען טון... מען האָט געקאָנט בעסער מאַ־כען? אודאי, ווען איך בין געזונט, ווען איך פארדין, ווען עס איז כאָטש דאָ טרוקען ברויט אין שטוב...

ער האָט אָפּגעהאַקט; מיר האָט זיך געדאַכט, אז עפעס וויינט דעם טאַטען אין האַרץ.

— וואָלט זי כאָטש איינגער געוועזן מיט א פּאָר יאָהר, וואָלט איך דאָס לעצטע געטאָן... ווייס איך? אפשר אויף דער לאָטעריע געשטעלט...

און איך האָב געשוויגען.

מיין זיבעציג יעהריגער חתן האָט געגעבען אויף חתונה־קליידער, עטליכע הונדערט גילדען דעם טאַטען און מיר א תוספות־כתובה אויף הונדערט און פופציג גילדען...

מענשען האָבען געזאָגט: א וואוילער שדוך!

איך האָב חבר'טעם באַקומען; די מיט דער סאַמעטענע יופּע און גאָלדענעם קייט־און־זייגער, פלעגט ביי מיר זיין צוויי דריי מאָל אין טאָג. זי איז געוועזן גליקליך ווי די וועלט. וואָס איך האָב זי דעריאָגט, וואָס מיר האָבען חתונה אין איין חודש! איך האָב גע־

האט נאך חבר'טעס. נאר זי האט זיך צוגעקלעפּט צו מיר. „יענע זענען דאך „סמאַרקאַטע מיידלעך"; ווער ווייסט, ווי לאַנג עס וועט נאך ביי זיי דויערן!"

רבקה האט חתונה פון דער פרעמד. נאר עסן קעסט וועט זי פריהער אין דער היים, צוויי צי דריי יאהר. איבער דער גאַנצער צייט וועלען מיר זיך האלטען צוזאמען; זי וועט אריינלויפען צו מ י ר אויף ציקאַריע, איך צו א י ה ר אויף ציקאַריע, אדער שבת נאכ'ן שלאף אויף ביילעק־יויך.

— און אז איך וועל ווערען א קינפּעטאָרין — מאכט איינמאל רבקה און דאס פּנים שטראַלט איהר — וועסט דו זיצען ביי מיר — יא?

איך שווייג.

— וועה! — מאכט רבקה — וואס טרויערסט דו אזוי? עס טרעפט זיך צו זיבעציג יאהר אויך...

— געה שוין, געה! — טרייסט זי מיך ווייטער — אז גאט וויל, שיסט א בעזעם! און ווען נישט — ווי לאַנג, מיינסט דו, וועט עס דויערן? א מענש לעבט דאך נישט אייביג! אזא יאהר אויף מיר, וואס פאַר א יונגע אלמנה דו וועסט זיין! די פינגער צו לעקען!

רבקה ווינשט ר' זיינוועל'ען נישט קיין שלעכטס:

— ער איז אפילו א כלב שבכלבים! יענעם ווייב האט ער גע־פּייניגט... נאר יענעם ווייב איז א קראַנקע געוועזען, און „דו ביסט געזונט ווי א נוס... דיך וועט ער גוט באהאנדלען, נאך ווי הייסט גוט!"

ע ר איז צוריקגעקומען!

דעם טאַטען איז טאַקע בעסער, נאר עס האט זיך איהם פאַר־גלוסט אביסעל טרוקענע באַנקעס — אזוי האט ער מורא געהאט אַרויסצוגעהן. ער פיהלט, אז פון ליגען, און דערנאך זיצען אלץ אינאיינעם, האט זיך איהם דאס בלוט פאַרזאַמעלט אויף איין אָרט. מען דאַרף עס צושלאָגען! — אביסעל אויך ברעכען איהם די פּליי־צעס און אויף דעם איז טרוקענע באַנקעס א רפואה בדוקה.

איך האָב אָנגעהויבען ציטערען ווי אין אַ פיבער; מיט טרו־קענע באַנקעם קומט דער „יונג", נישט דער רופא אַליין.

— וועסט אריינרופען דעם רופא? — פרעגט מיך דער טאַטע.

— וואָס רעדסט דו? — פאַלט איהם די מאַמע אין די רעד.

— אַ כלה־מיידעל...

זי איז אַליין געגאַנגען.

— וואָס ביסט דו אַזוי בלאַס געוואָרען? — פרעגט מיך דער טאַטע דערשראָקען.

— גאָרנישט.

— שוין עטליכע טעג... — פאָרשט דער טאַטע.

— עס דאַכט זיך דיר, טאַטע.

— די מאַמע זאָגט אויך...

— עה!

— היינט — וויל מיך דער טאַטע דערפרעהען — וועט מען דיר שוין מעסטען די חתונה־קליידער.

איך שווייג.

— דו פרעהסט זיך גאָרנישט? — פרעגט דער טאַטע.

— פאַרוואָס זאָל איך מיך נישט פרעהען?

— דו ווייסט דאָך אפילו גאָרנישט, וואָס מען מאַכט דיר.

— מען האָט דאָך מיר אַ מאָס גענומען!

דערווייל איז אָנגעקומען די מאַמע מיט'ן רופא אַליין.

עס איז מיר גרינגער געוואָרען אויפ'ן האַרץ; נאָר אין איין וועגם האָט אין מיר עפּעס געקלאַגט: דו וועסט איהם אפשר שוין מעהר נישט זעהן...

— אוי, אַ וועלט, — קומט אריין דער רופא, — סאָפּענדיג און קרעכצענדיג, — ר' זיינוועלע האָט חתונה מיט אַ יונגער מויד, און לייזער'ל דעם גבאי'ס ווערט אַ פּרוש — אַנטלאָפען פון ווייב!

— לייזער'ל? — שרייט אויס די מאַמע פאַרוואונדערט.

— ווי איהר הערט! היינט געה איך אַרום צו זעכציג יאָהר פון אין דער פריה ביז נאַכט אויף די פיס, און מיין יונג לעגט זיך אין בעט אריין...

איך הויב אָן ווייטער צו ציטערען.

— האַלט נישט אַזא גוי! — באַמערקט די מאַמע.

— א גוי? — מאכט דער רופא, — ווי הייסט א גוי?

— וואס טויג מיר די מעשיות, — האקט איבער אומגעדולדיג דער טאטע, — טוט בעסער אייערס.

מיין טאטע איז בטבע געוועזן א גוטער; עס האט זיך מיר שטענדיג געדאכט, אז ער קאן קיין פליג אויף דער וואנט נישט דיהרען, און דאך האט אין זיינע רעד געשטעקט אזוי פיעל בזיון פאר'ן רופא.

אלס קראנקער אין בעט פלעגט ער גליקליך זיין, אז עמיץ איז ארייננעגאנגען און באלאקעט מיט איהם; נאר מיט'ן רופא האט ער קיינמאל נישט געקאנט רעדען א ווארט. ער האט איהם שטענדיג איבערגעהאקט אינמיטען און געהייסען, ער זאל זיינס טון. נאר אצינד האב איך עס דאס ערשטע מאל אזוי שטארק דערפיהלט; עס האט מיר אנגעהויבען דאס הארץ וועה צו טון... וואדים, ווי אזוי וואלט ער נאך י ע נ ע ם באליידיגט, יענעם, וואס ליגט נעבעך קראנק!...

פארוואס איז ער קראנק?

געזאגט האט ער, אז ער האט א הארץ־פעהלער.

ו ו אס דאס איז, האב איך ריכטיג נישט געוואוסט; מן הסתם איז עס אזוינס, וואס ליגט אמאל אין בעט אריין, און דאך — האט מיר דאס הארץ געזאגט, — אז איך מוז אויך האבען א שטיקעל שולד דערביי.

ביינאכט האב איך אין שלאף געוויינט; די מאמע האט מיך אויפגעוועקט, און געזעצט זיך ביי מיר אויפ'ן בעט.

— שא, קינד מיינס! — האט זי מיר געזאגט, — לאמיר דעם טאטען נישט וועקען; און אונזער שמועס איז געווען פון מויל אויף אויער.

די מאמע, האב איך באמערקט, איז שטארק צורודערט: זי קוקט אויף מיר פארשענדיג, זי וויל עפעס ביי מיר דערגעהן, און איך האב מיך באשלאסען איהר גארנישט צו זאגען, על כל פנים נישט ווען דער טאטע שלאפט.

— קינד מיינס, וואס האסט דו געוויינט?

— איך ווייס נישט, מאמע.

— פיהלסט דיך געזונט?

— יא, מאמעשי, נאר טיילמאל טוט מיר דער קאפ וועה.

זי איז געזעסן האלב אנגעשפארט אויפ'ן בעט און איך האב צוגערוקט דעם קאפ און אנגעלעהנט אויף איהר הארץ.

— מאמע, — פרעג איך — וואס קלאפט ביי דיר דאס הארץ.

— פאר מורא, טאכטערשי.

— דו האסט אויך מורא ביינאכט?

— ביינאכט און בייטאג, איך האב שטענדיג מורא.

— וואס האסט דו מורא...

— איך האב מורא פאר דיר...

— פאר מיר?

די מאמע ענטפערט נישט, נאר איך פיהל, אז עס פאלט מיר איהרם א טרעהר אויפ'ן פנים, א ווארעמער טרער.

— דו וויינסט, מאמעשי?

די טרערען פאלען אפטער און אפטער.

„איך וועל נישט זאגען," באפעסטיג איך מיך אין דער דעה.

אין א ווייל ארום פרעגט מיך פליצלונג די מאמע:

— צי האט דיר נישט רבקה עפעס אנדערצעהלט?

— וועגען וואס, מאמע?

— וועגען דיין חתן?

— פון וואנען קאן זי מיין חתן?...

— זי זאל איהם קענען, וואלט זי נישט גערעדט; נאר אזוי, ווי אין שטאדט... ווייסט נישט, פאר קנאה... א איד א גביר, האט כח צו נעמען אויף דער עלטער א בתולה, ר ע ד ט מען אודאי... ווייס איך? צי האט מען דיר נישט געזאגט, אז דאס לעצטע ווייב זיינס איז געשטארבען, ווייל ער האט זי געפייניגט?

איך זאג איהר גאנץ קאלט־בלוטיג, אז איך האב עפעס גע־הערט דערפון, נאר פון וועמען, ווייס איך נישט.

— אודאי פון רבקה'ן — דאס מויל זאל איהר הינטען שטעהן — בייזערט זיך די מאמע.

— פון וואס דען — פרעג איך — איז זי אזוי פלוצלונג גע־שטארבען?

— פון וואס? א הארץ־פעהלער האט זי געהאט...

— נו, וואס? אז מען האט א הארץ־פעהלער, שטארבט מען?

— אודאי...

מיר האט עפעס ווי געקנאקט אין מוח...

איך בין געווארען א „זיידען קינד" — מען האט מיך אין אלע הייזער געליובט; די טאטע־מאמע האבען עס גארנישט גע־קאנט פארשטעהן; דער שניידער אודאי נישט. איך האב מיר גארנישט אויסגעבאטען: וואס די מאמע האט געוואלט, האט זי געמאכט, וואס פאר א מאטעריע, וואס פאר א שניט, וואס פאר א קליידער... אלץ וואס זי האט נאר אליין געוואלט.

רבקה פלעגט אריינקומען און קנייפען זיך אין די באקען: „ווער פארלאזט זיך אין מאדע זאכען אויף א מאמען — א אידענע פון דער אלטער וועלט? ! וועסט שבת נישט קאנען זיך וויי־זען. נישט אין שול, נישט אין גאס, אין ערגעץ נישט!"

— דו קוילעסט זיך! — האט זי געענדיגט.

מיר איז איינגעפאלען, אז איך בין שוין לאנג געקוילעט. און איך האב רוהיג געווארט אויף שבת נחמו, ווען מען האט געזאלט פארבעטען דעם חתן אויף קדוש...

דערנאך וועט זיין אן אויפרופען, דערנאך א חתונה.

דעם טאטען איז ווירקליך בעסער. ער געהט טיילמאל ארויס אין גאס אריין, ער הויבט אן געוואר צו ווערען וועגען תבואה. רע־דען, ווי ער האט געקלערט, דעם חתן וועגען א הלואה, האלט ער נאך פאר צו פריה. ער רעכענט שבת־נחמו צו פארבעטען איהם נאך אויף שלש סעודות און נאכ'ן שלש סעודות, אריינצוווארפען עטליכע ווערטער.

אז עס איז שוין אזוי גוט, איז צייט אפצושיקען דעם רופא; מען האט אפילו היינט קרעדיט, ער מאנט נישט, שיקט שוין נישט דעם יונג, קומט אליין, נאר עס איז צייט, זאל זיין אן עק. וויפיעל מען האט אפגעשיקט, ווייס איך נישט, נאר דער שליח איז געווע־זען אברהם'ל, וואס האט געזאלט, דורכגעהענדיג אין חדר אריין, דערלאנגען די עטליכע גילדען.

שפעטער דאך איז פלוצלונג אריינגעקומען דער יונג...

— וואס? וועניג געשיקט? — באגעגענט איהם דער טאטע.

— ניין ר' יהודה — איך בין געקומען זיך געזעגענען.

— מיט מיר? — פרעגט דער טאטע פארוואונדערט.

אזוי ווי ער איז אריינגעקומען, בין איך אנידערגעפאלען

אויפ'ן ערשטען בענקעל, וואס איז געשטאנען נעבען מיר; נאר ביי די ווערטער האב איך מיך פלוצלונג אויפגעשטעלט און אין קאפ האט אויפגעבליצט א געדאנק, אז איך דארף איהם שיצען, נישט לאזען באליידיגען; עס איז דאך נישט געקומען דערצו.

— איך פלעג דא אריינקומען — האט ער געמאכט מיט זיין ווייך, זיס און טרויעריג קול, וואס האט זיך געגאסען אין הארץ אריין ווי א בוימאויל — אצינד פאהר איך אוועק. אויף שטענדיג... האב איך געמיינט —

— נו, נו, אדרבה — מאכט שוין געלאסענער דער טאטע — זעץ דיך, יונגערמאן, עס איז אפילו שעהן פון דיין זייט, אז דו געדענקסט א בעל־בית... אדרבא...

— טאכטערשי, — מאכט ער צו מיר, — מען דארף איהם עפעס געבען!

ער האט זיך אויפגעשטעלט בלאס, מיט ציטריגע ליפען און פייערדיגע אויגען. נאר אין דער רגע האט זיך איהם דאס פנים צוריק מרה־שחורה'דיג געענדערט.

— ניין, ר' יהודה, איך דארף נישט, איך דאנק אייך — זייט געזונט!

ער האט די הענט נישט אויסגעצויגען צו קיינעם, און אויף מיר קוים א בליק געווארפען.

אין דעם בליק האט דאך געשטעקט א פארוואורף, עס האט זיך מיר געדאכט, אז ער באשולדיגט מיך, אז ער וועט מיר נישט מוחל זיין, — ו ו א ס, האב איך רעכט אליין נישט געוואוסט.

און איך בין ווייטער אין חלשות געבליבען.

— שוין דאס דריטע מאל, — הער איך — זאגט די מאמע צום טאטען...

„עס מאכט נישט אוים, אין די יאהרען טרעפט זיך עס... נאר חס ושלום ווערט ר' זיינעוועלע געוואר, שיקט ער אפ די תנאים!... ער האט שוין געגוג געהאט יענע חולנית..."

קיין חולנית בין איך דאך נישט געווען.

אין חלשות בין איך אינגאנצען נאך איין־איינציג מאל געפאלען: ביי דער גאלדענער יויך, אז איך האב „ר' זיינוועלען" דאס ערשטע מאל רעכט דערזעהן...

נישט מעהר.

אפילו נעכטען, ווען דער רופא, וואָס שניידט מיין „ר׳ זיינ־וועלען“ אוים אלע חודש די נעגעל, וואָס וואַקסען אהים אין די פינגער אריין, האָט מיך, ארויסגעהענדיג געפרעגט, צי איך געדענק זיין יונג, און דערצעהלט, אז ער איז געשטאָרבען אין ווארשעווער שפּיטאָל — בין איך נישט געפאַלען חלשות. איך האָב קוים אַ טרער געלאָזט. איך האָב אליין נישט געוואוסט פון איהר, נאָר דעם רופא איז זי, די טרער, געפעלען.

— איהר זייט אַ גוטע — האָט ער געזאָגט, — און דאַמאָלט האָב איך זי ערשט דערפיהלט אויף דער באַק.

מעהר נישט.

איך בין אַ געזונטע; איך לעב שוין פינף יאָהר מיט ר׳ זיינ־וועלען...

ווי אזוי, וועל איך אפשר אַן אנדערש מאָל דערצעהלען.

האשה מרת חנה.

(א פעקעל בריף)

א.

צוויי בריף, וואָס חנה האָט באַקומען פון איהר ברודער מנחם
מענדעל, און איין בריף פון איהר שוועגערין חוה
גיטעל. בסך הכל דריי בריף.

ערשטער בריף.

החיים והשלום לאחותי הצנועה מרת חנה תחיה.

דיין בריף האָב איך ערהאַלטען. וואָס קלערסטו איך האָב געגנוג טרערען פאַרגאָסען און א גאַנצע נאַכט געזיפצט און גע־קרעכצט; וואָס קומט מיר אָבער אַרויס, גאָט אין הימעל איז מיין עדות, אז איך בין דיר נישט אימשטאַנד צו העלפען. און וואָס דו שרייבסט וועגען דער ירושה, מוז איך דיר, ליעבע שוועסטער, זאָ־גען, אז דאָס איז גאָר קיין ווערטער נישט! נאָכ'ן אידישען דת האָסטו קיין שום טענה־ומענה אויף דער ירושה; פרעג דיין מאַן, ער איז דאָך א איד א למדן, וועט ער דיר אויך זאָגען דאָס אייגענע. און דו דאַרפסט גאַרנישט פרעגען דעם מאַן, ער זאָל דיר ערשט זאָגען; אזא אשה כשרה ווי דו! עפענט אויף דאָס טייטש־חומש און זעהט, אז צלפחד'ס טעכטער האָבען באַקומען ירושה, נאָר ווייל עס זענען קיין בנים־זכרים נישט געוועזן. אבער, קוים זענען דאָ בנים־זכרים, באַקומען די טעכטער קיין ירושה נישט. און קיין שטר חצי זכר האָסט די נישט. אַי, וואָס דו זאָגסט, אז דער טאַטע, עליו־השלום, האָט דיר דעם גאַנצען נדן נישט גע'סלוק'ט, איז אודאי קיין טענה נישט. וואָרים, צוריק געשמועסט, ווער קריגט דעם גאַנצען נדן? מיר האָט מען, ווייסט דו, אויך אָפּגעריסען, און

איך האָב, חלילה, קיין טענה נישט צו קיינעם. — און בכלל, איז דער שכל מחייב, אז אויב דער טאַטע, עליו השלום, האָט נישט געהאַלטען זיין התחייבות, האָט דאָס צווייטע צד אויך אַזוי געטאָן, און מען איז דערויף באַשטאַנען; די צדדים האָבען איינער דעם צווייטען מוחל געווען, ווי ביי אונז אידען דער מנהג איז. און איך האָב נישט געוואָלט שטעלען אויף מיין דעה, און איבערגעשמועסט די זאַך מיט אונזער רב און מיט די דיינים, און אַלע זאָגען פּה־אחד, אז עס איז אַזוי.

און, בנוגע צו דער טענה, וואָס דו שרייבסט, אז דו האָסט נאָר אַ האַלב יאָהר געגעסען קעסט, נישט אַ גאַנץ יאָהר, — פון דעם ווייס איך שוין גאָרנישט! לא פקדני אבא — דערפון האָט מיר דער טאַטע עליו השלום, נישט געזאָגט. און ווייסען ווייסט דו, אז איך בין דאַמאָלט געווען אַ פּרוש, בין געזעסען ביי דער גאַנצער צייט ביים רבי'ן, זאָל לעבען, און געלערענט... און חוה גיטעל מיינע דערצעהלט, אז עס איז אַזוי געוועזען: עס איז געוואָרען אַ שטיקעל מחלוקת צווישען אייך וועגען די מאַמע, עליה־השלום'ס, שטאָדט אין דער ווייבערישער שול, און איהר האָט אייך ארומגעריסען ביי די קעפּ, און דער טאַטע, עליו־השלום, האָט דערפון גרויס צער געהאַט און גרויס עגמת־נפש; און איינמאָל שבת־צונאַכטס, האָסטו געכאַפּט דאָס פּעקעל מיט'ן מאַן און ביסט מיט'ן אוועק אין זיין שטעדטעל אַריין, — אויב אַזוי, ווער איז אייך שולדיג? אויף וועמען שרייסט דו? ווער האָט אייך געהייסען אנטלויפען? אז מען דאַרף עסען קעסט, עסט מען...

נאָר — איך מיין נישט. חס־ושלום, דיר אָנצוטון עגמת־נפש. איך וויל דיר נאָר אויסווייזען, ווי ווייט אומגערעכט דו ביסט; אָבער יאָ גערעכט, נישט גערעכט, מען דאַרף זיך פיהרען לפנים משורת־הדין, בפרט קעגען אַן אייגענע שוועסטער. נאָר וואָס העלפט עס? וויל יאָ, וויל נישט, אז מען קאָן נישט! דאַרפסט וויסען, שוועסטער־לעבען, אז דער פאָטער אונזערער, זכרונו־לברכה, האָט פאַר דער פּטירה געמאַכט אַ צוואה, ער האָט אוועקגעגעבען דאָס גרויסע ש"ס דעם גרויסען בית־המדרש! דאָס קליינע ש"ס — דעם קליינעם בית־המדרש. די משניות'ן מיט די עשרים־וארבע'ס האָט ער געהייסען שיקען אין שטיבעל אַריין, וואו ער, עליו־השלום, האָט געדאַווענט... קבורה־געלט, נישט אויסגערעדט

זאל עס זיין, האט געקאסט צוויי הונדערט גילדען, מיד ליד האב איך אויך צוטיילט א פופציג גילדען. וואס רעד איך, מעהר, אסך מעהר ווי פופציג גילדען! דעם טאטען, עליו השלום׳ס, מלבושים האב איך אויך צוטיילט ארעמע לייט, חוץ דער זיידענע קאפאטע, וואס איך האב, לויט צואה, איבערגעלאזט פאר מיין משה׳לע, שיחיה, ער זאל אין איהר געהן, אין א מזל׳דיגע שעה, צו דער חופה, במהרה בימינו, אמן. וואס דען בלייבט בסך הכל?

עס בלייבט נישט מעהר, נאר דאס הייזעל. נו, קיין שרפ"ט איז עס נישט ווערט. דער דאך איז, לא עליכם, א חולה־נופל; אויף א האר הענגט ער. דער וואיט הייסט אראפנעמען די אלטע פייער־מויער, און איננאנצען איז עס בחזקת סכנה.

נישט מעהר, שוועסטער לעבען, דו מיינסט, איך האב פרנסה! אז דער טאטע, עליו־השלום, איז נפטר געווארען און איך בין אראפ פון קעסט, האב איך פארדונגען די דריי שטיבען לינקס גרונם דעם סוחר, מען רופט איהם גרונם צאפ (דו מוזט איהם אודאי געדענ־קען און דאס וייב זיינס—זלאטע), מיט דעם געלט קוועל איך מיך און באצאהל קוים פאדימנע און אנדערע פאדאטקעס, וואס וואק־סען פון טאג צו טאג. שולדיג בין איך בסך הכל פאר א יאהר אנדערטהאלבען מיט א שמיץ! דערוויל טו איך מיר עצות, גיב א טרונק בראנפען, — קום שפעטער, קום מארגען, כנהוג, נאר דער שטריק אויפ׳ן האלז וואקסט, און וואס דער סוף דערפון וועט זיין, ווייסט איין רבונו של עולם.

איך באוואוין די דריי שטובען רעכטס אינאיינעם מיט׳ן איינפאהר־הויז און מיט דער שענק; די צייט דערוויל איז זעהר שלעכט, די דערפער ארום האבען זיך פארשוואוירען, נישט צו טרינקען קיין בראנפען. איז נאך וועניג, האט דער פריץ געעפענט אין די ארומיגע דערפער שפייז־געוועלבלעך מיט טיי־הייזער, — וואס זאל איך דיר זאגען? מען דארף רחמים! מען קוקט זיך די אויגען אויס, איידער מען דערזעהט א פויער!

און וואס דו שרייבסט, אז ווער עס קומט זאגט דיר, אז איך האב שעהן פרנסה.—זיי ווייסען, אז מענשען האבען נאר גרויסע אויגען. איידער מען פארדינגט א דרייער, איז קריעת ים־סוף. דער־וויל מוז מען ביילע־סאשען חתונה מאכען. און איך ווער גרוי און אלט דעריבער. די הוצאות זענען אין לשער, אויף חוב וויל מען נישט

געבען, צו די מלבושים פעהלט נאָך א זיידען אויבער־מלבוש, ואחרי בכלות־הכל, מוז חוה גיטעל מיינע, באלד נאָך דער חתונה פאָהרען צו א דאָקטאָר. אז שמואל רופא הייסט שוין פאָהרען, פארשטעהסט דו שוין, ווי עס האלט, רחמנא לצלן... איך האָב געפרעגט דעם רבי'ן, זאָל לעבען, הייסט ער, זאָל לעבען, אויך פאָהרען קיין וואַר־שוי. און דער הוסט ווערט שטאַרקער פון טאָג צו טאָג. — גלייך מען וואָלט האַלץ געהאַקט!

און דאָס, וואָס דו ווילסט מיך איבערשרעקען, אז אויב איך וועל דיר נישט באלד ענטפערען ווי עס געהער צו זיין, וועסטו שרייבען צו אונזער קרובה אין לובלין, און זי וועט געהן צו איהר אדוואָקאט, מען זאָל מיך איבערגעבען אין גוי'שע הענט אריין,— זיי וויסען, שוועסטער לעב, אז דערפאַר האָב איך גאָר קיין פחד נישט! ערשטענס, פארשטעה איך, אז עס איז גלאַט גערעדט, אז אזא כשר'ע צנועה, ווי מיין שוועסטער איז, ווייסט, וואָס א בית־דין איז, און וואָס א סאַנד, להבדיל, איז... אזא שטות וועסט דו נישט טהון. א אידישע טאָכטער טוט נישט אזוי! און, דו זאָלסט אפילו וועלען, האָסט דו דאָך א מאַן צו הונדערט און צוואַנציג יאָהר, און ער וועט אזא עולה נישט דערלאָזען! ער וואָלט זיך שוין נישט געטאָרט ווייזען ביים רבי'ן זיינעם, אפילו נישט אין שטיבעל אריין קומען!

אויסער דעם, ראָט איך דיר, זאָלסט, חס ושלום, נישט ארויס־וואַרפען קיין געלט אויף אדוואָקאַטען; אז עס לא היה זענען זיי, די אדוואָקאַטען, נאָר גיב און גיב און הערסט דו אויף צו געבען, ווייסט ער שוין נישט ווער דו ביסט.

און דערמאָנען מוז איך דיר נאָך די טאַמאַשאַווער מעשה, וואָס דער טאַטע, עליו־השלום, פלעגט דערצעהלען. אפשר האָסט דו זי פאַרגעסען, וועל איך דיר נאָך אמאָל דערצעהלען. אמאָל איז דאָרט נפטר געוואָרען א בעל־הבית; איז די טאָכטער זיינע, א גרושה, געלאָפען צום אפעסאָר, ער זאָל איהר אויסטיילען א חלק ירושה, ווי עס איז בדיניהם. דערוויילי, אזוי ווי זי איז געשטאַנען און גע־רעדט מיט'ן אפעסאָר, איז ביי איהר אין שטוב אראָפּגעפאַלען א קויל פון קוימען... אין דער רגע האָט זיך אונטערגעצונדען די שטוב, און עס איז איהר, נישט פאַר אונז געדאַכט, נישט פאַר קיין שום איד געדאַכט, א קינד פאַרברענט געוואָרען!

און איך ראט דיר, שוועסטער חנה, זאָלסט זעהן חרטה האָבען און תשובה טון אויף דעם, וואָס דו האָסט געשריבען. אין אדם נתפס על צערו, דאָס הייסט, ווי מענשען זאָגען — צרות נעמען דעם שכל צו; נאָר א קטרוג קאָן, חס־ושלום, זיין דערפון, און דו דאַרפסט עפּעס אויף זיך נעמען, כאָטש א תענית איבער א טאָג!

איך פון מיין צד בין דיר מוחל מיט'ן גאַנצען הארץ. און, אז דו וועסט קומען, אם ירצה השם, אויף מיין טאָכטערס חתונה, וועט אלץ ווערען אויסגעהיילט, וועסט דו זיך מיט אונז משמח זיין אין א מזל'דיגע שעה. נאָר זעה, למען השם, נישט צו דערמאַנען פון פראַצעסען, חס־ושלום! —

און דער עיקר פאַרדריסט מיך אויף בעלך, נר"ו, המופלג, וואָס שרייבט גאָרנישט פון זיין געזונט. אויב ער איז אויף מיר אין כעס, זינדיגט ער, און ער דאַרף דאָך וויסען, אז כל הכועס וכו'. חוץ דעם, האָט זיך ארויסגעלאָזט א קול אין אונזער שטעדטעל, אז ימים־נוראים איז ער נישט געוועזען ביים רבי'ן און האָט געדאַווענט גאָר אין בית־המדרש. נאָך זאָגט מען, אז ער וויל אוועקלעגען דאָס לערנען און זיך צו עפּעס צושלאָגען. א נהנה מיגיע כפו, זאָגט ער, וויל ער זיין. וואָס פאַר א צער איך האָב דערפון, קאָנסט דו משער זיין. וואָרים „תורה מה תהיה עליה"? ווער וועט זיצען און לערנען, אז נישט אזוינע טייערע קעפּ ווי ער?!

ער דאַרף וויסען, אז דער טאַטע, עליו־השלום, האָט זיך מיט'ן משדך געוועזען נישט אויף דעם תנאי! און בפרט היינטיגע צייטען, ווען די אומות־העולם נעמען זיך צום מסחר און די עסקים פאַלען פון טאָג צו טאָג, איז אודאי א יושר, נשים זאָלען האַנדלען, און די מענער זאָלען טאַקע יושב ועוסק בתורה זיין, און דער רבונו של עולם וועט זיך אפשר טאַקע מרחם זיין... זאָל ער זיך בעסער ארויסנעמען א כתב־רבנות, זאָל ער ווערען שוחט, מלמד, — וואָס ער וויל, נאָר נישט קיין סוחר, חס־ושלום... איך זאָל נאָר וויסען, אז ער וועט מיר נישט אַפּרעדען מיין קינד פון מיין רבי'ן, וואָלט איך איהם מיין משה'לען געשיקט אויף לערנען מיט קעסט!

זעה, אז דיין מאַן זאָל אוועקלעגען די נאַרישקייטען, דו מאַכסט דיר א געוועלבעל, א שטעל... און זכות אבות, הן פון דיין צד, הן פון בעלך נר"ו'ס צד, וועט אייך בודאי ביישטעהן.

און פּאַריאַג, ראַט איך דיר, די מרה־שחורה, מיט וועלכער דיין בריף איז אויסגעווייקט, אז עס שניידט ביים האַרץ. אַ בשר ודם אָהן בטחון, איז ערגער ווי אַ בהמה, רחמנא לצלן. ער דרעהט זיך אַרום אויף דער וועלט, ווי אַ יתום אָהן אַ טאַטען; אַ גאָט, ברוך הוא, אין הימעל האָבען מיר, פאַרלאָזען פאַרלאָזט ער נישט.

אַז דער מענש פאַלט אַריין אין מרה־שחורה, איז אַ סימן, אַז ער האָט, חס ושלום, קיין אמונה, קיין בטחון נישט, און דאָס איז נישט ווייט פון ערגערע זאַכען, רחמנא לצלן! וואָס איך וויל אפילו איבער מיין מויל נישט ברענגען!

גם שרייב מיר, אחותי חנה, ווי עס שטעהט ביי אייך מיט אַרבעס? אונזערע צוויי גרויסע סוחרים, די געדענקסט דאָך זיי, דער לאָמער יוחנן און יונה סגי־נהור, האָבען אויפגעהויבען דעם מקח, און דער פּרייז אונזערער האָט נישט אויף זריעה... אפשר וועט זיך, אם ירצה השם, מאַכען אַ שטיקעל עסק... עס איז אפשר מן השמים, איך זאָל האָבען צושטייער צו חתונה־הוצאות. דיין טובה פאַרלאַנג איך, חס־ושלום, נישט אומזיסט; זאָל זיך נאָר עפּעס מאַכען, שיק איך אייך אויף הוצאות, זאָלסט קומען עם בעלך המופלג, שיחיה, אויף סאָשע־ביילע, שתחיה'ס, חתונה, איך וועל נאָך פאַר דיר אַ מתנה געבען — דרשה־געשאַנק מצד הכלה!

חוה גיטעל, שתחיה, גריסט דיך גאָר פריינדליך. אַליין שרייבט זי נישט, ווייל עס איז היינט ביי אונז יריד; זענען געקומען צוויי סוחרים פון די זאַמאָשטשער אכל'ער און ווילען דוקא געפילטע פיש. די כלה, שתחיה, איז געגאַנגען צום שניידער אָנמעסטען אַ מלבוש, און מיך האָט מען דאָ אַליין איבערגעלאָזט פאַר אַ שומר ביים קוימען.

און זעה, למען השם, אחותי חנה, נישט צוצולאָזען זיך צום האַרץ, אָוועקטרייבען די מרה־שחורה און לעבען מיט בטחון, ווער עס שפּייזט אַ ווערימעל אויף דער ערד און אַ פויגעלע אין נעסט, וועט דיך אויך נישט פאַרלאָזען.

גרים בעלך, וכו'

פון מיר אחיך —

מנחם מענדעל.

צווייטער בריף.

החיים והשלום לאחותי מרת חנה תחית.

איך האָב דיין צווייטען בריף דערהאַלטען. ער איז געווען דורכגעווייקט פון טרערען, און פול זלזולים געגען מיר, זוגתי חוה גיטעל, שתחיה, און אפילו בתי הכלה, ביילע־סאַשע, שתחיה. און איך האָב דערפון פיעל שפיכות דמים געהאַט, ווארים פארוואָס? אחותי חנה, דו זאָגסט, אַז איך בין, חס ושלום, א גזלן, אַז איך האָב דיך געטראָפען, חס ושלום, אין וואלד, און איך האָב דיך גע'הרג'עט, חס־ושלום; אַז דורך מיר און זוגתי חוה גיטעל, שתחיה, ביסט דו פאַרוואַגעלט געוואָרען פון דערהיים, אַז מיין טאָכטער ביילע סאַשע איז, ביי דיר אין די אויגען, א חצופה, ווייל זי מאַכט זיך זיידענע מלבושים... מה אומר ומה אדבר, אַז איך מוז הערען און שווייגען, ווייל איך ווייס, אַז דיר איז אַזוי שלעכט... אַז נישט דו רעדסט, נאָר דיין שווער געמיט רעדט...

די זאַך איז אבער נישט אַזוי. איך בין חס־ושלום, קיין רוצח נישט! און זאָל קומען איינער פון גאַס, און זאָגען, אַז די קאַפּאָטע, וואָס איך טראָג אויפ'ן לייב, איז זיינע, און ער וויל האָבען א דין־תורה, רעד איך מיט איהם נישט דאָס אַנדערע וואָרט, און געה מיט'ן צום רב. און, אם ירצה השם, אַז דו וועסט קומען אויף ביילע־סאַשע'ס חתונה, האָב איך מיט דיר א דין־תורה, בפירוש א דין־תורה, פון קיין פּשר האַלט איך נישט!

און זעה אַליין! בנוגע צו די קעסט, וואָס דו האָסט נישט דערעסען, ביסט דו דאָך אַליין מודה אין דיין בריף, אַז די סבה איז געוועזען א מחלוקת צווישען דיר און זוגתי, תחיה. ווער עס האָט אָנגעהויבען איז נישט מיין זאַך. איך זעה נאָר, אַז בעלך איז, קיין עין הרע, א גרויסער גולם, שהלך אחרי אשתו... איהר זענט, זאָגט מען, אין א מוצאי־שבת אַנטלאָפען, לייטען־געלעכטער אָנגעמאַכט. דער טאַטע, עליו השלום, האָט געהאַט דערפון גרויס שבירת־הלב און קצור־ימים, (אַזוי האָט ער בפירוש געזאָגט; שכנים האָבען געהערט!) און דו לעגסט אַלץ אַרויף אויף חנה גיטעל תחיה! מאַכסט איהר גלאַט א בלבול!

נאָר! מאי דהוה הוה — דער טאַטע עליו־השלום איז שוין

אויפ׳ן עולם־אמת! אוים קעסט, אוים טענות! שריי חי־וקים געגעז גאט, ברוך הוא!

און זיי וויסען, אז בתי הכלה ביילע־סאשע, איז גאר, חלילה, קיין חצופה נישט! זי איז נעבעך גארנישט שולדיג! צו די זיידענע מלבושים נויט מיך דער מחותן, דער תקיף. איינמאל האט זי אפילו געוויינט, אז זי שטעלט אונז בדלות. וואס זאל מען אבער טון, אז אין די תנאים שטעהט בפירוש „בגדי משי וסאמעט“, אין ער טרעט נישט אפ פון די תנאים. אז נישט, זאגט ער, איז אוים, צוררייסט ער די תנאים! און מעהר פעהלט מיר נישט, נאר בתי, תחיה, זאל, חס־ושלום, פארזיצען!

און זיי וויסען, אז דער נדן איז אויך נאך נישט גע׳סלוק׳ט אינגאנצען במזומנים. צוגעזאגט האב איך זעקס, געגעבען דריי; אויף נאך שתי מאות האב איך געמוזט געבען אן אקט אויפ׳ן הויז. וויסט דו דאך, אז דאס הויז איז אויפ׳ן טאטענס, עליו־השלום׳ס נאמען, — קאסט ווייטער געלט, איידער מען קאן פארשרייבען, וד״ל... אויף דער רעשט האב איך געגעבען א זאלא־וועקסעל אויף סטעמפעל, וליתר תוקף־ועוז — נאך א חרם־קוויטעל. און אצינד בין איך ערשט אין דער קלעם, אז דער רבונו של עולם זאל זיך מרחם זיין.

נאר רעד מיט א אידענע! נישט אומזיסט האבען אונזערע חכמים געזאגט: „נשים דעתן קלות“ און מענשען זאגען: לאנגע האר — מיידעלוויז מיין איך, און קורצער שכל... איך שרייב דער־ריבער באזונדער לבעלך, שיחיה; ער איז א מאנסביל, א בן תורה, א מופלג בתורה, און ער וועט וויסען, אז א בשר־ודם טאר זיך נישט ארויפלעגען אויף אן אנדערען בשר־ודם, ווארים: וכשל עוזר ונפל עזור, — א בשר־ודם קאן קוים זיך אליין דערטראגען... א מענש מוז האבען בטחון.

און איך בין בטוח, אז גאט וועט דיך, חס־ושלום, נישט פאר־לאזען; ער פארלאזט נישט קיין שוואכע פליג! נאר פון רבונו של עולם קאנסטו געהאלפען ווערען, צו איהם זאלסט דו מתפלל זיין, און איך פון מיין צד, אז איך וועל, אם ירצה השם, זיין ביי איהם, זאל לעבען, וועל איך אנגעבען פון דיינעטוועגען א קוויטעל מיט א באזונדערען פדיון: צוויי צי דריי מאל ח״י און עס מוז פועל׳ן!

און בנוגע צום ארבעס, האט זיך אויסגעלאזט א בוידעם. איי־

דער וואס, איידער ווען, האט זיך גבריאל דער פאכטער אראפגע־ברענגט פון אייער געגענד עטליכע פוהרען ארבעס. פארדינט האט ער א מטמון! ער מאכט שוין חתונה א זוהן און גיט שוין נדן... וואס קלערסט דו, אז גאט וויל, פעהלט דיר אויף א מארקע, פאר־שפעטיגט זיך דיין תשובה אויף מיין בריף, און גבריאל ווערט דער חכם!

און וואס דו שרייבסט, אז דאס קינד דיינס איז נישט בקו הבריאה, זאל טאקע דער רופא חולים העלפען; אין סכנת־נפשות, גלויב נישט; נאר אהן מרה־שחורה! איך האב געטאן מיינס. איך בין אויפגעשטאנען גאנץ פריה, געגאנגען אין גרויסען בית־המדרש אריין, אריינגעווארפען אין מאיר בעל הנס, אויפגעשריבען אויף דער מזרח־וואנט „לרפואה־שלמה“ מיט גרויסע אותיות. און, אויב עס וועט זיין אם ירצה השם, א לעזונג, וועל איך נאך שיקען ליכט אין שול אריין. דעם רבי׳ן זאל לעבען וויל איך אויך מודיע זיין. און נישט דערמאנען, אז בעלך איז נישט זיין חסיד, און דו ווייסט, אז ביי איהם, זאל לעבען, בין איך א בן בית...

פון מיר, אחיך

מנחם מענדעל.

עיקר שכחתי. מירל־פיגא, דעם דינ׳ס טאכטער איז, לא עליכם, געווען מקשה לילד, האט מען אראפגעברענגט א דאקטאר פון טאמאשאוו און דער מאן איז תיכף אוועקגעלאפען צום רבי׳ן, זאל לעבען. צי דער דאקטאר האט קאליע געמאכט, צי וואס, נאר אז דער מאן איז געקומען, האט ער זי שוין געטראפען אויף דער מטה. ער האט איהר געמאכט גאר א שעהנעם הספד. אצינד רעדט מען איהם שדוכים, איך וועל מיך אויך אריינלעגען אין דער זאך. עס איז א מצוה אזא שעהנעם יונגעגמאן א טובה צו טון. אגב, טאמער באשערט השם יתברך א רייכען שדוך וועל איך נישט צו־לעגען.

אחיך הנ״ל.

זונתי חוה גיטעל, שתחי׳, לאזט דיך גריסען גאר פריינדליך. ובן בתי הכלה שתחיה. מיט גאטס הילף וועסט דו, אם ירצה השם, די טעג באקומען א חתונה־בריוועל. עס זאל אונז זיין צו מזל און צו ברכה.

מנחם מענדעל הנ״ל.

ניםתי האהובה, המיוחסת והצנועה, האשה הכשרה, הלא היא מרת חנה תחיה.

ראשית בין איך דיר מודיע, ליעבע שוועסטער און שוועגעריז, אז מהיום והלאה, אז גאָט וועט שענקען דאָס לעבען, וועל איך אָפּ־נעמען דיינע בריף, נישט מיין בעל־בכי, און אשפּה וועל איך פון זיי מאַכען! צווייטענס, ליעבע שוועגעריז, איז דאָס פון דיין זייט, צווישען אונז גערעדט, א גרויסע חוצפּה, וואָס דו האָסט זיך אַז אונז אָנגעבאָפּט און דוקא פאר דער א חתונה, און מאַכסט אונז די טעג פינסטער ווי די נעכט, און ווילסט נאָך אָנמאַכען א שוואַרץ־פינסטער לעבען צווישען מאַן און ווייב. דו מוזט, אפנים, מיינען, ליעבע שוועגעריז, אז דו ביסט נאָך ביים שווער, זכרונו לברכה, אויף קעסט, אז דו ביסט א פאַרצוויגענע בת־יחידה, אהן שום דרך־ארץ; און אז מען גיט דיר נישט דעם טעלערל פון הימעל, ווילסטו אַלעמען אויסשטעכען די אויגען, די וועלט אומברענגען, און די קולות דיינע געהען עד לב־השמים. איך געדענק נאָך דיין טופּען מיט די פיסלעך, דיין זעצען מיט די פויסטען אין טיש אריין, בשעת, ווען דער תם דיינער שטעלט זיך אין א ווינקעל אריין שאָקעלט מיט'ן שאָפּענעם קעפּעל, אז די פּאות וואַרפען זיך איהם, ווי די לולבים; דער שווער, זאָל ער מיר עס דאָרט מוחל זיין, זאָגט דאָך אודאי, אז די בת־יחידה איז גערעכט.

טייערע שוועגעריז חנה! עס איז שוין צייט זיך אויפצוכאַפּען פון שלאָף, צו פאַרגעסען די פּוסטע חלומות, און צו זעהן אויף וואָס פאר א וועלט מען איז. דער שווער, זכרונו־לברכה, איז שוין לאַנג אויפ'ן עולם אמת; נישטאָ קיין קעסט, אויסגערונען! א בת־יחידה קאָנסט דו נאָר זיין ביי דיין אייגענעם מאַן, נישט ביי קיין אַנדערען. און איך ווייז דיר צוויי מאָל פינף פינגער!

און דעם בריף־טרעגער האָב איך זהיר והזהר אָפּגעזאָגט, ער זאָל דיינע בריף אָפּגעבען מיר צו דער האַנט, נישט מיין כשר בהמה־לע. זיי וויסען, ליבע שוועגעריז, אז די גאַנצע וועלט בלאָזט אויף די נעגעל פון דיין שגעון! וואָר עס הערט, זאָגט נישט אַנדערש, נאָר א דבוק, רחמנא־לצלן! סערעל די נגידה האָט מיר בפירוש גע־זאָגט, אז דו ביסט ווערט, מען זאָל דיך קורע־כדג זיין! און איך קאָן גאַרנישט פאַרשטעהן, וואָס דו ווילסט האָבען פון מיר! נישט איך חוה ניטעל האָב, חס ושלום, געשריבען די תורה; נישט איך.

חוה גיטעל, ביז, חס ושלום, אראפ מיט דונער און בליצען אויפ'ן בארג סיני, אוועקצו'גזל'ן פון דיר דעם דין פון ירושה; און אז דער שווער דיינער, זאל מיר עס דארט מוחל זיין, איז געווען אזא בטלן, ווי דיין מאן דער תם, און אז מען האט דיר נישט געגעבן קיין שטר חצי זכר, בין איך שולדיג? און דער רבונו של עולם איז נישט, חס ושלום, אין מיין רשות; די שליסעל פון שערי רחמים, ליגען נישט ביי מיר, — עס איז דא צו וועמען צו שרייען! האסט נישט קיין סדור, קיין מחזורים, קיין תחנות? דאווען, בעט רחמים! און אויב דאס קינד דיינס איז טאקע חולה מסוכן, איז דארט אויך דא אן ארון קודש איינצורייסען, קברים צו מעסטען, און מאיר בעל נס אויף צדקה פעהלט אויך נישט! דו ווייסט אבער נישט מעהר, נאר — חוה גיטעל; חוה גיטעל און ווידער חוה גיטעל! פעהלט דיר פרנסה, ווער איז שולדיג? חוה גיטעל! גיסט דו צו איהר אוים דיין ביטער הארץ; איז דיר קראנק דאס קינד, ווער איז שולדיג? מסתמא חוה גיטעל, און פארשרייסט מיר דעם קאפ! און איך, איין גאט אין הימעל ווייסט דעם אמת, בין חולה־מסוכן, איך פאכע מיט דער נשמה און ביי א ליאדע עגמת־נפש, ווער איך ממש אוים מענש. און אז מיר כאפט אן דער הוסט, איז טאקע סכנות נפשות, מיין איד, אז עס עקט זיך מיין וועלט. איך בין, ווי מען זאגט: א פוס אין שטוב א פוס אין גרוב. און אז די דאקטוירים וועלען מיך נאך הייסען פאהרען קיין אויסלאנד וואסער טרינקען, בלייב איך אן א העמד, חס ושלום; און אויף וועמענס הענט לאז איך איבער די שטוב, די פרנסה, די זעקס קינדערלעך, וואס?

דו ווייסט, דאכט זיך, אז אויף מיר שטעהט דאס גאנצע הויז, אז אלץ ליגט אויף מיין קאפ, אז ווי אחיך מנחם מענדעל גיט זיך נאר א ריהר, איז באלד א שאדען; ליימענע הענט האט ער, דאס שלים־מזל! א מענש זאל נישט טויגען, נישט צו גאט, נישט צו לייט; זאל נישט אריינטון קיין האנט אין קאלט וואסער אריין, גארנישט! פעהלט מיר נאך, עס זאל קומען דער דאקטאר און זא־גען, אז עס וואקסט ביי מיר די מילץ אין דער ברייט, אז די סכנה איז חס ושלום, זעהר גרוים, אז איך ברויך גרוים רחמים! — קומסט דו און מאכסט מיך פאר א גליקליכע נגידה, איך זאל דיר העלפען.

ליעבע שוועגערין, איך זאג דיר בפירוש, אז דו האסט א הארץ

פון א טאכטער, נישט פון א אידישע טאכטער; ביסט פשוט א מענש
אהן רחמנות! שוין צייט, זאלסט גאר אינגאנצען אויפהערען מיט
דיינע ליעב־הארציגע בריוועלעך! און זעה, למען השם, צו קומען
אויף דער חתונה, וואס וועט זיין, אם ירצה השם, גאר קירצליך.
ווען, ווייס איך נאך אליין נישט, ווייל איך וויל עס נישט נעמען
אויף מיין אחריות. זאל מנחם מענדעל פאהרען צום צדיק, און
אפשטעלען אויף זיין באראט, ווען די חתונה, זאל זיין אין א מזל־
דיגע שעה, און איך וועל דיר שוין מודיע זיין. מתנות ברענגען
דארפסט דו נישט. און, אז דו וועסט, אם ירצה השם, קומען עס
בעלך המופלג, שיחיה, וועט איהר ביי מיר זיין פון די געהויבענע
געסט, איך וועל אייך זעצען אויבען אן; און די כלה בעט אייך אויך
זעהר און זעהר, איהר זאלט קומען אויף דער חתונה, נאר איהר
זאלט אייך לייטיש פיהרען, נישט חס ושלום, פארגעסען, וואו
איהר זייט אויף דער וועלט, און נישט אנטון קיין חרפות ובושות.
גריס בעלך, שיחיה, מיט'ן קינד לרפואה שלמה
פון מיר, דיין שוועגערין
חוה גיטעל.

ב.

פיער בריף, וואס חנה האט באקומען פון מאן שמואל משה.

ערשטער בריף.

זוגתי האהובה מרת חנה תחיה.

ווען מיין בריף וועט קומען צו דיר אין דער האנט אריין, וועל
איך, בעלך שמואל משה, שוין זיין אין מרחקים. און איך בעט ביי
דיר סליחה ומחילה אויף דעם. איך בין אוועק פון דיר נישט מיט
מיין גוטען ווילען, איך האב שוין לענגער נישט געקאנט אויסהאל־
טען; איך האב געזעהן בחוש, אז עס איז כלו כל הקיצין, אז עס איז
שוין די צרות נישט צו דערטראגען; דעם נדן האבען מיר אויפגע־
געסען, די ירושה האט דיין ברודער דער גזלן, איינגעשלונגען, ער
האט באנוצט די צייט, ווען די בריף זענען צווישען אייך געגאנ־
גען, און האט פארשריבען דאס הויז אויף'ן מחותן'ס נאמען. — צו־
שלאגען זיך צו'ן א שטיקעל עסק האב איך נישט געקאנט. נישט

געהאט מיט וואס; איז מיר קיין אנדערע עצה נישט געבליבען נאר, אדער זיך, חס וישלום צו הענגען, ווי משה דער שניידער האט גע־טאן, אדער אנטלויפען קיין אמעריקא — האב איך אויסגעקליבען אמעריקא; זאל איך כאטש יענע וועלט נישט פארלירען. און אין אמעריקא וועל איך שוין זיין נישט קיין בטלן, קיין „כלי־יקר"; איך וועל מיט גאטס הילף מיט'ן שוויים פון שטערן, מיט מיינע צעהן פינגער פארדינען אויף א שטיקעל ברויט, ביז השם יתברך וועט זיך מרחם זיין און וועט אריינשיקען די ברכה אין מיינע צעהן פינגער, און אפשר וועט ער גאר בענשען דיין מסחר דארט מיט די ציבעלעס, און וועט אונז צוריק צוזאמענפיהרען, אדער מיך צו דיר אדער דיך צו מיר! אמן, כן יהי רצון.

און איך בעט דיך זעהר, ליעבע, גוטע חנה, זאלסט דיך נישט אזוי מצער זיין, נישט אזוי פיעל וויינען. דו ווייסט, אז מיין גאנ־צער מיין מיט'ן אוועקפאהרען איז נאר — פרנסה, נאר דאס שטי־קעל ברויט! דו ביסט זוגתי חנה און איך בין דיין מאן שמואל משה, און ביידע זענען מיר צוגעבונדען צום קינד, זאל לעבען און געזונט זיין. ווען איך וואלט געהאט כאטש א שטיקעל טרוקען ברויט, וואלט איך עס, חס־ושלום, נישט געטאן... אפשר וועט זיך דערווייל השם יתברך מרחם זיין, און, אז דיין ברודער, דער גזלן, וועט דער־הערען, אז איך האב דיך, חס־ושלום געלאזט אן עגונה, וועט ער פארט אפשר רחמנות קריגען, דאס שטיינערנע הארץ וועט ווייכער ווערען, און ער וועט דיר גיכער אפשר שיקען עטליכע רובל אויף פרנסה...

וואס זאל איך רעדען און וואס זאל איך זאגען, מיין גאלדענע חנה?! איך מוז דיר זאגען, אז די מחשבה אוועק צו פאהרען, און דיך איבערצולאזען מיט'ן קינד, איז מיר שוין אסך מאל ארויפגע־קומען אויף'ן זינען. איך האב שוין לאנג געזעהן, אז איך האב נישט קיין אנדערע ברירה. טאג אזוי נאכט האב איך דערינען געקלערט, אי ביים דאווענען, אי ביים לערנען. איך האב נאר געווארט, דעם קינד, עס זאל איהם זיין לרפואה שלמה, זאל בעסער ווערען. אז דעם קינד, זאל לעבען, איז בעסער געווארען, האב איך דאך נישט גע־האט דאס הארץ דיר צו זאגען, אז איך וויל אוועק. וואו די אויגען וועלען מיך טראגען... איך האב מורא געהאט, אז דו וועסט זאגען, אז דו ווילסט נישט, און איך וועל נישט קאנען טון געגען דיין

רצון. האב איך אלץ אין מיר געהאלטען, אפגעגעסען זיך אין דער שטיל דאס הארץ. נאר, אייערנעכטען, אז דו האסט אהיים געברענגט א פונט ברויט, און צוטיילט פאר מיר און פאר'ן קינד, זאל געזונט זיין, און געזאגט, אז דו האסט שוין געגעסען ביים שכן, און איך האב דערקענט אן דיין פנים, וואס האט באקומען אלערליי קאלירען, — ווייל דו קאנסט בטבע נישט זאגען קיין ליגען — אז דו נארסט מיך, אז דו האסט אין דיין מויל נישט געהאט, — האב איך בשעת מעשה דערפיהלט, ווי ווייט איך זינדיג געגען דיר! עסענדיג פון ברויט, האב איך געפיהלט, אז איך עס פון דיר דאס פלייש, חס־ושלום; און דערנאך, ביים גלעזעל טיי, אז איך טרינק, אז איך זויג אויס, חס־ושלום, דיין בלוט. עס האבען זיך מיר מיט אמאל די אויגען געעפענט; איך האב ערשט דערזעהן, וואס פאר א פושע־ישראל איך בין! און אויסזאגען האב איך פארט מורא געהאט; בין איך אנטלאפען אהן דיין ידיעה. —

ביי יחיאל דעם מלוה האב איך פארזעצט די אויבערשטע קאפאטע מיט'ן טלית. נאר, למען השם, דאס זאל קיינער נישט וויסען — און האב גענומען אויף הוצאות. אז עס וועט מיר פעהלען, זענען אומעטום דא אידען בני־רחמנים און מען וועט מיך, חלילה, נישט לאזען פאלען אין גאס. וועל איך אנקומען צו מתנת בשר־ודם! און א נדר האב איך געטאן, אז איך וועל, אם ירצה השם, שפעטער, אז זיין ליעבער נאמען וועט זיך מרחם זיין, און איך וועל וואס עס איז פארדינען, וועל איך אלץ אפגעבען אויף צדקה, מיט רוחים, — אם ירצה השם!

דארפסט פארשטעהן, מיין גאלדענע חנה'לע, ווי מיר איז שווער און ביטער דאס אוועקפאהרען... אז אונזער איינציג טייער קינד איז געבוירען געווארען, איז מיר אודאי אין זינען נישט אריינגעקומען, אז איך וועל איהם מוזען איבערלאזען, כאטש אויף א צייט, אהן א טאטען...

די נאכט, וואס איך בין אוועק, בין איך אפגעשטאנען, אודאי א שעה אויפ'ן זייגער איבער דיין בעט; דו ביסט געשלאפען. ביי דער שיין פון דער לבנה, האב איך ערשט געזעהן, ווי דו זעהסט, נעבעך, אויס! ווי דאס קינד, נעבעך, איז געל ווי א וואקס... פאר פחד און גרויס רחמנות האט מיר דאס הארץ געשטיקט; איך האב שיער נישט ארויסגעלאזט א געוויין; אויס מענש בין איך ארויס

פון שטוב. איך האָב אָנגעקלאַפּט ביים בעקער, געקויפט אַ ברויט, שטילערהייט אריינגעגנב'עט זיך אין שטוב און דיר איבערגעלאָזט. איך בין ווייטער געשטאַנען א ווײַלע און האָב קוים כח געהאט אפצורייסען די פיס פון דער ערד... וואָס זאָל איך דיר זאָגען, חנה, א מענש שפּירט אמאָל אין איין רגע יסורים פון הונדערט יאָהר!

חנה'שי קרוין, איך ווייס גאַנץ גוט, אז איך בין אַ גזלן, אַ רוצח, וואָס איך האָב דיר נישט געלאָזט קיין גט, על כל פּנים אויף אַ תנאי; אָבער גאָט אין הימעל איז מיין עדות, אַז איך האָב דערצו קיין כח נישט געהאט, קיין הארץ נישט געהאט, מיר דאכט זיך, אז ווען איך וואָלט דיר איבערגעלאָזט אַ גט, וואָלט איך, חס ושלום, געשטאָרבען אונטערוועגס פאַר יסורים; מיר זענען דאָך אַ געטרייער. כשר'ער זווג; השם יתברך אליין האָט אויפ'ן זווג מסכים געווען. און איך בין צו דיר אַנגעבונדען מיט'ן גאַנצען הארץ: איין נשמה אין צוויי גופים. און איך ווייס נישט, ווי איך וועל לעבען אָהן דיר און אָהן דעם קינד, זאָל געזונט זיין, אפילו איין מינוט. און טאָמער זאָגט דיר עמיצער, אַז איך האָב דיך געלאָזט, חס ושלום, אַן עגונה, גלויב נישט! דען איך, שמואל משה, בין דיין מאַן, און וואָס איך האָב געטאָן האָב איך געמוזט טון. ווארים וואָס טוט נישט אַ מענש פאַר נויט...

חנה'שי קרוין, ווען איך וואָלט פאַר דיר געקאָנט אויפרייסען מיין הארץ, דו זאָלסט זעהן, וואָס דאָרט טוט זיך, וואָלט מיר אפשר אביסעל גרינגער געוואָרען.—אַצינד, מיין כשר'ע נשמה, לייד איך גרויסע צרות! די טרערען גיסען זיך מיר פון די אויגען, אז איך זעה נישט, וואָס איך שרייב, און דאָס הארץ קלעמט, און אין מוח דרעהט זיך ווי א מיהל... און עס קלאַפּט מיר א צאָן אַן א צאָן, און דער בעל עגלה, דער עם־הארץ, שטעהט איבער מיר און האקט אין טיש אריין און שרייט: פאָהרען, פאָהרען!

רבונו של עולם, האָב שוין אמאָל רחמנות אויף מיר, אויף מיין ווייב חנה, זאָל געזונט זיין, און אויפ'ן קינד, איך זאָל נאָך פון איהם אמאָל נחת דערלעבען.

פון מיר, דיין טרייער מאַן, וואָס שרייבט אויפ'ן וועג אין קרעטשמע.

שמואל משה.

צווייטער בריף.

אשתי היקרה והאהובה.

וואס זאל איך רעדען, וואס זאל איך זאגען; איך זעה בחוש. אז מן השמים האט מען מיך געהייסען פאהרען. אז דאס איז גע־ווען א גאט־זאך. דאס האט ער מיר איינגעגעבען שכל, איך זאל אוועק קיין אמעריקא; אלץ וואס השם יתברך טוט לאזט זיך אויס צום גוטען.

מיין ליעבע חנה! בשעת איך מאך צו די אויגען, דאכט זיך מיר, אז איך בין אין דערהיים, און עס חלומ'ט זיך מיר פון עק וועלט! ווארים באמת, ווער וואלט געגלויבט, אז אזא בטלן, אזא מענש אהן א צונג אין מויל ווי איך, — א מענש, וואס קאן קוים א צורת מטבע, זאל פאהרען מיט דער באהן, לאזען זיך אויף א שיף איבער'ן ים און קומען בשלום קיין אמעריקא! אצבע אלהים! — גאטס השגחה איז עס... זיין ווילען נאר האט גובר געווען. אז איך האב געקאנט איבערלאזען דיך מיט'ן קינד, זאל לעבען. השם יתברך זאל געבען, מיר זאלען נאך זוכה זיין איהם מגדל צו זיין, לתורה לחופה ולמעשים טובים!

חנה'לע קרוין! איך האב מיך פריהער אנגעזעהן גרויס וואונ־דער אויף דער יבשה. דאס איז אבער גארנישט קעגען דעם, וואס איך האב געזעהן אויפ'ן ים. אויפ'ן ים, האב איך פארגעסען אלץ וואס איך האב פריהער געזעהן אויף דער יבשה, און אצינד, ביי די וואונדער אין אמעריקא, פארגעס איך ווייטער דעם ים!

און אויף דער שיף האב איך, אין דער התחלה, גרויס צער און עגמת נפש געהאט; טאקע אין לשער. נאר דאס אלץ איז אויך גע־ווען לטובה, און איך גלויב, אז איך האב דאס אלץ איבערגעלעבט אין דיין זכות און אין זכות פון אונזער איינציג קינד!

חנה'לע, דו מוזט אודאי געדענקען לייב חזן, וואס איז אמאל, מיט עטליכע יאהר צוריק, געקומען צו אונז אין שטעדטעל אריין, און האט ביי אונז געדאווענט ימים נוראים. מוצאי יום כפור, גע־דענק איך, האסט דו מיר געזאגט, אז, צייט דו לעבסט, האסט דו נאך אזא דאווענען נישט געהערט. איך געדענק נאך אפילו דאס

לשון, ווי דו האסט מיר געזאגט: לייב חזן צושרייט זיך ווי א לייב און צוואוויינט זיך ווי א קינד...

אויף מארגען, איז געווארען עפעס א מחלוקת אין שטעדטעל. מען האט לייב חזן נישט אין זינען געהאט, נישט רעכט באצאהלט; און ער איז, געבעד, ארומגעגאנגען אין די הייזער... געדענקסט מיט א קליין מיידעלע, גננעדעל האט זי געהייסען. זי האט נאכגעזונ־גען דעם פאטערס נגונים מיט איהר קינדיש קול'כעל... אז זיי זענען אריינגעקומען צו אונז, האסט דו אויף איהר גרוים רחמנות באַ־קומען, האסט זי גענומען צו זיך אויף דער שויס, געקושט אין קאפ, האסט איהר עפעס געשענקט, איך געדענק שוין נישט וואס, און האסט זיך נאך צוואוויינט פאר רחמנות אויף דער ארעמער יתומה אהן א מאמען... דיך וואונדערט אפשר, וואס איך געדענק אזוי אלץ?

זיי וויסען, חנה'לע קרוין, אז איך געדענק אלע דיינע זיסע רעד, אלע דיינע תנועות, וואס האבען טויזענט חן געהאט; שטענ־דיג שטעהסט דו מיר פאר די אויגען! פאהרענדיג אויפ'ן ים, האט זיך מיר אויך וואס אמאל געדאכט, אז דו שטעהסט נעבען מיר, דאס קינד האלט זיך אן דיין פארטוך, און איך הער דיין קול און דעם קינדס קול, און עס קלינגט מיר אין די אויערען מיט אזא זיסקייט, וואס איז גארנישט צו באשרייבען. —

און אצינד, האט איך מיך מיט דעם אייגענעם לייב חזן אויפ'ן וועג געטראפען. נישט צו זינדיגען מיט די רעד, איז דער לייב חזן גאר אינגאנצען אראפ פון וועג! גאר, גאר...

אויף דער שיף האט ער נישט שטארק געקוקט, יא כשר נישט כשר; טרינקען טרינקט ער ווי נישט קיין איד... איבער דער גאנ־צער צייט האב איך איהם נישט געזעהן אין טלית און תפלין... אדער ער זאל בענשען נאכ'ן עסען... געהן געהט ער ארום גאנצע טעג אהן א היטעל... און לא די, וואס ער אליין איז אזוי, פיהרט ער נאך די טאכטער אין זיינע דרכים... די דאמאלטיגע גנענדעל וועט היינט אלט זיין א יאהר זיבעצעהן, וואלסט דו זעהן — א פאר־טרעט! און ער הייסט זי, זי זאל זינגען און טאנצען פאר די פא־סאזשירען פון שיף, און זי זינגט אויף כמה וכמה לשונות, רחמנא לצלן. לייט הערען און פאטשען מיט די הענט פאר נחת, און שריי־

ען, דאס גוטע־יאהר וויסט זיי וואס! און עס געהט צו אויסגעלאסען און פארשייט, אז — חלשות!

צום אלעם ערשטען, וואס זאל איך לייקענען, האב איך מיך מיט זיי זעהר דערפרעהט. פארט. טראכט איך, היימישע מענשען. איך וועל שוין נישט ארומגעהן אזוי עלענד, אזוי איינער אליין. האב איך דערנאך אבער געהאט גרויס שברות הלב; איך האב נישט געקאנט צוזעהן זיין התנהגות מיט דער טאכטער. און טיילמאל האט מיך געשניטען אין הארץ, ווי א איד א בעל־תפלה, וואס פלעגט שטעהן פאר'ן עמוד, זיין א שליח פון כנסת־ישראל פאר'ן רבונו של עולם, רעדט גאר פשוט נבול־פה, אז די גאל קעהרט זיך איבער. און א קול האט ער, איז עס דורכגעברענט פון בראנפען...

איז דאך גוט, נעמען זיי זיך נאך צו מיר און ווילען מיך מאכען פאר א לייט! חוזק מאכען זיי פון מיר אויף דער שיף! מען הערט נישט מעהר נאר: בטלן, שוטה... ער צופט מיר די פאות, זי רייסט די ציצית פון טלית־קטן און די גאנצע שיף האט מיט מיר צו טון!

און וואס פארדריסט זיי? וואס איך בין אזוי אפגעהיטען פון טרפות. וואס איך וויל בעסער פאסטען, איידער עסען פת עכו"ם.

דו ווייסט דאך, אז איך האב מיך פיינט צו קריגען. רוק איך זיך אפ אן א זייט, באהאלט מיך אין א ווינקעלע, און וויין מיר אויס דאס הארץ אין דער שטיל...

דער עולם געפינט מיך אבער און מאכט פון מיר לייטען־געלעכטער. איך האב געמיינט, עס איז מיין עק!

ערשט אצינד, אין אמעריקא, זעה איך, אז דאס אלץ איז געווען א גאט־זאך!

אז דאס האט מיר גאט, מיט זיין גרויס חסד, אנגעגרייט לייב חזן מיט דער טאכטער אין אמעריקא, ווי ער האט אנגעגרייט יוסף'ן פאר זיינע ברידער אין מצרים.

יוארים. וואס וואלט איך אהן זיי געטאן! א מענש אהן לשון, אהן א מלאכה, נישט וויסענדיג, וואו א טיר עפענט זיך!

און לייב חזן איז דא א גאנצער בן בית. ענגליש רעדט ער ווי א וואסער. תיכף, אזוי ווי איך בין נאר געקומען, האט ער מיך אריינגעפיהרט אין א ציגארען־פאבריק, און — איך ארבייט און פארדין שוין!

דערווייל וואוינען מיר אפילו אין איין דירה. ווארים, פרעג מיך בחרם, ווי אזוי מען געהט דא דינגען א דירה!

אויך זענען זיי, — טאקע גאטס חסד, בנוגע צו מיר, גאר אנ־דערש געווארען.

גנענדעל מאכט שוין נישט חוזק אוים מיינע בארד און פאות, און האלט זיך פון מיר פון ווייטענס, ווי עס פאסט פאר א אידישע טאכטער. זי קאכט פאר אונז, און דאס איז זעהר וויכטיג, הגם קיין פלייש עס איך נישט, נאר אייער, און טיי טרינק איך אהן מילך. וואשען וואשט זי אויך.

פון דעם איז באמת א מוסר ארויסצולערנען, אז טאקע וואס דער רבונו של עולם טוט, טוט ער צום גוטען.

און ווייסט, ווי אזוי עס האט זיך אלץ איבערגעדרעהט צום גוטען? גאר פשוט: אין ד י י ן זכות!

נאך אויף דער שיף, אז איך האב געזעהן, אז איך וועל עס פון זיי נישט אויסהאלטען, האב איך מיר געמאכט א הארץ און בין צו־געגאנגען צו גנענדלען, און געזאגט איהר, אז איך בין דיין מאן. איך האב זי דערמאנט דעם נאך יום־כפור, ווען זיי זענען ביי אונז אין שטוב געוועזען, ווי אזוי דו האסט זי מקרב געוועזען, גענומען אויף דער שוים, און אזוי ווייטער...

תיכף ימיד איז זי אנדערש געווארען. זי האט אויף מיר רחמנות געקריגען, די אויגען זענען איהר מיט טרערען פארלאפען. זי איז באלד צוגעלאפען צום פאטער און האט מיט איהם איבער־געשמועסט די זאך, און באלד איז געווארען א שלום.

תיכף האבען זיי געבעטען דעם שיפס־קאפיטאן, ער זאל מיך הייסען בעסער באהאנדלען. און אזוי איז געווען!

איך האב אנגעהויבען צו באקומען ברויט, וויפיעל מיין הארץ האט געגלוסט, און טיי. וויפיעל איך האב געוואלט. די שיפס־לייט, האבען מיך אויפגעהערט צו פייניגען, איך האב אנגעהויבען אפ־צואטעמען.

דארפסט די פארשטעהן, וואס פאר א חשובה די גנענדעל איז געווען ביי די לייט! און עס איז קיין וואונדער נישט; ערשטענס, איז ביי זיי דער עיקר א יפת תאר; פאר א יפת תאר וואלטען זיי אין ים אריין געשפרונגען; צווייטענס, איז גנענדעל זעהר א נוטע בטבע, און האט חן ביי לייט, דעם זיבענטען חן!

איצינד, מיין גאלדען ווייבעלע, וועל איך דיר אנזאגען א בשורה טובה:

לייב חזן זאגט מיר צו, אז איך וועל פארדינען, לכל הפחות, ביז צעהן דאלאר א וואך.

איך רעכען זיך אזוי צו פיהרען: א העלפט, — פינף דאלאר, וועל איך דיר שיקען, און פינף וועל איך מיר באהאלטען. דערפון וועל איך לעבען. און וועל מיר נאך אנזאמלען צו קויפען ש"ס; משניות'לעך האב איך מיטגענומען. עס איז ביי מיר געבליבען, איך זאל יעדע וואך לערנען, לכל הפחות, צעהן בלאט גמרא. קיין טלית וועל איך דערווייל נישט קויפען, ווייל איך דאווען לעת עתה אין לייב חזן'ס טלית... ווארים לייב חזן האט מיטגענומען א טלית!

צו וואס, אפילו, ווייס איך נישט. ווארים דאווגען, דאווענט ער נישט א ווארט!

איך רעד מיר איין, אז דאס איז אויך מן השמים; מען האט'ן געהייסען פיהרען פאר מיינעטוועגען א טלית.

און אפשר רעכענט ער צו דאווגען דא ימים נוראים פאר'ן עמוד? עס געהט צו ימים־נוראים! איך ווייס? אין אמעריקא איז אלץ מעגליך! דא איז א פארקעהרטע וועלט!

און דער עיקר — איין דאלאר וועל איך באהאלטען, און זאמ־לען, מיט השם יתברך'ס הילף, פאר דיר מיט'ן קינד אויף הוצאות, איהר זאלט דאביידע קומען אהער. ווארים איך זעה בחוש, אז עס איז, השם יתברך'ס רצון איך זאל שוין בלייבען דא אין אמעריקא, און דער רבונו של עולם ווייס בעסער, וואס עס איז גוט פאר א מענש.

ווייסט, וואס איך וועל דיר נאך זאגען? אז איצינד בין איך שוין נישט מעהר אין כעס אויף דיין ברודער דעם גזלן; ווייטער דאס אייגענע: איך זאג, אז דאס איז אויך מן השמים! אנדערש קאן גארנישט מעגליך זיין, א מענש זאל האבען אזא גזל'ניש הארץ קעגען אן אייגענע שוועסטער.

נאר דאס אלץ האט מען געפיהרט, איך זאל אנטלויפען קיין אמעריקא, און דיך אהער נעמען. און, אז גאט יועט מיר העלפען, איך וועל קומען צו עפעס געלט, וועל איך איהם נאך, דעם ברודער דיינעם, אויך באהילפיג זיין. ער איז א קבצן, זאג איך דיר! איך

זעה דאך: וואס ביי אונז הייסט גביר, הייסט דא, אין אמעריקא— א שלעפער!

איך ענדיג דעם בריף, איך מאך דאס מאל בקצור, הגם, איך האב נאך אסך, אסך צו שרייבען. ווייל איך האב מורא, לייב חזן מיט גנענדלען זאלען נישט אריינקומען צו מיר אין שטוב; איך וויל נישט, זיי זאלען זעהן, וואס איך שרייב דיר. און איך בעט דיך זעהר, דו זאלסט מיינע בריף נישט ווייזען קיין שום בן אדם! וואס דארף א פרעמדער וויסען, וואס ביי אונז קומט פאר?

און איך האלז און קוש דאס קינד, זאל לעבען! גיב איהם אויך אויף מיין חשבון צעהן טויזענט הייסע קוש, — הערסט?

פון מיר דיין מאן

שמואל משה.

דריטער בריף.

אשתי האהובה!

איך געדענק, דאס ערשטע מאל, אז יוחנן שוסטער איז אוועק פון אונז קיין אמעריקא, האט מען אנגעהויבען שטארק וועגען אמעריקא צו שמועסען; ווי אזוי מען פיהרט זיך דארט, ווי עס געהט צו.

מען האט געפרעגט, אויב מען געהט דארט נישט אויפ'ן קאפ. און, אמת איז, אז דא איז א פארקעהרטע וועלט! קיין שום סדר; בלויז קולות מיט געוואלדען, ווי ביי אונז אין קצב'ישען מנין!

שטעל דיר פאר, אז ביי אונז, למשל, זאל קומען פלטיאל דער וואטענמאכער און יוסל דער גארבער, און זאגען, אז דער רב אונ־זערער איז נישט קיין למדן; וויים איך, אז ער נישט בקי אין גטין וקדושין; אדער גאר, אז זיי געפעלט נישט דער ראש הקהל! הכלל — זיי ווילען אן אנדערען רב, צי אן אנדערען ראש הקהל! נו, נו, וואלט מען זיך נישט געהאלטען ביי די זייטען?

און דא, אין אמעריקא, האבען ארבייטער, ציגארען־שניידער, אזוינע ווי איך, אין אלעם א דעה! — זיי מאכען מיט ביי דער

קלפי, מישען זיך ביי די בוררים, און טרעף וואס זיי קלייבען אויס?
—א פרעזידענט!

און וואס מיינסט דו, איז א פרעזידענט?

א פרעזידענט איז, נישט מעהר נישט ווענינגער, ווי א ראש וראשון איבער דער גאנצער מדינה! און, ווי איך האב דא גע־הערט, איז אמעריקא צעהן מאל אזוי גרויס ווי גאנץ אייראפא! פארשטעהסט אן עסק? הייגט שטעל דיר פאר מיין שרעק. אז איך זיץ מיר אזוי נעכטען ביינאכט אין שטוב, האב איך זיך די היים. און מיט אמאל עפענט זיך די טיר, און עס קומען אריין צוויי ארביי־טאר. וואס שטעהען מיט מיר ביי איין מאשין, און—אחינו בני ישראל! און זיי לעגען מיר פאר צוויי נעמען, איך געדענק שוין אפילו נישט וואס פאר א נעמען, און זאגען מיר, אז איך בין אויך אן ארבייטער, און מוז זעהן, מען זאל אויסקלייבען א פרעזידענט, וואס זאל זיין גוט פאר אונזער קלאס.

און זיי דערצעהלען מיר, אז איין פרעזידענט האלט פאר די רייכע לייט, און טרעט מיט די פיס די אלע, וואס לעבען פון זייערע צעהן פינגער; און דער צווייטער, טאקע דער וואס זיי ווילען אויסקלייבען, איז גאר א דימענט; ער האלט שטאל און אייזען פאר אר־בייטער, און די גראבע בייכער רודף'ט ער מיט א שרעקליכער שנאה! און נאך אזעלכע נארישקייטען, וואס איך האב שוין גאר־נישט פארשטאנען.

אין הארץ האב איך זעהר געלאכט, נאר פון שלום וועגען,— עס פאסט דאך נישט, מבייש צו זיין קיין מענשען, — האב איך זיי געטאן די טובה און צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ אויף יא!

אגב, האב איך טאקע געוואלט, זיי זאלען וואס גיכער ארויס פון שטוב, איך זאל מיר שוין קאנען זעצען שרייבען צו דיר דעם בריף. נו, זאג אליין, איז דאס נישט א משוגעת?

נאך זייערע רייד נאך, קומט אויס, אז עס וועט ווערען פרע־זידענט דער, וואס זיי ווילען, וועל איך פארדינען צעהן דאלאר, און, חס ושלום, ווערט אן אנדערער פרעזידענט, וועל איך פארדינען נאר ניין! און אפשר אכט!

און לייב חזן זאגט, אז ער פארשטעהט די פאליטיק! אז אין

דעם שמעקט א שכל! און, אז איך וועל דאַ זיין, זאָגט ער, א לענגע־רע צייט, וועל איך קריגען א ידיעה אין פּאָליטיק. מילא, זאָל זיין אזוי, שאָקעל איך איהם אויך צו מיט׳ן קאָפּ, טראַכט איך מיר: נכנס יין יצא שטות — האָט גענומען אַן איבעריגען טראָפּען, רעדט ער פון וועג! האָט ער מיר אָבער געשוואוירען. אַז בשעת קלפי, לעבט ער דערפון און עס בלייבט איהם נאָך וועלכער גראָשען אויף שפּעטער; פאַרשטעה איך טאָקע נישט, ווי אזוי!

נאָר אַלע נארישקייטען אוועקגעלעגט: נישט אונזער זאך! זאָל זיין דער, זאָל זיין יענער פרעזידענט, פון דעם וועט אונזער מזל נישט אויפשיינען.

די מעשה איז: אַז גאַנץ אָפט פאַל איך אריין אין א מרה שחורה, און די טרערען קאַפּען מיר פון די אויגען אויף די ציגאַרעטך בלעטער. וואָס איך שנייד; און ביינאַכט שלאָפט זיך נישט, ווי עס דאַרף צו זיין!

טיילמאָל הויבט מיר אַן קלינגען אין די אויערען; גאַנצע טעג האָב איך קאָפּ־וועהטאָג... און צו דעם אַלעם איז קיין בעסערע רפואה נישטאָ, נאָר צו נעמען פּאַפּיר, טינט און פעדער, און צו שרייבען א בריוועלע צו מיין גאָלדענער חנה.

מיין טייערע ווייבעלע! איך קאָן פון דיר קיין זאך נישט האַל־טען בסוד. איך מוז דיר אַלץ דערצעהלען: איך לערען נאָך דער־וויל משניות; קיין ש״ס האָב איך נאָך נישט געקויפט! און ווייסט דו פאַרוואָס? ווייל איך האָב געמוזט מאַכען גאַר אַן אנדער הוצאה.

זיי ווי׳סען, מיין גאָלדענע חנה, אַז אומעטום איז איין וועלט. הגם מען שרייט דאָ אַלץ אינאיינעם: פרייהייט, פרייהייט, איז דאָס אַלץ ווערט א ציבעלע! מען האָט דאָ אויך פיינט א איד! דאָ איז מען אפשר נאָך מעהר מבזה דעם צלם־אלהים פון א איד! הינט, וואָס זאָלען ארומלויפען אין די גאַסען, זאָלען בילען און רייסען אידישע פּאָלעס איז נישטאָ, אבער קיין לאָבוסעס פעהלען דאָ אויך נישט. קוים דערזעהען זיי א קאַפּאָטע, ווערט א געשריי: „דזשו, דזשו! אויף זייער לשון איז עס פּונקט דאָס אייגענע וואָס ביי אונז „זשיד״. און זיי וואַרפען נאָך שטיינער און בלאָטע בלאָטע פעהלט דאָ אויך נישט, ברוך השם! וואָס האָב איך געזאָלט מאַכען? האָב איך געטאָן דאָס זעלבע, וואָס אַלע אידען טוען דאָ.

איך האב ארונטערגעמאכט די פאות הינטער די אויערען, האב מיר געקויפט, אויף אויסצאהלען ראטעס־ווייז (אזא מנהג איז דא), דייטשעשע בגדים. — האסט דו אז עק פון געלט! און אויך דו, חנה'לע, אז דו וועסט, אם ירצה השם, קומען, וועסט דו דיר אויך מאכען אנדערע קליידער; ווארים א מנהג איז מבטל א דין, און דא איז מען זיך אזוי נוהג!

און וואס דו שרייבסט, אז גנענדעל געפעלט דיר נישט, פארשטעה איך נישט פארוואס? וואס דו האסט דא צו איהר? אויך בין איך נישט מחויב די וועלט מחזיר למוטב צו זיין. חוץ דעם, בין איך זיכער, אז זי טוט דאס אלץ דער ביטערער פרנסה צוליעב! בטבע איז זי אזא כשר'ע נשמה, ווי אלע אידישע טעכטער. א גאנצען טאג, אז איך מיט לייב חזן זענען מיר אין פאבריק, קאכט זי און וואשט און קעהרט די שטוב. אוונט־צייט, געהט זי ערשט, צוזאמען מיט'ן פאטער, אין זייערע ערטער, וואו זי זינגט און שפילט, און טאנצט, פאר'ן עולם. איך זיץ מיר אין דערהיים, לערען תורה און שרייב צו דיר. קעגען האלבער נאכט קומען זיי, טרינקען מיר צוזאמען טיי און מען געהט שלאפען.

און דאס, וואס דו שרייבסט, אז דיר דאכט זיך, אז גנענדעל האט דאס געמוזט צי'גנב'נען דעם לעפעל, וואס האט אונז דאמאלט געפעהלט, דאס איז שוין גאר קיין ווערטער נישט!

גנענדעל איז אפשר נישט אזוי פרום אין אמונה זאכען. אבער אזוי, א פרעמדענס, חס־ושלום, וועט זי נישט ריהרען! און, חלילה וחלילה, זי זאל זיך דערפון נישט דערוויסען! זי באהאנדעלט מיך ממש ווי אן אייגען קינד; פרעגט מיך אלע מאל, צי איך ברויך נישט א ווייס העמד, צי וויל איך נישט נאך א גלאז טיי!

און באמת איז זי א וואויל קינד. אלץ וואס זי פארדינט, גיט זי אוועק דעם פאטער. הײנט וואלסט זעהן, ווי זי האלט איהם בכבוד, הגם ער איז עס נישט ווערט! כאטש ער קומט אמאל אהיים פרעהליך, גאר פרעהליך א'ן רעדט פאר פייער, פאר וואסער!

אויך האט מיר לייב חזן בפירוש געזאגט, אז ער זאמעלט איהר נדן, און קומט ער צום ערשטען טויזענטער, זוכט ער איהר אויס א חתן, און פיהרט זי אונטער דער חופה כדת משה וישראל! און זי

וועט זיך שוין נישט רייסען דעם האלז פאר א פרעמדען עולם! איך ווייס נישט, צי ער מיינט עס ערנסט, נאר — הלואי! זאל איהם גאט העלפען, ער זאל עס דערגרייכען; זאל זי אוועקווארפען די מאום'ע פרנסה.

גנענדעל. איז אפילו דערביי געווען, און זי האט זיך גערוי־טעלט פאר בושה, ווי עס פאסט פאר אן אמת אידישע טאכטער; אפנים, זי איז אויך מסכים.

בעט איך דיך דעריבער זעהר, מיין ליעבע חנה'לע, דו זאלסט זיך דערווייטערען פון לשון הרע און רכילות. דאס איז גאר קיין מנהג נישט, קיין יושר נישט; דאס פאסט פאר קליינשטעדטעלדיגע ווייבער. און דו, גאלדענע חנה'שי דארפסט קומען אין אמעריקא. דא זענען די ווייבער גאר אנדערש; געזעצטער, ערנסטער און — פאר־נומענע מענשען ווי די מאנסבילען.

און, צוריק געשמועסט, איז דיין שמואל משה קיין שניידער נישט, קיין שוסטער נישט. ער זאל אוועקווארפען א ווייב פאר אן אנדערע וועגען. דו מארסט עס גארנישט טראכטען! דאס איז פאר מיר גלאט א חלול הכבוד! און זיי וויסען, אז דיינע רעד שטע־כען מיר ווי מיט מעסער; און לייב חזן מיט דער טאכטער זאלען זיך דאס דערוויסען, וואלטען זיי מיך פארלאזט. איך וואלט גע־בליבען איינער אליין ווי אין א מדבר. עס וואלט א פאל געווען אומצוקומען, ווארים דאס לשון קאן איך נאך נישט. קוים איינציגע ווערטער, און ווייס נאך נישט, וואו אוים און וואו איין.

און אצינדערט בעט איך דיך, און בעט דיך זעהר, מיין ליעבע חנה, זאלסט נעמען דאס קינד ביים הענטעל, און זאלסט מיט'ן הענטעל איבערגעהן אויפ'ן פאפיר, ער זאל מיר עפעס צושרייבען; לאמיך פון איהם זעהן כאטש א צורת אות! רבונו של עולם, ווי־פיעל מאל שטעל איך מיך אוועק אן א זייט, איינער אליין אין א ווינקעלע, און וויין מיך גאנץ גוט אוים! און אויף וואס וויין איך? אויף דעם, וואס איך בין נישט זוכה צו לערנען מיט מיין קינד תורה! האב איך וועניג הארצוועהטאג דערפון, קומען נאך די בריף דיינע, און שיטען מיר זאלץ אויף די וואונדען. אט, היינט האט מיך לייב חזן געבעטען. און גנענדעל, דא הייסט זי סאפיא, האט אויך צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ. איך זאל געהן מיט זיי, הערען די

זי זינגט, און זעהן ווי זי טאנצט, און איך האב נישט געוואלט; האט לייב חזן ווייטער געזאגט: נארישער חסיד, זי האט פארצווי־גען מיט'ן נעזעל; נאר מיין דאגה! איך וועל מיר געהן אין מיין דרך און וועל נישט אראפּ אויף א האר!

בלייב געזונט, דו און אונזער קינד, ווי עס ווינשט דיר, דיין מאן

שמואל משה.

זעה למען השם, די זאך וועגען די קליידער זאל בלייבען בסוד. עס זאל דערפון, ביי אונז אין שטעדטעל, קיין ילוד איש נישט ווי־סען, איך וואלט מיך געשעמט די אויגען אויפצוהייבען.

בעלך שמואל משה הנ"ל.

פיערטער בריף.

אל אשתי הצנועה מרת חנה תחיה.

אין צעהן בריף, האב איך גנענדעל'ס נאמען נישט געברענגט איבער'ן מויל. איך האב אפילו, דעם פאטער איהרען, לייב חזן, נישט דערמאנט. מיט גרויס מיה האב איך מיר געדונגען אן אנ־דערע דירה, ביי א היגען שוחט און האב זיי שוין כמה וואכען נישט געזעהן. און דו הערסט נאך אלץ נישט אויף צו שרייבען גנענדעל און גנענדעל, און סאפיע און סאפיע! און וואס ווילסט דו פון איהר? וואס? א י ך זאל אזוי געזונט זיין, מיר ביידע זאלען אזוי געזונט זיין, אויך זאלען מיר אזוי זוכה זיין צו זעהן זיך, צוזאמען מיט'ן קינד אין פריידען, ווי איך האב אליין געזעהן, ווי סאפיע איז אריינגעקומען צום פאטער אין פאבריק, און עס איז צו איהר צוגעגאנגען דער דירעקטאר אליין, און האט אנגעהויבען מיט איהר צו רעדען, חנ'דלעך צו מאכען; און, הגם איך האב נישט פארשטאנען, וואס ער רעדט צו איהר, ווייס איך דאך, אז ער האט געמיינט נישט קיין מצוות און מעשים טובים, און האט זי נאך גע־וואלט אנגעמען ביי א באק. נו, וואס קלערסט דו? איך בין נבהל ונשתומם געווארען, אזא פאטש האט זי איהם דערלאנגט איבער דער האנט! און, האסט נאך געוואלט זעהן. מיט וואס פאר א גאוה

זי האָט זיך פון איהם איבערגעדרעהט און אװעקגעגאַנגען. איך האָב מיך פּשוט מחיה געװעזען...

זעהסט דו דאָך בחוש, אַז נאָך אַלע זאַכען איז גנענדעל אַ כשר קינד, און דו ביסט אויף איהר מוציא לעז בחנם. דו שרייבסט, אַז זי װיל מיך אַריינכאַפּען װי אַ פיש אין אַ נעץ אַריין און נאָך אַזעלכע נאַרישקייטען, — שװערען קאָן איך דיר, יום־כפור ביי אַ ספר־תורה, אַז עס איז שקר. און דאָס דיר צוליעב דערװייטער איך מיך פון איהר, מייד זי אויס װי װייט מעגליך איז. טרעפט מען זיך, ענטפער איך איהר אויף איהר הונדערטער װערטער מיט אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ. און װייטער דאָס זעלבע: באמונה שלי, אַז דו ביסט זי חושד גאָר אומזיסט; דו זינדיגסט, חס ושלום, פאַר גאָט! נאָר דאָס איז נאָך גאָרנישט, איך װאָלט עס, װי אַלע מאָל, פאַרשװיגען, איז אָבער דערפון אַרויסגעקומען אַ מעשה, װאָס — גאָט זאָל שומר ומציל זיין! איך װאָלט בעסער געװאָלט, די ערד זאָל מיך איינשלינגען, איידער אַזאַ בושה!

ביי דער אַרבייט איז מיר איינמאָל, יענע װאָך, נישט גוט געװאָרען; עפּעס האָט מיר אָנגעהויבען צו שװינדלען פאַר די אויגען. איך האָב אָנגעהויבען חלש'ען. אַז איך בין צו מיר געקומען, בין איך שוין געלעגען ביי מיר אין שטוב אויפ'ן בעט. ביים בעט איז געשטאַנען אַ דאָקטאָר. געזאָגט האָט ער, אַז עס איז אַ פיבער,— אַזוי רופט מען דאָ קדחת. אָפּגעלעגען בין איך אַ טאָג צעהן. און איבער דער גאַנצער צייט איז לייב חזן נישט אָפּגעטרעטען פון מיין בעט, און האָט מיך געראַטעװעט װי אַן אייגען קינד. שפּעטער בין איך געװאָר געװאָרען, אַז, װען איך בין געלעגען אין היץ, פלעגט סאָפיע אויך קומען מיך מבקר חולה זיין... און פונקט דאַמאָלט איז איינמאָל אָנגעקומען דיינס אַ קאַרטעל, און װעלכען דו האָסט אויסגעגאָסען דיין ביטער האַרץ אויף דער אומשולדיגער סאָפיע... זיי האָבען אודאי און אודאי די קאַרטע געלייענט, װאָרים איך בין דאָך געלעגען אין דער היץ...

און, װען דו האָסט געשריבען דיינע מאוס'ע רעד, דיינע זלזולים, די בלבולים דיינע, האָבען זיי דאָ פאַר מיר כמעט דאָס לעבען געשטערקט... גערופען דאָקטוירים, געבעט און איבערגעבעט, רפואות דערלאַנגט און עטליכע אייגענע חפצים פאַרזעצט, עס

זאָל זיין מיט וואָס צו ראַטעווען. א פלאַש ווײַן אפילו האָבען זיי מיר געבראַכט. איך האָב זי אפילו נישט אָנגעריהרט מיט'ן מויל: אמת נסך! נאָר זיין מ'יין איז דאָך גוט געוועזען... אַחוץ דעם פלעגען זיי מיר דריי מאָל אין טאָג מעסטען מיט אַ גלעזערנעם רעהרעל די היץ, אַזוי הייסען דאָ די דאָקטוירים... און ווער האָט מיר דאָס אַלץ דערצעהלט? טאקע דער שוחט מיט'ן ווייב; זיי האָבען מיר דאָס אַלץ דערצעהלט. ווען נישט לייב חזן און סאָפיע, וואָלסט דו שוין היינט, חס ושלום, אַן אלמנה געוועזען! שרייבסט דו אין דער אייגענער צייט אַזוינע נאַרישע הבלים. פע, א חרפה און א שאַנד! איך ווייס גאָרנישט, ווי דו וועסט קאָנען קומען קיין אמעריקא, ווי דו וועסט גאָר קאָנען זיין אין אמעריקא!

איך האָף, מיין ליעבע חנה'לע, אַז דו וועסט אַוועקוואַרפען די נאַרישקייטען, און פון היינט מאָל אָן, וועסט דו מיר שוין דאָס לעבען מיט אַזוינע בריף נישט פאַרביטערען.

אָפט שלאָף איך נישט ביינאַכט. דאַכט זיך מיר דאַמאָלט, אַז איך זעה בחוש, ווי דו זיצסט דאָרט ביים טיש און שרייבסט צו מיר אַ בריף. דו שרייבסט און מעקסט, שרייבסט און מעקסט, און איך זעה דעם בריף. אָבער פון ווייטען דערקען איך נישט די אותיות און איך האָב גרויס צער דערפון, וואָס איך קאָן דעם בריף פון דערווייטען נישט לייענען. און דו נעמסט די פעדער, לעגסט זי דעם קינד אין הענטעל אַריין, — אויף דער שוים אַרויף האָסט דו עס גענומען, — און פיהרסט מיט זיין הענטעל!

און דו זעהסט, מיין ליעב ווייב, אַז איך שיק דיר וואָך ביי וואָך פינף דאָלאַר; אַז איך קום אויס מיט אַזוי ווייניג. און איינגאַנצען האָב איך נישט מעהר, ווי דריי העמדער; וואָרים בעטען סאָפיע'ן, זי זאָל מיר קויפען, קאָן איך נישט. און די שוחט'קע איז א יולדת און געהט נאָך פון בעט נישט אַראָפּ, און מאָרגען וועט זיין, אם ירצה השם, דער ברית מיט מזל...

יאָ... נישט דאָס אבער מיין איך. דער עיקר איז — זיי א מענש, פאַר זיך און פאַר מיר, דיין מאַן,

שמואל משה.

אַ צושריפט אין דער זייט איבער דער גאַנצער לענג פון בריף:

די מינוט באַקום איך פון דיר ווידער אַ בריף. אַצינד מיין חנה׳לע זאָג איך דיר שוין בפירוש און בפרוטרוט, אַז דאָס איז אַ פּשוט׳ער שגעון, רחמנא לצלן! טאַקע, ווי מען זאָגט, מויל און אויערן אויפצושטעלען, אויף וואונדער צו לויפען! דו שרייבסט, אַז דו קאָנסט דיר אויך לאָזען וואַקסען צעפּ און רעדען מיט פּריצים, אַז דו קאָנסט אויך זינגען און טאַנצען — און, אַז דו וועסט צו־פוס אוועקגעהן צום רבי׳ן און אָפּגעבען אַ קוויטעל, ער זאָל שיקען אַ מיתה משונה אויף מיר און אויף זיי — — —

וואָס שרייבסט דו? וואָס איז עס פאַר דבורים?

רבונו של עולם, וואָס איז מיט דיר געוואָרען?

איך קלער און קלער, און ווייס שוין נישט וואָס צו קלערען! איך זאָג דיר מיין עצה: זאָלסט אַוועקוואַרפען דיין לשון הרע, מיט׳ן רכילות, מיט די קללות! עס פּאַסט נישט פאַר דיר! און איך זאָג דיר, בלי נדר ובלי מסקנא, אַז באַם דו וועסט מיר נישט גיך און באַלד שרייבען אַ בריף, ווי אַ כשר אידיש ווייבעל דאַרף שרייבען, וועל איך דיר פּשוט נישט ענטפערען; איך וועל שיקען אַ שליח מיוחד נאָכ׳ן קינד אַהן דיר... הערסט? אַז נישט... וועל איך מיך וואַר־פען אין ים אריין!... עס איז אַ פאַל, חס ושלום, משוגע צו ווערען!

דיין מאַן, הנ״ל.

ג.

צוויי בריף, וואָס חנה האָט באַקומען פון איהר קרובה פון לובלין און פון איהר ברודער.

ערשטער בריף.

ידידתי, שארת בשרי, האשה הצנועה והחשובה, מרת חנה תחיה.

ליעבע חנה! דו ביסט געוועזען אַ גאַנצער נאַר און אַ האַלבער נביא, אַז דו האָסט מיר געשיקט אַ צווייטען בריף! וואָרים דער ערשטער בריף איז אריינגעפאַלען מיין זולל וסובא אין דער האַנט

אריין; ער האט איהם אריינגעלעגט צו זיך אין קעשענע, און, ברוך השם, פארגעסען אפצוגעבען! אזוי איז זיין שטייגער, אחוץ פרעסען און זויפען ליגט איהם גארנישט אין זינען. נאר, אז איך האב באקומען דעם צווייטען בריף, איז מיר באלד איינגעפאלען, צו זוכען ביי איהם אין קעשענע. און, אז מען זוכט, געפינט מען.

חנה'לע קרוין! לעזענדיג דיינע צוויי ביטערע בריף, האב איך געמיינט, אז מען שלאגט מיך מיט א האק אין קאפ אריין. פאר גרוים צער האב איך נישט געוואוסט, וואו איך בין אין דער וועלט. תיכף ומיד האב איך מיך אבער בארוהיגט. איך האב מיר אזוי געטראכט: למשל, ווען מיין משוגע'נער מאן וואלט געוואלט עוקר זיין קיין אמעריקא — נו? וואלט איך דאך מיר געמאכט סעודת פורים, געלאזט זיך כלי־זמר שפילען!

ווארים בארעכען: די גאנצע פרנסה מיינע איז, ווי דו ווייסט, פון פעסעל סמאלע. דארף איך, ברוך השם, נישט זיין לאסקע. במילא, קאן איך גארנישט פארטראגען זיינע תנועות און העויות, אז ער קומט צו מיר אין געוועלב אריין.

א אידענע, ענטפערט ער נישט, דער חסיד! נעמט נישט אוים דער האנט! און, זאגט ער אמאל א קונה, א מאנסביל, א מקח, איז עם טאקע אונטער'ן קרן! נעמט ער געלט, נארט מען איהם אריין פאלשע און אפגעריבענע מטבעות! טוט ער מיר שוין די טובה, און נעמט א שטיקעל קרייט אין האנט אריין, און מאכט א חשבון! זאל מען מיר אזוי רעכענען מיינע זינד אויף יענער וועלט, ווי ער בארעכענט מיין סחורה!

און דאס, וואס דיין מאן, האט דיר נישט איבערגעלאזט קיין גט, איז מיר גאר קיין גרוים וואונדער נישט; ווארים מיין מאן דער משוגע'נער, לעקט ביי מיר נישט קיין האניג, וויל מיר אויך קיין גט נישט געבען! און צו וואס זאל ער מיר געבען א גט? עס פעהלט איהם עפעס ביי מיר? ער האט זיך זיין פיינע דירה, קומט ער אהיים, איז גרייט א ווארמעס, דאס בעט איז געבעט צו דער צייט, משבת לשבת — א ווייס קלאר העמד? פיעל מאל איך בעט איהם מיט גוטען, ער זאל געהן צו אלדי רוחות, און ער — גארנישט! ער זאל זיך עס א ריהר טון! און אז איך שילט איהם אדער ווארף איהם עפעס אין קאפ אריין, רוקט ער זיך אפ אין א ווינקעל, מאכט א רחמנות פנים, נעמט נאך אמאל מים אויף די עינים; און איך

נאר קריג אויפ'ן רחמנות! גיב איהם נאך עסען און טרינקען, און ער געהט זיך אוועק!

און וואס דו שרייבסט מיר וועגען דיין משפט, זיי וויסען, שוועסטער חנה, אז איך האב דא אן אדוואקאט גאר א מפורסם, ווארים, צו מיין בייז מזל, האב איך אלץ־אין־איינעם ספראווועם מיט די קעכינס די חצופות; הערסט דו, חנה'לע, אזעלכע דינסטען, ווי מיר האבען דא אין לובלין, איז אויף דער וועלט נישטא! וואס זאל איך דיר זאגען, פרעסערקעס און זויפערקעס, גנב'ענען מיט די אויגען, אנטלויפען נאך פאר'ן קווארטעל און גיבען מיר נאך אין סאנד אריין, איך זאל זיי באצאהלען פאר א קווארטעל! און אין סאנד איז היינטיגע צייטען, רחמנא לצלן, קיין חלוק נישט צווישען א דינסט און א בעל־הבית'טע, און איך מוז שטעהן מיט איהר אין איין שורה! איך טאר אפילו א מויל נישט עפענען, א ווארט נישט רעדען, ווארים באלד גיט דער סודיא א קלונג מיט'ן גלעקעל און פארשרייבט שטראף ביז דריי רובל. דעריבער געה איך טאקע נישט אליין אין סאנד אריין, און האב מיר אויסגעזוכט א גוטען אדוואקאט, א מויל — שוועבעל און פעך, און ער פיהרט מיר שוין אויס די זאך, ווי עס געהער צו זיין. ער האט מיר אליין געזאגט, אז דער סודיא האט מיך שוין וויפיעל מאל געוואלט איינישב'ען פאר א בלבול, פאר וואס איך רייס א דינסט ביי דיר האר, אדער אזוי פאר א מתנת יד! קאן ער אבער נישט, ווארים דער אדוואקאט מיינער האט ביי זיך אלע סאנדאווע ביכער, ווייסט אלע, אבער טאקע אלע זאקאנעס, און קלייבט אויס פאר מיינעטוועגען די בעסטע זאקאנעס, און שטעכט איהם דערמיט די אויגען אויס און ער בלייבט זיצען ווי א גולם — וויל יא, וויל נישט, שרייבען מוז ער: פטור, פטור!

און תיכף ומיד, — אז איך האב דיין בריף באקומען, און האב דעם פריהערדיגען געפונען ביים בטלן מייגעם אין קעשענע— בין איך געלאפען צום אדוואקאט, און ער האט מיך אויפגענומען מיט גרויס כבוד, טאקע ביי זיך אין פיינעם קאבינעט, און האט מיך געבעטען זיצען אויף דער פלושענער סאפא.

איך האב איהם דערצעהלט דיין גאנץ עסק, פון אלף ביז תיו, טאקע ביז אויף דער האר; און ער האט אלסדינג געלאסען אויסגעהערט, הגם דאס פארצימער איז געווען פול און פול מיט מענ־

שען. ער האט אויסגעהערט און איז זיך ארומגעגאנגען אין זאל אויף און אפּ.

דערנאך האט ער אפּגעזיפצט, און געזאגט, אז לויט די זאַ־קאנעס, האט א טאכטער דעם אייגענעם דין וואס א זוהן, און קריגט א גלייך חלק ירושה ווי ער. איז דאך, דאכט זיך, גוט? איז אבער פאראן א שלעכטער פונקט, אז א ווייב קאן נישט מאנען אין סאנד, אהן דעם מאנס ידיעה. זי איז אין זיין רשות און מוז האבען זיין פלעניפּאטענציע...

און אז איך האב איהם געזאגט, אז דו ביסט, לא עליכם אן עגונה, אז דער מאן דיינער האט דיך אוועקגעווארפען, און דו מענסט, לויט מיין שכל, טון אלץ וואס דו ווילסט, האט ער זיך מיר געשטעלט קעגענאיבער און געשאקעלט מיט'ן קאפּ אין דער ברייט, לא מיט אן אלף — הייסט עס!

און תיכף איז ער צוגעגאנגען צו דער שאנק, האט זי געעפענט, און ארויסגענומען א בוך, נאך א בוך; אריינגעקיקט און אוועקגע־לעגט, אריינגעקוקט און אוועקגעלעגט, און דורכגעווארפען אזוי כמה וכמה ביכער, קליינע און גרויסע און נאך גרעסערע; איינער איז געווען א גראבער, איך זאל נישט זינדיגען מיט די רעד, ווי א דבר אחר, און דארט, אפנים, האט ער געפונען, וואס ער האט גע־זוכט, ווארים ער האט געקוקט און געקוקט.

און דערנאך זאגט ער מיר, אז אויב עס וועט פארבייגעהן פינף יאהר זייט דיין מאן איז אנטלאפען, און דו וועסט ברענגען א פּאַ־פּיר פון וואיט פון דיין שטאדט, אז אין די גאנצע פינף יאהר האט זיך דיין מאן נישט געוויזען, וועט ער, דער אדוואקאט, איינגעבען פאר דיר א פראזשבע אין סאנד אריין, און דער סאנד וועט דיר געבען רשות צו פראצעסירען אהן דעם מאן.

אזוי האט ער אויסדריקליך געזאגט, און איך גיב דיר איבער זיינע דבורים ווארט ביי ווארט.

איך האב איהם געגעבען א רובל, האט ער זיך אפילו גע־קרימט, אפנים, וועניג, נאר גענומען האט ער; זאלסט די מיר, חנה'שי קרוין, דעם רובל, למען השם, באלד אפּשיקען, ווארים די פרנסה איז זעהר געשלאגען, און סמאלע איז היינט גאר קיין גאנג־באר ארטיקעל נישט...

אצינד צוריק צו דער זאך:

עס קומט אוים אויף מיינע רעד! איך זאג דאס אלע מאל, אז די תורה הקדושה (זייערע זאקאנעס, להבדיל, אודאי!) האט אונז איבערגעגעבן אין גזל'נישע הענט אריין. א מאנסביל, א גולם, א לא יוצלח, מעג גט'ן דאס ווייב ווען ער וויל; אליין, צי דורך א שליח, און אזא אשת חיל, למשל, ווי איך בין, קאן נישט פטור ווערען פון א מאן א בטלן, בשום אופן וצד!

געהען מיר ביידע אויף א ברית, שטאפט מען איהם מיט פיש און פלייש, פון אלעם גוטען, און איך — באקום מילכיגע ציקאריע!

זיצט ער אין סוכה, מוז איך איהם אריינשיקען דאס שענסטע און דאס בעסטע, און פאר זיך לאזען די ביינער!

דריי וואכען, ניין טעג, און אלע תעניתים האב איך גלייך מיט איהם; שמחת תורה איז זיין!

ע ר געהט צים רב, א י ה ם גיט מען מעד מיט עפעל! און וואס וועט זיין דארטען, מישטיינס געזאגט — דער גן־עדן מיי־נער? איך וועל זיין דעם משוגע'נעמס פוסענבענקעל, ער וועט זיך דארט זיצען אויף א פאטער־שטול, און איך וועל זיין, זיין פוסענ־בענקעל!

דא אויף דער וועלט איז ער לכל הפחות א שוואכער בשר ודם, האט ער פאר מ י ר מורא; אבער וואס אין גן־עדן וועט זיין, פרעג מיך בחרם! און, זאגען זאג איך דיר אויסדריקליך, זאל ער מיר דארט א שטוים טון מיט'ן פוס, ווייסט דער אויבערשטער, וואס דערפון וועט ארויסקומען!

און צוריק געשמועסט; וואס טויג דיר א גט? גלויב מיר, אלע הינט האבען איין פנים! אלע — נישט ווערט א דרייער! ווייסט דאך — מיין שוועסטער מרים האט צעהן געהענדיגע יאהר געלי־טען פון איהר מאן, איידער זי האט פון איהם ארויסגעקריגען א גט; דערפאר האט זי איהם אוועקגעגעבען דאס געלט, די מלבושים, מיט איין ווארט — הכל כאשר לכל. נו, דאכט זיך, מזל און ברכה!

האט זי ווייטער חתונה, טוישט זי שופרות אויף קאנע־ביינד־לעך, א נייער בטלן צום קארמען! זי שרייט ווייטער א גט; ער הערט זי ווי'ן רב און זי האט שוין נישט מיט וואס צו באצאהלען!

בקצור, שוועסטער חנה, אונזער מוטער חוה האט געזינדיגט און מיר ליידען פאר איהרע זינד! און אייביג וועלען מיר אזוי ליי־דען! דען — פאר א מאן קאן מען אפילו אין קבר נישט אנטרינען.

לעבדים ולשפחות האט מען אונז פארקויפט, אפילו אויף יענער וועלט אויך! — אזוי איז געווען פארצייטענס, אזוי איז היינט; און לעתיד לבוא וועט אויך אזוי זיין, מען מיז ליידען! ווארים וואס זאל מען טון, אז עס איז דעם רבונו של עולם׳ס רצון אזוי.

דעריבער, שוועסטער חנה, האב בטחון אויף גאט, ברוך הוא, פארבלייב געזונט און פארגעס דייז מאן! אין אמעריקא, איז ער אודאי ארוים לתרבות רעה. אזוי טוען זיי שוין שטענדיג, ימח שמם, אז זיי קומען קיין אמעריקא!

אין דער התחלה שרייבען זיי צוקער־זיסע בריוועלעך, שיקען געלט; דערנאך ווערט עס וואס אמאל ווייניגער; שרייבט מען און מען שיקט שוין געלט אמאל אין א יאהר. דערנאך — איינמאל אין א יובל... זיי ברויכען דארט נישט זייערע ווייבער! זיי האבען דארט, רחמנא לצלן, אנדערע, בעסערע, פלינקערע ווייבער.

איך זאל נישט זינדיגען מיט די רעד, ביי אונז אין לובלין איז אין דער אידישער גאס, נישט רא קיין הויז אהן אן עגונה! שרייב דריי פאי׳ן, זאג איך דיר, פארגעס! זאל זיך דיר דאכטען, אז דו ביסט אן אלמנה, חס ושלום, אדער א גרושה!

זעה בעסער צו טון אין דיינע ציבעלעס. זאל דיר השם יתברך, שיקען הצלחה אין דיין עסק, זאלסט מצליח זיין, וואו דו וועסט זיך נאר קעהרען און ווענדען. ווי עס ווינשט דיר דיין קרובה,

(די אונטערשריפט איז נישט צום איבערלעזען).

איך בעט דיך, למען השם, דו זאלסט מיר וואס צום גע־שווינדסטען אפשיקען דעם רובל, ווארים מיין מאן, דער זולל וסובא, האט שוין פאראיבעל אויף מיר, צו וואס איך האב אויסגעלעגט דעם רובל.

(די זעלבע נישטלעזבארע אונטערשריפט).

צווייטער בריף.

לאחותי הצנועה, הנגידה, החשובה מרת חנה תחית.

ערשטענס מעלד איך דיר, טייערע שוועסטער, אז מיר זענען, ברוך השם, אלע בקו הבריאה, חוץ אשתי חוה׳לע, תחיה, וואס דער הוסט, לא עליכם, לאזט זי נישט אפ א רגע, און תיכף, אם ירצה

השם נאך דער חתונה, וועט זי מוזען פאהרען קיין ווארשוי צו'ן א דאקטאר.

רצוף בזה, שיק איך איין א חתונה־בגיוועל. זאלסט זעהן, למען השם, צו קומען אויף דער חתונה, און מקבל תענוג זיין, נאר, למען השם, בעט איך דיך, אז זאלסט מיר נישט שטערען דעם נחת פון בתי תחיה, און באהאלטען אלע טענות ותביעות אויף נאך דער חתונה.

קיין כלה־מתנה ביסט דו נישט מחויב צו ברענגען. אויב עס געהט דיר וועגען דער בושה, וועט זיך נאך, אם ירצה השם, גע־פינען עפעס אין שטוב פאר דיר פאר א מתנה; איך וועל דיר נישט קארגען. בלוט איז קיין וואסער נישט און א שוועסטער בלייבט שוועסטער.

און וואס דו שרייבסט, אז דו האסט קיין מלבושים נישט, איז אויך נאריש. קאנסט דיר בארגען א מלבוש, אדער דארט, אדער דא, אז דו וועסט קומען.

און וואס דו שרייבסט, דו קאנסט דיך נישט טרייסטען נאכ'ן ילד, וואס איז נפטר געווארען, — זיי וויסען, שוועסטער לעבען, אז — ה' נתן וה' לקח. קינדער זענען א פקדון פון גאט, ברוך הוא, און אז ער וויל אפנעמען דאס פקדון, טאר מען אפילו נישט מהרהר זיין, נישט איבערקלערען, חס ושלום!

און וואס דו שרייבסט, אז דו האסט מורא, דיין שמואל משה זאל נישט געווארן ווערען, אז דאס קינד לעבט נישט און דורך דעם, זאל ער זיך, חס־ושלום, פון דיר איינגאנצען נישט אפרייסען, — איז אויך אן אומזיסטער חשד... גלויב מיר, שוועסטער חנה, אז עס איז גאר נאריש. ווארים — ממה נפשך: איז אמת, וואס לייטען זאגען, אז שמואל משה איז געווארען אוים שמואל משה, חס ושלום, אז ער איז אוועק גאר אין אנדערע דרכים, — איז אלץ איינס, צי דאס קינד לעבט, צי ניין; נישט ער דארף דיך, נישט דו קאנסט דיך האלטען אן איהם!

אויב ווייטער, ווי איך האף צו זיין ליעבען נאמען, דאס אלץ איז נישט געשטויגען, נישט געפלויגען, נאר א בלבול פון בייזע מיילער, און, ווי איך גלויב באמונה שלמה, שמואל משה איז טאקע שמואל משה, דער מופלג, דער פרומער איד, האסט דו נישט וואס מורא צו האבען! פארקעהרט, ביי האלב הוצאה וועט איהם אצינד

לייכטער זיין דיך אראפצונעמען אהין, און איהר וועט לעבען בשלום ושלוה כנהוג בישראל...

און וואס דו האסט פון איהם אזוי לאנג קיין ידיעה נישט,— מה רעש? עס איז דאך, דאכט זיך, מעבר לים! וויפיעל שיפען גע־העז אונטער, רחמנא לצלן; וויפיעל בריעף־טרעגער קאנען אומקו־מען אויף אזא מהלך. און אפשר מוזען נאך די שיפען דורכגעהן אויף דעם ארט, וואו, דער ספר הברית שרייבט, אז דאס וואסער שטעהט ווי א בארג און עס איז טאקע סכנת נפשות. דאנק זיין ליעבען נאמען, וואס דיין שמואל משה איז בשלום אריבער! דאס פאהרען למדינת הים האלט איך טאקע פאר אן עולה, עס איז א סימן פון וועניג בטחון, ווארים ווער עס האט בטחון ווייסט, אז וואו גאט וויל, דא העלפט ער, און עס איז נישט כדאי איינצושטע־לען דעם גוף מיט דער נשמה! ווארים, לויט מענשען דערצעהלען, אין אמעריקא פאר דער נשמה אסך מסוכנ׳ער, ווי דער ים צום גוף. דאס אידישקייט, זאגט מען, גיט מען באלד אפ אויף דער שיף, ווי דער ים גיט זיך נאר א שאקעל! באלד עסט מען פת עכו״ם, מען קליידט זיך דייטש, ווייבער טראגען שייטלען! און יש אומרים — אפילו אייגענע האר. און, א והא ראיה, — מען זאגט, אז אין גאנץ אמעריקא איז קיין איינציגער גוטער איד נישטא. און איך וויים טאקע נישט, ווי אזוי מען לעבט דאך, ווי אזוי מען גיט זיך אן עצה ביי פרנסה זאכען, אדער אז מען ווערט, חס ושלום, קראנק, צי וואס א מענש קאן זיך טרעפען! איך זאג דיר, אז ווער עס פאהרט אין א טומאה אריין איז טאקע מתחייב בנפשו, געהט ער טאקע ווי א נאריש פויגעלע אליין אין דער נעץ אריין! און בפרט א איד א למדן. ווארים, וואס גרעסער דער מענש איז, איז גרעסער די סכנה, מעהר לאקערט אויפ׳ן רחמנא לצלן, די קליפה, און וויל איהם גובר זיין, צי מיט עשירות, צי מיט נשים יפות; די קליפה האט שוין איהרע כלים צו דער ארבייט...

דעריבער איז מיין עצה פאר דיר, אז כל זמן דו ווייסט נישט, וואס דארטען טוט זיך, פארגעס אן דער זאך! האסט דו פרנסה פון די ציבעלעס, איז מה טוב; חס ושלום, — נישט, האב איך פאר דיר אן אנדערע עצה. אם ירצה השם, אז דו וועסט קומען אויף דער חתונה, וועל איך שוין זעהן שלום צו מאכען צווישען דיר און אשתי חוה׳לע תחיה. פארט איין פלייש און בלוט. און בטבע, זיי

וויסען, איז זוגתי חוה גיטעל זעהר א גוטע; זי וועט דיר בודאי מוחל זיין, און, אז עס וועט זיין שלום ושלוה, און זי וועט פאהרען באלד, אם ירצה השם, נאך דער חתונה, קיין ווארשוי, — וועסט דו בלייבען בעל־הבית'טע. און אז זי וועט, אם ירצה השם, בשלום און געזונט צוריק קומען, וועט זיך אויך נאך געפינען פאר דיר אן ארט ביים טיש, ווי אויך אין שטוב — א בעט צו שטעלען. עס זענען שלעכטע צייטען, נאר א שוועסטער איז א שוועסטער, שניידט מען רינערע שטיקלעך הערינג.

נאר אהן דעם אלעם האבען מיר דאך א גרויסען גאט, ברוך הוא! ער זאל נישט קאנען שפייזען איין בשר ודם — א אידענע! נארישקייטען!

און אויף דער חתונה זאלסט דו, למען השם, קומען פריה, זאלסט קאנען חוה גיטלען אביסעל צוהעלפען. אויף דעם איז מען אויך א שווערגרין! דו דארפסט זעהן, מען זאל נישט מוזען, אין היינטיגע שלעכטע צייטען, צונעמען נאך א סארוועד צי א קעכין... נאר למען השם, פון דעם, וואס איך שרייב דיר דא, דער עיקר וועגען איבערבלייבען ביי אונז אויף שפעטער, זאל בלייבען ביי דיר בסוד, חוה גיטעל זאל נישט וויסען, אז איך האב אזוינס געשריבען. דאס דארף זיך אליין מאכען, פון זיך אליין... דו ווייסט, אז חוה גיטעל האט פיינט, מען זאל איהר אין שטוב־זאכען עצות געבען... און בטוח בין איך, אז עס וועט זיך מאכען. א אידענע בלייבט א אידענע, כאטש זי מיינט, אז זי געהט אין ספאדיק! דעריבער טאקע שרייב איך דעם בריף, ווען זוגתי חוה גיטעל איז נישטא אין דער היים; זי איז ארויסגעגאנגען אפשטעלען מיט'ן ברחן, מיט כלי־זמר. איך וויל איהר אפילו נישט זאגען, אז איך האב דיר געשיקט א חתונה־בריוועל; לאז זי מיינען, אז דו ביסט אזוי גוט און פרום געוועזען, אז דו ביסט אליין געקומען!

און השם יתברך זאל טרייסטען דיך מיט אלע אבלי־ישראל, און לאז אויסשפרייטען די פליגעל פון רחמנות אויף אלע עגונות, אמן! כן יהי רצון!

אחותי חנה! דו וועסט דיך מישב זיין, בלייבען דארט אדער קומען צו אונז אויף שטענדיג, — למען השם, אויף דער חתונה זאלסט דו קומען! דורכאויס קומען! און דו וועסט קיין חרטה, חס ושלום, נישט האבען! עס וועט זיין, אם ירצה השם, א שעהנע

חתונה. עס קאן נאך מעגליך זיין, אז ער אליין, זאל מאריך ימים ושנים זיין, וועט קומען אויף דער חתונה. עס וועט מיך קאסטען א מטמון, נאר עס איז כדאי! פארשטעהסט דו, אז אויף אזא חתונה איז כדאי צו קומען!

פון מיר, אחיך,

מנחם מענדעל.

זוגתי חוה גיטעל, איז בזו הרגע געקומען פון מארק, און זעה א סימן, אז עס איז שוין אזוי מן השמים באשערט. — זי אליין האט מיר געזאגט, אז איך דארף מיך פאר איהר מיט'ן בריף נישט צו באהאלטען, אז זי האט אויף דיר קיין פאראיבעל נישט. איהר עצה איז, זאלסט פארקויפען די ציבעלעס, מאכען זיך א מלבוש, און קומען לייטען גלייך, ווי א טייערע מחותנת'טע, אויף דער חתונה.

קיין מתנה, זאגט זי אויך, דארף מען נישט. און האנדלען מיט ציבעלעס קאן מען, זאגט זי, ביי אונז אויך.

איך זאג דיר, אז זוגתי חוה גיטעל, איז א גוטע און א חכמה. און, אז דו וועסט נאר נישט זיין איינגעשפארט, וועט זיך אלץ ענ־דיגען בכי טוב; וועסט, מיט גאטס הילף, זעהן!

אחיך הנ"ל.

א נישט געענדיגטער בריף פון חנה'ן צום מאן.

מזל טוב דיר, מיין טייערער כשר'ער מאן, מזל טוב דיר!

נא דיר, הער פון אונז ישועות ונחמות! גאט זאל געבען, איך זאל פון דיר אויך הערען אזוינע גוטע בשורות, אזוינע ישועות ונחמות; אמן, כן יהי רצון! מיר זענען דאך, ווי דו האסט געשרי־בען, א זווג אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט!

ערשטענס קים איך דיר, מיין טייערער מאן, צו מעלדען, אז דער ברודער מיינער מנחם מענדעל שיחיה ואשתו חוה גיטעל שתחיה, זאלען ביידע דערלעבען משיח'ס צייטען, האבען מיר אלצדינג מוחל געווען, און האבען מיך אראפגעברענגט, אין א מזל'דיגע שעה, צו

זייער טאַכטער אויף דער חתונה — אויף סאַשע בייל'ס חתונה.

א חתונה איז געווען גאַר א שעהנע, שענער קאָן שוין נישט זיין! געלויבט איז השם יתברך, וואָס איך האָב זוכה געוועזען און דערלעבט צו זעהן אזא חתונה! עס איז געווען מכל המינים פלייש־ישעז, עוף און רינד־פלייש; היינט — פישען, אזוינע פיש און געפילטע פיש, און נאָך אלערליי מאכלים; אחוץ וויין, בראַנפען, וכל פאשר לכל...

און אלץ איז געווען אזוי געראַטען, אזוי פיין! און איך אליין האָב דאָס פלייש געקאָכט, די פיש געפילט, דעם צימעס געמאַכט, צום טיש געגרייט. און פריהער נאָך אלץ אליין איינגעקויפט!

איך בין, ברוך השם, די גאַנצע בעל הבית'טע געוועזען! די סאַרווערקע אויך; וואָרים, געקומען בין איך נישט צוליעב דעם נחת אליין.

איך האָב מיין ביסעל ציבעלעס פאַרקויפט, געמאַכט מיר א שטיקעל מלבוש און געקומען, אויף מיינע קרובים'ס פאַרלאַנג, גאַנצע אַכט טאָג פאַר דער חתונה; וואָרים עס האָט נישט געהאַט יוער צו טון, מחמת די כלה אליין איז פאַרטון געוועזען אין די מלבושים, זי האָט פאַרבראַכט ביז צום חופה־טאָג ביים שניידער, ביים שוסטער, אפילו ביים גאָלדשמיד!...

און חוה גיטעל, נעבעך, די שוועגערין מיינע, — הוסט! און די מילץ, זאָגט מען, איז ביי איהר נישט ווי עס דאַרף צו זיין!

בין איך טאַקע געווען די גאַנצע מחותנת'טע, פ א ר דער חתונה, און נ א ך דער חתונה, נאָר נישט א ו י ף דער חתונה. בשעת החתונה בין איך געווען זעהר מיד און פאַרמאַטערט. איך בין מיר געזעסען אין א ווינקעלע און געוויינט פאַר גרויס נחת, וואָס איך האָב זוכה געווען, חתונה צו מאַכען מיין ברודערס טאַכטער; אויך — וואָס זי האָט געהאַט אזא לייטישע חתונה.

און אפילו נאָך דער חתונה! האָבען זיי מיך אויך, חס ושלום, נישט באַלד ארויסגעטריבען.

תיכף נאָך דער חתונה, איז די שוועגעריז, זאָל געזונט און שטאַרק זיין, געפאָהרען קיין לובלין צו א דאָקטאָר, זיך אַן עצה צו האַלטען, צו וועלכען דאָקטאָר זי זאָל פאָהרען קיין וואַרשוי.

דערנאָך איז זי געפּאָהרען קיין ווארשוי, און איז אויסגעווען ביי אַלע גרויסע דאָקטוירים; פון דאָרט איז זי געפאָהרען ערגעץ אַנדערש, וואסער טרינקען, — מינעראַל־וואסער הייסט עס, — און איבער דער גאנצער צייט, לערך זעקס חדשים, בין איך געווען די גאנצע בעל הבית'טע אין שטוב. השם יתברך, זאָל עס זיי געדענ־קען און זאָל זיי דערפאַר באַלוינען!

קיין קעבין איז נישט געוועזען, האָב איך געקאָכט... און דער־פון האָב איך פיעל נחת געשעפּט, ווי פון א ברונען!

ערשטענס, האָב איך קיין צייט נישט געהאַט צו קלערען און צו טראַכטען, און בין, חס ושלום! נישט משוגע געוואָרען, אפילו נישט אריינגעפאַלען אין א מרה שחורה! און קיין צייט האָט נישט געקאָנט זיין, ווארים די שפע, איז ביי מיין ברודער, ברוך השם, גרויס.

די שענק איז, ברוך השם, פול; מען לעזט שטיקער גאָלד, הן פון אידען און הן פון גוים, להבדיל!

און מיין שוועגערינס, חוה גיטעל תחיה'ס, געפילטע פיש האָ־בען, ברוך השם, א נאָמען אויף דער וועלט, און אַן עולם זיצט, ברוך השם! עסט און טרינקט.

האָט זיך אמאָל פּאַסירט, אז איך האָב פאָרט אנגעהויבען עפּעס איבערצוקלערען, און האָב מיך געוואָלט פאַרטראַכ־טען; איז אייף דעם געוועזען אונזער ביילע סאָשע, זאָל לעבען, זי האָט מיך באַלד דערמאָנט! און אַן אויג האָט זי, קיין עין־הרע, א גוטס, באַלד דערזעהט זי!

און אזוי איז אַלץ געגאַנגען בדרך הישר...

פאַר גרויס נחת, וואָס איך בין דאָ די גאנצע בעל הבית'טע, האָב איך איינמאָל ארויסגעוואָרפען א טראָפּען בלוט פון האַלז, איין טראָפּען נישט מעהר.

דאָס האָט ווייטער דערזעהן מנחם מענדעל, זאָל געזונט זיין, האָט ער מיר אָנגעזאָגט זהיר והזהר, איך זאָל מיך נישט מאַכען ווויסענדיג! ווארים, ווערט מען, ח"ו, געוואָר, וועט מען, חלילה, ווייכען זיין שטוב. יוסל גאַסט־הייזער פון קעגענאיבער וועט באַלד זאָגען שווינדזוכט און פטור! אונזער זייט גאָס, וועט מיט גראָז פאַרוואַקסען ווערען!

ביילע סאָשע אָבער איז קליגער פאַר איהם. זי האָט באַלד

פארשטאנען, אז עס איז נישט קיין שווינדזוכט. נאר, אז איך האב געמוזט כאפען א שטיקעל פיש און איינשלינגען, און צוראצט זיך דעם האלז מיט א ביינדעל. און, כדי איך זאל, חס ושלום, נישט דערשטיקט ווערען, האט זי מיר דערלאנגט אין די פלייצעס: דאס ביינדעל זאל אריין אדער ארויס און נישט בלייבען, חס ושלום, שטעקען אין האלז. פאר גרויס ליעבשאפט, האט זי מיר צו א שטארקען קלאפ געטאן, דאס ביינדעל פון פיש איז אודאי אראפ. נאר דערביי האבען מ י י נ ע ביינער אביסעל געליטען...

דאס אלץ איז איבערגעגאנגען בשלום, און, חוה גיטעל, זאל געזונט זיין, איז צוריק געקומען פון וואסער טרינקען.

געקומען איז זי, געלויבט השם יתברך, פריש און געזונט. א מחיה געווען צו קוקען! געלייכטען ווי די זון! הײנט האט זי אנגעבערענגט מתנות, — גאר פיינע זאכען; פאר זיך, פאר׳ן מאן, פאר דער טאכטער מיט׳ן איידעם... טייערע מתנות. נאר מיר האט זי קיין מתנה נישט געבערענגט; איך בין, זאגט זי, חס ושלום, קיין דינסט נישט, מען זאל מיר שענקען מתנות, מען צאהלט מיר דען שכירות? איך בין דאך געווען בעל הבית׳טע!

חוה גיטעל אליין האט כמה פעמים געזאגט, אז איך בין געוועזן די גאנצע בעל הבית׳טע, און האב געטאן, וואס מיין הארץ האט געגלוסט!

און קוים איז חוה גיטעל געקומען, איז זי געוואר געווארען, אז מנחם מענדעל איז איבער דער גאנצער צייט, נישט געווען ביים רבי׳ן, האט זי פארבראכען די הענט, אז די ביינער פון די פינגער האבען געקנאקט, און האט מיך באלד ארויסגעשיקט אין מארק אריין דינגען א פוהר.

נאך דעם זעלבען טאג איז מנחם מענדעל, זאל געזונט זיין, אוועקגעפאהרען אין א מזל׳דיגער שעה צום צדיק.

און אויף מארגען האט מיר חוה גיטעל אן עצה געגעבען, איך זאל צוזאמען נעמען מיינע זאכען און געהן צו אל די גוטע יאהר... ווארים, ווי באלד זי אליין איז דא, און ביילע סאשע העלפט איהר צו, בין איך דאס פינפטע ראד ביים וואגען, און וועל נאך, חלילה, משוגע ווערען פון לעדיג געהן. זי האט מיר געראטען, ענטוועדער איך זאל פאהרען צוריק, פון וואנען איך בין געקומען, אדער דא

בלייבען און טוו, וואס מיין הארץ וועט גלוסטען. זי זאגט מיר, חלילה, קיין דעה נישט.

נאך די זעלבע נאכט, האב איך שוין אין איהר שטוב נישט גענעכטיגט.

א שעהנע נאכט איז געווען. האב איך זיך דורכשפּאצירט אין אלע גאסען מיט'ן פּעקעל אונטער'ן אָרעם.

זעהסט דו דאך, מיין טייערער, כשר'ער מאן, אז מיר איז, ברוך השם גאנץ גוט, אז דו דארפסט מיר מעהר קיין געלט נישט שיקען, ווי דו פלעגסט אמאל שיקען. גיב בעסער דאס געלט לייב חזן, ער זאל דיר קויפען ש"ס, אדער גנענדעל־סאפיען, זי זאל דיר לאזען מאכען העמדער, און זעה, למען השם, זי זאל דיר אליין די העמדער אנמעסטען, און זעהן ווי זיי ליגען, די העמדער, — עס איז דאך אמעריקא.

זעהסט דו, מיין ליעבער, טייערער מאן, אז איך בין שוין מעהר קיינעם נישט חושד אומזיסט. איך זאג שוין נישט, אז גנענדעל, לייב־חזנ'ס טאכטער, האט ביי מיר צוגע'גנב'עט א לע־פעל, אדער דעם מאן, חס ושלום! און אויב איך האב נישט, נישט דעם לעפעל, נישט קיין מאן, ווייס איך, אז זי איז בודאי גארנישט שולדיג. איך גלויב באמונה שלמה, אז השם יתברך האט דיך און מיך געוואלט מזכה זיין, האט ער דיר צוגעשיקט אויף דער שיף לייב חזן מיט דער טאכטער, זיי זאלען דיך פארזארגען; כהויה — אלץ ווי דו האסט מיר געשריבען. נאר איין זאך וועט נישט זיין ווי דו האסט געזאגט! זאלסט אפילו אוים דער הויט שפּרינגען, וועסט דו נישט שיקען קיין שליח מיוחד נאכ'ן קינד, זאלסט עס צונעמען פון מיר צו דיר קיין אמעריקא. ווארים דאס קינד אונ־זערס איז, אין דיין זכות און זכ'ת פון דיינע אבות — לאנג שוין נישטא; מען האט עס באהאלטען ערגעץ אויפ'ן בית־עולם, אין א קליין שטיבעלע אהן א טירל, אהן א פענסטערל, — שריי חי־וקים, וועסט דו נישט וויסען, וואו זיינע ביינדעלעך ליגען! קיין שום מצבה, קיין שום סימן, גארנישט! זוך דעם ווינט אויפ'ן פעלד!

די אסכרה האט עס צוגענומען אונטער איהרע פליגעל...

און ווייל דו ביסט דער גרויסער בעל־זכרון און געדענקסט אלץ, וואס איך האב גערעדט, און אלץ וואס איך האב געטאן, וועל

איך דיר דערצעהלען א מעשה, אפשר וועסט דו זי אויך געדענקען! עס איז א מעשה מיט א שאל, וואס איך האב נישט געוואוסט, וואס מיט איהם צו טון: צי זאל איך איהם כאפען אויף מיר און ארויס־לויפען זוכען א דאקטאר צום קינד, אדער איך זאל פארשטאפען מיט דעם שאל די צובראכענע שויב, דער שניי זאל נישט אריין צום קראנקען קינד אין שטוב אריין, אדער איך זאל צודעקען מיט דעם שאל דאס הייזעריגע קינד, וואס עס שטיקט זיך, נעבעך, — און די קעלט איז גאר גרוים, גאר גרוים! אסך מאל בין איך אהין און צוריק געלאפען: פון קינד צום פענסטער, צו דער טיר, און צוריק פון טיר צום פענסטער, צו דער וויג... אבי געלאפען! דו וועסט שוין, מיין געטרייער מאן, מיין איך, די מינוט נישט פארגעסען. ווארים, ווי דו מיין טייערער מאן זאגסט, בין איך צוגעבונדען צו דיר, דו צו מיר אוןביידע צום קינד, און אצינד, אז דאס קינד איז נישט דא, קאנען מיר ביידע שוין אויך נעלם ווערען. — נאר, וואס וועט גנענדעל זאגען? דעם אמת זאגענדיג, איז ביי מיר געבליבען, איך זאל זיך לאזען וואקסען לאנגע האר און אנטון זיך ווי מען טראגט זיך אין אמעריקא. אויך ווייסט דו דאך, אז איך האב א זיסען קול, אז איך פלעג נאכזינגען אלע תפלות, און אצינד. אז איך בין געווען ביי ברודער מנחם מענדעל, זאל געזונט זיין אין גאסט־הויז, האב איך נאך געהערט פון שכור'ע פויערים אלערליי שעהנע ליעדער, — האב איך מיך דאס אויך אויסגעלערנט, און איך זינג אודאי אזוי גוט ווי גנענדעל, און אפשר בעסער פאר איהר, און קאן מעהר ליעדלעך פאר איהר. און נעכטען ביינאכט, אז איך האב געגעכטיגט אונטער'ן בלויזען הימעל, איז נאך צו מיר געקומען די מלכה שבא און האט מיך אויסגעלערנט טאנצען — און א גאנצע נאכט האב איך ארומגעטאנצט מיט דער מלכה שבא קעגען דער לבנה.

און דו, מיין ליעבער שמואל משה, האסט גאר א מקח טעות געהאט! ווארים איך בין בעסער פאר גנענדלען, ווארים, איך געדענק גאנץ גיט, אז זי האט געהאט צוויי פעפערלעך, איינעם אויפ'ן לינקען אויער און א צווייטען אויף דער רעכטער באק, און—א נעזעל אביסעל א פארדרעהטס. און איך, ווייסט דו דאך, האב א ריין לייב, אהן א שום פעפערל, חס ושלום. — דו האסט געמיינט, אז גאר גנענדעל קאן זינגען, און יעדען פרייטאג צו נאכטס טאנצען.

אז זי אליין קאן זיך לאזען וואקסען צעפּ, אנדערע קאנען גאר נישט די תורה! נאר איך בין, חס ושלום, אויף דיר נישט אין כעס; האלט דיך אן איהר! מיר איז געגוג, אז איך האב דעם קינדס קבר'ל, איך געה אהין, איך וועל מיר דארט אויסבויען א קליין שטיבעלע און זיצען דארט ביז האלבער נאכט, ביז דער האהן וועט קרעהען. דעם קינד וועל איך דערצעהלען זיס און שטיל פון זיין טאטען שמואל משה'ן, וועט ער שטארק הנאה האבען! און, אז דו וועסט אליין קומען, אדער שיקען א שליח מיוחד, נאכ'ן קינד, וועל איך זייך מיט די נעגעל די אויגען אויסקראצען. ווארים דאס קינד איז מיינס, נישט גנענדעל'ס — ימח שמה וזכרה, זאל זי ווערען מיט די אינאיינעם — — —

(דער בריעף איז קענטיג נישט קיין געענדיגטער; מען האט איהם געפונען צוזאמען מיט די אנדערע בריף אין קעשענע ביי דער משוגע'נער חנה.)

משיח'ם צייטען.

אזוי ווי אין אלע אידישע שטעדט און שטעדטלעך אין גאליר־ציען, איז אויך געווען אין דער קהלה, וואו מיינע עלטערען האבען געוואוינט — א משוגע'נער.

ווי געוועהנליך, האט דער משוגע'נער פאר קיינעם נישט קיין מורא געהאט. נישט פאר'ן קהל, נישט פאר'ן רב און דיינים, אפילו נישט פאר דעם בעדער מיט'ן קברות־איד, פאר וועלכע די גרעסטע גבירים שרעקען זיך. פאר דאס האט דאס גאנצע שטעדטעל, גאנץ קהל מיט דעם גאנצען כלי־קודש, מיט'ן בעדער און מיט'ן קברות־איד, געציטערט פאר דעם משוגע'נעם און פארמאכט פאר איהם טיר און טויער. און אבוואל דער ארעמער משוגע'נער האט קיינעם נישט גערעדט קיין שלעכט ווארט, קיינעם נישט אנגעריהרט מיט'ן מינדסטען פינגער; האבען אויף איהם אלע געשריגען, מאנכע גע־שלאגען, און די גאסען־יונגען פלעגען איהם נאכווארפען בלאטע און שטיינער.

איך האב תמיד רחמנות געהאט אויף דעם משוגע'נעם. עס האט מיך עפעס צו איהם געצויגען, איך האב מיט איהם געוואלט רעדען, איהם טרייסטען, א גלעט טון, נאר צוגעהן צו איהם איז געוועזען אוממעגליך. איך וואלט באקומען א טייל פון דער בלאטע און די שטיינער, מיט וועלכע מען פלעגט איהם באמבארדירען. איך בין געווען א יונג קינד, איך האב געטראגען א פיינעם אנצוג פון לעמבערג אדער פון קראקא; און האב מיר אפגעהיטען מיינע פלייצעס פון שטיינער און מיין אנצוג פון בלאטע, און זיך געהאל־טען פון וויטענס.

דאס שטעדטעל, וואו מיינע עלטערען האבען געוואוינט, אין וואו איך האב איבערגעלעבט מיינע קינדער־יאהרען אין אנצוגען פון לעמבערגער און קראקאווער שניידערס, איז געווען א פעסטונג, ארומגעצאמט מיט גריבער, וואסער, וואלען און הויכע מויערען.

אויף די מויערן זענען געשטאנען הארמאטען, און זעלנער מיט ביקסען האבען זיי געהיטען, מארשירענדיג אויף און אפ ערנסט און שווייגענדיג. קוים איז נאר צוגעפאלען די נאכט, האט מען אויפגעהויבען די אייזערנע בריק איבער'ן וואסער, פארשלאסען אלע טויערן און אפגעריסען דאס שטעדטעל פון דער רעשט וועלט ביז אין דערפריה.ביי יעדען פארמאכטען טויער איז געשטאנען א וואך, באוואפענט פון קאפ ביז פוס.

ערשט נישט לאנג, בייטאג, זענען מיר אלע פריי געוועזען. מען האט געמעגט געהן ארויס און אריין, נישט אנגעפרעגט צום ערשט ביים פלאץ־מאיאר; מען האט זיך אייך געמעגט באדען אין טייך הינטער דער שטאדט, אפילו זיך אויסציהען אויף דער גרינער לאנקע ביים טייך און קוקען אין הימעל אריין, אדער ווייט ערגעץ אין דער וועלט אריין, ווי איינער האט געוואלט. קיינער האט נישט פאר דעם קיין שלעכט ווארט גערעדט. איז עמיץ אפילו נישט צוריק־געקומען, האט מען אויף איהם נישט געפרעגט. נאר ביינאכט, האט מען געוואלט, זאל זיין שטיל אין שטעדטעל, מען זאל זיך נישט ארויס און נישט אריין דרעהען. א „גליק", פלעג איך דאמאלט קלערען ביי מיר, „וואס מען לאזט אונז כאטש אריין די לבנה"...

און אזוי לאנג איך וועל לעבען, וועל איך נישט פארגעסען דעם „בין־השמשות", דאס צופאלען פון דער נאכט. צוזאמען מיט דעם אווענטליכען שאטען פארשפרייט זיך א שוידער איבער דעם גאנ־צען שטעדטעל, מענשען און הייזער ווערען פלוצלונג ווי איינגע־הויקערטער. מען ציהט די בריק, די אייזערנע קייטען רייבען זיך אן די אומגעהייערע בלאקען; דאס אייזערנע קראצען, די הארטע, אפגעריסענע טענער פאהרען דורך די ביינער. דערנאך פאלט־צו א טויער נאך א טויער. יעדען אווענט געשיהט דאס זעלבע, און דאך ציטערען יעדעם מאל די פיס אונטער דעם מענש, א שטומ־פיגע מידקייט לעגט זיך אויף אלע פנימ'ער, אלע אויגען לעשען זיך אוים ווי ביי טויטע, די ברעמען פאלען אראפ ווי בלייערנע. דאס הארץ בלייבט שטיל און מען אטעמט קוים. דערנאך הויבט־אן דער פאטרול צו קורסירען אין די גאסען, עס קלאפען די נאכ־געלאזטע שווערדען אן די גרויסע וואסער־שטיוועל, די באיאנעטען בלישטשען און מען שרייט: „ווער־דא?" אויף דעם מוז מען ענט־פערען: „א היימישער, אן אייגענער!" אז נישט, ווייס גאט צו

וואס עס קאן קומען. מאנכע פלעגען זיך שוין בעסער פארמאכען הינטער שלאס און ריגעל, זיי האבען מורא, זיך אפילו ארויסצו־ ווייזען אויף דער גאס...

איינמאל האט זיך מיר געמאכט א צופאל: איך האב מיך גע־ באדען הינטער דער שטאדט, איך האב מיך פארקוקט, צו פאר־ טראכט, צו גלאט אזוי פארגעסען, אז נאך טאג געהט נאכט; פלוצלונג זעה איך, ווי מען הויבט די בריק; עס שניידט אין די אויערען, עס פאלען צו די טויערען, עס קנאקט און שלאגט זיך אפ מיר אין הארץ. פארפאלען! איך מוז שיין בלייבען איבער נאכט הינטער דער שטאדט... און א וואונדערליכע זאך: ליגענדיג אין דערהיים, אין ווארעמען בעט, פלעגט זיך מיר נאכט אויף נאכט חלומ'ען פון דער פרייער וועלט אויסער דער פעסטונג; און דאס ערשטע מאל, אז מיין חלום איז מקוים געווארען, איז מיך בא־ פאלען א שרעק! עס האט זיך אנגעהויבען דער באוואוסטער שטרייט צווישען קאפ און הארץ. דער קאפ האט געריפען: רוהיג, גענים אויך אמאל די ריינע, פרייע לופט, דעם אויסגעשטערענטען פרייען הימעל. און דאס הארץ האט זיך געטאן זיינס, געווארפען זיך און געצאפעלט, צום ארויסשפרינגען. דערנאך האט זיך מיר אויפגעהויבען ווי א דונסט, ווי א נעבעל פון שווערען הארץ און איז מיר געשטיגען אין קאפ אריין. דער פרייער געדאנק איז גע־ ווארען טונקעל און טונקעלער, און איז באלד אונטערגעגאנגען הינ־ טער דעם וואלקען. עס האט מיר אנגעהויבען צו קלינגען אין די אויערען און צו פינטלען אין די אויגען. מיט יעדען לייכטען גע־ רויש, פון יעדען לייכטען שאטען פון א צווייג, פון קלענסטען גרע־ זעל, האט זיך מיר ארייגעזאפט דורך די אויגען, ווי דורך די אויע־ רען, א מין שוידער, א שרעק, וואס האט מיך געווארפען אויף דער ערד!

איך האב באהאלטען דאס פנים אין זאמד...

צי בין איך געשלאפען צי ניין, און ווי לאנג איך בין אזוי געלעגען — אסור אויב איך וויים! נאר פלוצלונג האב איך דער־ הערט, אז מען אטעמט נאהנט נעבען מיר. איך שפרינג אויף. איך בין נישט אליין. צוויי גוט־באקאנטע, טיפע, שווארצע אויגען קו־ קען אויף מיר הארציג און געטריי.

עס איז געוועזען דער משוגע'נער.

— וואס טוסטו דא ? — פרעג איך מיט א דומפיגער שטימע.

— איך שלאף קיינמאל נישט אין שטאדט ! — ענטפערט ער מיר טרויעריג, און דער בליק זיינער איז אזוי ווייך, די שטימע אזוי ברידערליך, אז איך קום צו מיר אינגאנצען און פארגעס מיין שרעק.

אמאל, דערמאן איך מיך פלוצלונג, פלעגט מען האלטען משוגעים פאר נביאים — אין די מארגענלענדער איז דאס נאך ביז היינט — און איך פרעג מיך: צי איז ער נישט ווירקליך איינער פון זיי ? צי יאגט מען איהם נישט ווי א נביא ? צי ווארפט מען איהם נישט נאך קיין שטיינער ווי א נביא ? צי לייכטען איהם נישט די אויגען ווי די שטערען ? צי קלינגט נישט זיין שטימע ווי די פיינסטע הארפע ? צי ליגט נישט אין איהם דער שמערץ פאר אלע, דאס ליידען פאר'ן גאנצען דור ? אפשר ווייסט ער טאקע אויך, וואס שפעטער וועט זיין ?...

איך פרואוו און הויב אן צו פרעגען, און ער ענטפערט מיר אזוי שטיל, אזוי זיס, אז עס דאכט זיך מיר טייל מאל, אז עס איז נאר א חלום, א זיסער חלום פון א זומער־נאכט אויף יענער זייט פעסטונג.

— דו גלייבסט אין משיח'ס צייטען ? — פרעג איך איהם.

— געווים ! — ענטפערט ער שטיל און זיכער. — משיח מוז קומען !

— ער מוז ? !

— גאנץ זיכער ! אלע ווארטען אויף איהם, אפילו הימעל און ערד ווארטען ! ווען נישט, וואלט זיך קיינעם נישט געגלוסט צו לעבען, צו טון די האנט אין קאלט וואסער... און, אויב מען לעבט און מען מוט, גלייך מען וויל לעבען, איז א סימן, אז אלע פיהלען, אז משיח קומט, אז ער מוז קומען, אז ער איז שוין אין וועג...

— צי איז אמת, — פרעג איך וייטער, — אז פריהער וועלען זיין שרעקליכע מלחמות איבער פאלשע משיחים, די מענשען וועלען זיך ארומרייסען ווי ווילדע חיות. די ערד וועט אנגעזאפט ווערען מיט בלוט ; טייכען בלוט וועלען פליסען פון מזרח און מערב און פון דרום קיין צפון, אלע חיות, בהמות וועלען טרינקען מענשען־בלוט ; אלע פעלדער, אלע גערטנער, אלע טראקטען און אלע וועגען

וועלען פארגאסען ווערען מיט מענשען־בלוט... און אינמיטען דער צייט פון בלוטיגען מבול וועט זיך ערשט באווייזען דער אמת'ער משיח, דער רעכטער... איז דאס אמת?

— אמת!

— און מען וועט איהם דערקענען?

— יעדער וועט איהם דערקענען. עס וועט קיינער נישט האַבען קיין טעות. ער וועט זיין משיח מיט יעדער מינע, מיט יעדען וואָרט, מיט יעדען בליק. ער וועט נישט האבען קיין חיילות, ער וועט נישט רייטען אויף קיין פערד, און א שווערד וועט איהם נישט הענגען אויף די לענדען...

— וואס דען?

— פליגעל וועט ער האַבען... משיח וועט האבען פליגעל, און אלע וועלען דערנאָך באקומען פליגעל. עס וועט זיין אזוי: פלוצלונג וועט געבוירען ווערען א קינד מיט פליגעל, דערנאָך — א צווייטס, א דריטס און אזוי וועט עס שוין געהן כסדר... פריהער וועלען זיך די מענשען דערשרעקען, דערנאָך וועט מען זיך צוגעוואוינען, ביז עס וועט ארויסקומען א גאנץ דור מיט פליגעל; א דור, וואס וועט זיך נישט מעהר וועלען וואלגערען אין דער בלאָטע, און וועט זיך נישט מעהר רייסען איבער א פרנסה־ווערימעל...

לאנג נאך האט ער אזוי גערעדט, נאר איך האב איהם אויפגעהערט צו פארשטעהן. זיין שטימע איז דאך געוועזען אזוי אומעטיגזיס, אז איך האב זי איינגעזאפט אין מיר ווי א שוואם. אז ער האט אויפגעהערט צו רעדען, האט שוין געטאָגט, מען האט שוין די טויערען געעפענט און די בריק אראפגעלאזט...

זייט יענער נאכט אויסער דער פעסטונג איז מיר דאס לעבען אין איהר נאָך שווערער, נאָך אומערטרעגליכער געוואָרען. די אלטע מויערען, די קראַצענדיגע אויפגעצויגענע בריק, די אייזערנע טויערען, די וואכטען און פאטרולען, דער הייזעריג־צארניגער: „ווער־דא?" דער אונטערטעניג־פאלשער: „א היימישער, אן אייגענער!" דאס אייביגע ציטערען פון די לייזיגע פנימ'ער, די איבערגעשראָקענע האלב־פארלאשענע אויגען, דער מארק מיט די פארבלאנקטע, ציטעריג־פוילע שאָטען, — דאס אלץ האט זיך מיר געלעגט ווי א בליי אויף דער נשמה, נישט אפצואָטעמען, נישט פריי צו ווערען...

עס האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ האַרץ־ווערטאָג, עס האָט מיך דורכגע־נומען אַ שרעקליכע בענקשאַפט, און איך האָב באַשלאָסען, משיח׳ן אַקעגען צו פאָהרען...

איך זעץ מיך אויף דעם ערשטען בעסטען וואָגען. דער בעל־עגלה דרעהט זיך צו מיר איבער און פרעגט:

— וואוהין?

— וואו דו ווילסט! — ענטפער איך — גאָר אַוועק, ווייט, ווייט פון דאַנען!

— אויף ווי לאַנג?

— ווי לאַנג דאָס פערד וועט אויסהאַלטען!...

דער בעל־עגלה נעמט די לייצען אין האַנט און מיר פאָהרען.

מיר פאָהרען אַלץ ווייטער און ווייטער. אַנדערע פעלדער, אַנ־דערע וועלדער, אַנדערע דערפער, אַנדערע שטעדט, אַלצדינג אַנ־דערש; עס איז אָבער גאָר אַנדערש פון אויבען. דער תוך איז שטענ־דיג דער זעלביגער. אַז איך האָב מיך גוט איינגעקוקט, איז איבע־ראַל און אויף אַלעם געלעגען די זעלבע מרה־שחורה, יעדער מענ־שען־בליק איז געווען ציטערדיג־פאַלש, יעדער טאָן — איבערגע־בראָכען און שטאַמפּעריג... אויף אַלעם איז געלעגען אַ טרויעריגער נעבעל, וואָס האָט פאַרשטעלט יעדען שיין און האָט געלאָשען יעדע פרייד. אַלעס איז געווען צוזאַמענגעדריקט און פאַרשטיקט. און איך שריי אַלץ אינאיינעם: „ווייטער!"... איך הענג אָבער אָפּ פון בעל־עגלה און דער בעל־עגלה פון פערד... דאָס פערד וויל עסען, און מיר מוזען זיך אָפּשטעלען.

איך קום אין אַ קרעטשמע אַריין. עס איז אַ גרויסע שטוב, אי־בערגעטיילט אין דער העלפט מיט אַן אַלטער פאָרהאַנג, וואָס געהט פון איין וואַנט צו דער צווייטער. אין ד ע ר זייט פאָרהאַנג זי־צען דריי מענער ביי אַ גרויסען טיש. זיי באַמערקען מיך נישט. און איך האָב צייט, זיי צו באַטראַכטען. עס זענען דריי דורות. דער עלטסטער איז גרוי ווי אַ טויב, דאָך זיצט ער גלייך און קוקט מיט שאַרפע אויגען, אָהן ברילען, אין אַ גרויס ספר, וואָס ליגט פאַר איהם אויפ׳ן טיש. דאָס אַלטע פּנים איז ערנסט, די אַלטע אויגען

קוקען זיכער, און דער אלטער מענש מיט דעם ספר גיסען זיך צוזאמען דורך דער ווייסער בארד, וואס האט זיך צולעגט מיט איהרע זילבערנע עקען אויף די בלעטער פונ׳ם ספר. — נעבען איהם רעכטס זיצט א איגגערער, געוויס א זוהן זיינער: דאס זעלבע געזיכט, נאר אינגער, ריהרעוודיגער, נערוועזער, סעקונדענווייז מידער און צוגאסענער. ער קוקט אויך אין ספר אריין, נאר ער קוקט שוין אויף א בריל. דאס ספר איז קלענער און ער האלט עס נעהנטער צו די אויגען, אנגעשפארט אויפ׳ן ראנד פונ׳ם טיש. ער איז אין די מיטעלע יאהרען; בארד און פאות — האלב זילבערנע. ער שאקעלט זיך אהין און צוריק. זיין גוף, דאכט זיך, וויל זיך יעדעם מאל אפרייסען פונ׳ם ספר, נאר דאס ספר ציהט איהם צו זיך צוריק. ער שאקעלט זיך און די ליפען ציטערען שטיל. אמאל קוקען די אויגען אהין צום אלטען: יענער דאך באמערקט עס נישט. — לינקס פונ׳ם אלטען זיצט דער איגגסטער, דאכט זיך — אן אייניקעל פונ׳ם אלטען. א יונגערמאן מיט שווארץ־גלאנצענדיגע האר און א ברענענדיג־צוואוארפענעם בליק. ער קוקט אויך אין א ספר אריין, נאר דאס ספר איז קליין און ער האלט עס נאהנט צו די לעבעדיגע אויגען. גאנץ אפט רוקט ער עס אוועק פון זיך,ווארפט א בליק, אויסגעמישט פון שרעק און דרך־ארץ אויפ׳ן אלטען. קוקט אריבער צום פאטער מיט א האלב־איראנישען שמייכעל און בויגט זיך איבער צו הערען, וואס עס טוט זיך אין יענער זייט פארהאנג. און פון יענער זייט פארהאנג הערט זיך קרעכצען, גלייך עמיץ געהט דארט צו קינד...

איך וויל הוסטען, מען זאל מיך באמערקען. אין דער זעלבער סעקונדע פארבויגט זיך א שטיק פארהאנג און עס באווייזען זיך צוויי פרויען. איינע אן אלטע מיט א שארף ביינערדיג פנים און שארפע אויגען, די צווייטע אן אינגערע פרוי אין די מיטעלע יאהרען, מיט א ווייכען אפגעשמאלצענעם פנים און א נישט־זיכערען בליק. זיי שטעהען, קוקען צו די מענער אוןווארטען, מען זאל זיי פרעגען. דער עלטסטער באמערקט זיי נישט. זיין נשמה האט זיך צוזאמענגעגאסען מיט דער נשמה פונ׳ם ספר. דער מיטעלער באמערקט די פרויען און קלערט, ווי אזוי דעם פאטער צו וועקען; דער אינגסטער שפרינגט דערווייל אויף...

— מאמע! באבע! נו?...

זיין פאטער שטעלט זיך אויף אומרוהיג, דער זיידע רוקט נאָר אביסעל אוועק דאס ספר און הויבט אויף די אויגען צו די פרויען.

— וואס טוט זי? — פרעגט ווייטער דער אינגסטער מיט א ציטערדיגער שטימע.

— איבערגעקומען! — ענטפערט די אלטע רוהיג.

— איבערגעקומען? איבערגעקומען? — שטאמעלט דער יונגער.

— זאגסט נישט, מאמע, „מזל־טוב“? — פרעגט דער מי־טעלער. דער אלטער קלערט איבער און פרעגט:

— וואס איז געשעהען? און ווען אפילו א מיידעל...

— ניין! — ענטפערט ערשט אצינד די אלטע — אפילו א אינגעל...

— א טויטס?

— ניין, עס לעבט! — ענטפערט די אלטע. אין דעם קול קלינגט דאך נישט קיין פרייד.

— א קריפעל? א קאליקע?

— צייכען האט ער! אויףביידע אקסעל...

— וואס פאר א צייכען?

— פון פליגעל...

— פון פליגעל?

— יא, פון פליגעל, און זיי וואקסען...

דער אלטער בלייבט זיצען פארזארגט, דער מיטעלער — פאר־וואונדערט, דער אינגסטער נאָר שפּרינגט אונטער פאר פרייד.

— וואויל, וואויל! זאלען זיי וואקסען, זאל פון זיי ווערען עכטע פליגעל, גרויסע, שטארקע פליגעל, וואויל, וואויל!

— וואס איז די שמחה? — פרעגט דער מיטעלער.

— א שרעקליכע קאליקע! — זיפצט דער אלטער.

— פארוואס? — פרעגט דאס אייניקעל.

— פליגעל — ענטפערט דער אלטער שטרענג — הויבען אין דער הויך... מיט פליגעל קאן מען זיך נישט דערהאלטען אויף דער ערד.

— א וויכטיגע זאך! — מאכט דאס אייניקעל טראציג — איז מען פטור דאס מושב, וואלגערט מען זיך נישט אין דער בלאָ־

טע, לעבט מען אין דער הויך... צי איז דען דער הימעל נישט שענער פון דער ערד?

דער אלטער ווערט בלאס, און דער מיטעלער נעמט דאס ווארט:

— נארישׁ קינד! פון וואס קאן מען לעבען אין דער הויך? לופט שלינגען איז ווייניג... אין דער הויך איז נישט דא צו דינגען קיין קרעטשמע, אין דער הויך קאן מען נישט איבערנעמען קיין „פאדריאד"... אין דער הויך האט מען אפילו נישט ביי וועמען א האזען־פעלעכעל צו קויפען... אין דער הויך...

דער אלטער שלאגט איהם איבער:

— אין דער הויך — זאגט ער פעסט און הארט ווי אייזען— איז נישטא קיין שול, קיין בית־המדרש, קיין קלויז צום דאווענען. צום לערנען; אין דער הויך איז נישטא קיין שטעג, אויסגעטרעטען פון קדמונים! אין דער הויך בלאנקעט מען זיך, בלאנדזשעט מען, ווייל מען ווייסט נישט דעם וועג... מען איז טאקע א פרייער פויגעל, נאר ווען דעם פרייען פויגעל, אז עס באפאלט איהם א ספק, א מרה־שחורה!...

— ווי הייסט? — שפרינגט אויף דער איגנסטער מיט הייס בלוט און ברענענדיגע אויגען.

ליידער קומט ער נישט צום ווארט, די באבע האקט איבער:

— נארישע מאנסבילען! — מאכט זי — וועגען וואס זיי קלערען... און דער רב? צי וועט איהם דער רב לאזען מל'ע זיין? צי וועט ער לאזען א ברכה מאכען איבער א קינד מיט פליגעל?...

איך גיב מיך א כאפ אויף. מיין איבערגעכטיגען אויסער דער שטאדט, די נסיעה און דאס קינד מיט די פליגעל זענען נאר א חלום געווען.—

נחת פון קינדער

וועגען נחת פון קינדער רעדט איהר?
אמאל איז געווען; נישט קיין היינטיגע סחורה!

מיין באבע, למשל, פלעגט חמשה־עשר פאקען עטליכע פער־ציג פעקלעך באקסער און ראזשינקעס מיט מאנדלען פאר אייניקלעך און אור־אייניקלעך; א בשמים־קרעמעל האט זי געהאט, די באבע. און געגאנגען — אהן א שטעקען, געקוקט — אהן א בריל. נאר די האנט האט איהר אביסעל געציטערט, האב איך איהר געפיהרט די רשימה פון די אייניקלעך; מיין כתב־יד איז איהר געפעלען — איך פלעג איהר אויסמאהלען גע'כתוב'ט די ראשי־תיבות; דער־פאר האב איך צוויי פעקלעך באקומען. איך פלעג איהר לייענען די רשימה און זי, עליה השלום, פלעגט נאכצעהלען אויף די פינגער. ביז עטליכע און דרייסיג האט איהר דער קול געציטערט פאר פחד, צי וועט איהר נישט חס ושלום פארפעהלען, פון פערציג אן האט זי ממש נאכגעזונגען... קומט צוויי און דריי און פערציג, טאנצען איהר שוין די שפיזלעך פון זאק צווישען די פינגער.

נאר דאס איז שוין דאמאלט אויך געווען אן אויסטערלישע זאך: א ברכה — האט מען געוואוסט — פון ערשטען אפטער צדיק זכרונו לברכה. אבער אייניקלעך? — וועלכער איד האט עס נישט געהאט און נישט געטאנצט אויף חתונות פון אייניקלעך? אז עס האט זיך געהערט, רחמנא לצלן, ביי א לויה, אז דער בר מנן האט אפילו נישט די זכיה געהאט צו פיהרען כאטש איין איי־ניקעל צו דער חופה, פלעגט טאקע אנכאפען א גרויל; האר און נעגעל האבען זיך געשטעלט קאפויר און א יללה האט זיך צוגאסען ווי צו „ונתנה תוקף“.

אנדערע צייטען! געבענטשטע!

עס איז דאך נאריש צו זאגען: קיין דאגות האבען נישט גע־פעהלט. הכלל? האט מען גע'דאגה'ט!... אהן דאגות וואלט א בר־

נש גאר פארגעסען, אז עס איז פאראן א בורא עולם אויף דער וועלט! און גלאט, פרואוו, עס א גאנצען טאג ריין שמאלץ! אבער דערפאר זענען געווען שמחות: דעם שניידט זיך צו מזל דאס ערש־טע צייגדעל, די האט די ערשטע חכמה געזאגט, צי דער מוטער דעם ציפיק אפגעריסען, יענע זאגט שוין „תורה־צוה־לנו“ ווי א וואסער, און דער הויבט אן חומש, יענער קנאקט א דרשה צו בר־מצוה... און חתונות, שלום־זכר׳ס, ברית׳ן, פדיון־הבנ׳ס, וואס איהר ווילט; א גאנץ געהענדיג יאהר „לעקעד און בראנפען“... א יין אייניקעל געהט אוועק און פיער קומען אן; דריי נייע חתונות פאר איין גט; אז עס קומט יום־טוב און מען הויבט אן צו רימפלען, פאלט מען טאקע פון די פיס!

און אז מען קומט צו צום ברעג, און מען ווערט גערופען אויף יענער וועלט, האט מען אן אייגענע לויה... קינדער און אייניקלעך פון עק צו עק גאס! אויסער, אז עמיץ האט מורא פאר די „רוחות לבטלה“, און וויל זרע של קימא זאל נישט געהן, אבי יענע זאלען קיין שליטה נישט האבען צו געהן נאך דער מטה, איז עפעס אנדערש!

און היינט? היינט, אז א איד מאכט חתונה, מאכט ער חתונה בסוד סודות — עס איז א בושה געווארען! אלטמאדיש!... א קינד ווערט געבוירען — על אפו ועל חמתו דעם טאטען, נאך א מויל צום עסען! דער מאמען — אודאי, זי וועט שוין נישט קאנען אפ־לייקענען, אז זי איז שוין קיין בתולה נישט... און א לויה איז: א פאר פערד מיט א שמייסער — אויב מען האט שוין קינדער, זע־נען זיי צושפרייט אין צוזייט...

נחת פון קינדער — כא, כא, כא!

ווען איך זאל האבען נחת פון קינדער, וואלט איך קיין וואר־שוי נישט געקומען, קיין שולעכעל נישט געהאלטען — און א פ־טער בין איך! עס איז אבער נישט באשערט געווען.

זיבען קינדער האב איך געהאט: דריי אינגלעך און פיער מיידלעך. זענען מיר, נישט פאר אייך גערעדט, צוויי אינגלעך און איין מיידעל אוועקגעקומען...ביידע וואוילע אינגלעך געווען —

עלויים! איינמאל איז איינער אהיים געקומען פון חדר מיט קאפ־וועהטאג און איז אפגעלעגען אכט טאג אין היץ און איז שוין צו זיך נישט געקומען; דאס צווייטע מאל, אפשר דריי חדשים שפע־טער — ד ע ר צ ו ו י י ט ע ר. דאכט זיך, געהיט ווי אן אויג אין קאפ, נישט ארויסגעלאזט אהן א שאלעכל אויפ'ן האלז, נישט ארומגעלאפען, נישט שפאצירט, זומער נישט געבאדען, ווינטער נישט געגליטשט — גארנישט. גאט, ווייס ז י י נ ע דרכים. דאס מיידעל האט לא עליכם, געקריגען פאקען... געבליבען זענען פיער נפשות, דריי מיידלעך און א בן־יחיד, און נאר איינע, די עלטסטע, האב איך צו דער חופה געפיהרט.

צוויי טעכטער וואקסען מיר אויף דער וועלט אין די גרויע צעפ אריין, און דער בן, דער בן־יחיד מיינער, בנימיז הייסט ער, נאך מיין זיידען דעם צדיק, עליו השלום, איז מיר נעלם געווארען... צוויי יאהר האב איך אפילו זיין אדרעס נישט געהאט.

און ווייסט איהר, ווען ער איז אוועק? ביי דער מוטערס לויה... ביים פרישען קבר, קוים קדיש אפגעזאגט — ער איז נישטא! קיין רגע שבעה נישט געזעסען; גלייך פון בית החיים אין דער וועלט אריין! וואלט עס אין אמאליגע צייטען א קינד איינגעפאַ־לען? און ווי אלט איז ער דאמאלט געווען — א יאהר זיבעצעהן! ערשט יענע וואך האט מען מיר דאס קישען פארקויפט על חשבון פון די דריי הונדערט רובל קנס...

און וואס מיינט איהר, האב איך דאמאלט גערעכענט? איך זיץ ביים איי מיט'ן בייגעל און קלער: ער האט זיך א מעשה גע־געטאן! ווארים געוואוסט האב איך, אז נפשו קשורה בנפשה! א י ך בין געווען ביי זיי דער גזלן, דער רוצח, זי — די גוטע, די הארציגע מאמע. און פאר וואס? ווייל איך האב געוואלט, עס זאל זיין אי צו גאט אי צו לייט. און זי עליה השלום, א נקבה, האט זיי אלץ נאכגעגעבען, מיט בייזען, פלעגט זי זאגען, טאר מען נישט! נישט די צייטען! בנימין אנטלויפט פון חדר — „זאל ער נ י ש ט לערנען, קיין רב וועט ער סיי־ווי־סיי נישט זיין". פאר וואס נים זיין? שווייגט זי. בנימין געהט ארום פוסטע־פאס אונטער דער שטאדט, ליגט אפ גאנצע טעג ביים טייכעל, אין וועלדעל, דריי וויארסט מיט א שמיץ אונטער דער שטאדט,—זי באשטעהט. בעט איך מיך באטש: יונגאטש איינער, ליגסט ביים טייך, נעם באטש

אַ װענדקע און כאַפּ אַמאָל אַ פישעל לכבוד שבת; בלאַנקעסט דיך אַרום אין װאַלד, קלײב אַן אַביסעל שװאָמען צי יאַגדעס. אַפילו שלאָף־עפּעלעך — נישט קײן גוטע צײטען. אַלײן קײן סוחר בין איך נישט, מעקלערײ בײ תבואה פאַלט. — קום צו הילף. הערט מען מיך, מײנט איהר? ער האָט ליעב צו קוקען אויפ׳ן װאַסער און אויף די בױמער, אָבער די האַנט אין קאַלט װאַסער צו טון — דאָס נישט! און זי שװײגט! און קומט ער אַהײם, באַשמירט די טישען מיט קרײד, די װענט — מיט קױלען און מאָלט קיסר־מענשען אָדער װאָס עס קומט איהם אין קאָפּ אַרײן, איז אויך רעכט! װײל איך עפּעס זאָגען — לאָזט זי נישט. און װאָס זאָל איך טון? אַזױ װי איך עפּען דאָס מױל, װערט אַ געקוקערײ אױף איהר, בעט מען זיך בײ איהר מיט די אױגען: ראַטעװעט פון גזלנ׳ס הענט! און זי דאַרף נישט מעהר. באַלד קומט איהר װאַסער אין די אױגען אַרײן, דאָס פּנים װערט איהר בלאַס און װײס װי אַ קרײד, און די הענט הײבען איהר באַלד אָן צו ציטערען, אַ שװאַכע געװען, און טו עפּעס! איך האָב אַפילו נישט געקאָנט בײ איהם פּועל׳ן, ער זאָל זיך אױסלערנען שרײבען װי אַ מענש. פון גע׳כתיב׳עט רעד איך שוין נישט; נאַר יונגאַטש, האָסט אַ געבענשטע האַנט, מאָהל מיר נאָך אַ למ״ד, אַ פּאַרדרעהטע פּ״א — ד א ס נישט! דאָס קומט דאָך צונוץ! נאַר קיסר־מענשען, בלעטער, צװײגען און שדים װײסען װאָס... און װי אַ יונג האָט קײן פּחד נישט: אײנמאָל האָט ער אױפגעמאָהלט אַ װאַסער־מענש! „האָסט געזעהן — פרעג איך — אַ װאַכער־מענש?“ — אודאי! — זאָגט ער און לאַכט.

מײנט איהר אפשר, אַז זי האָט באמת מיט זײ געהאַלטען, אַז זי האָט טאַקע געװאָלט, אַז בנימין זאָל װערען אַ פּאַרטרעטען מאַכער, אָדער שרה־לאה זאָל זיך שטעלען פאַר אַ דינסט, צי בײלע־גיטעל זאָל װערען אַ נײטאָרין? אסור־חזיר! איהרע זיפצען האָב איך געהערט. גאַנצע נעכט פלעגט זי איבערקרעכצען; פאַרשטאָר־פּען דאָס פּנים אין קישען אַרײן, דאָס געװײן צו פאַרשטיקען... און װאָס זי פלעגט אױס׳חלש׳ן און אױסװײנען ימים נוראים? גאַנצע שטיקער תחינות און מחזור פלעג איך איהר מוזען גע־כתיב׳עט איבערשרײבען; אױסגעװײקט האָט זי עס, שטיקער זענען געפלױגען, און קײן נײעם סדור האָט זי נישט געװאָלט... בעסער אַ מױד אַ בענדעל צו קױפען... אַלץ אין זײ אַרײן!

און וואס איז געווען דער עיקר געוויין? זיי האבען געזאגט, אז אויף מיר וויינט זי! באשר בכן, איך האב איהר אמאל, ווי ביי שלעכטע צייטען און שלעכטע קינדער דער שטייגער איז, א הארב ווארט געזאגט. דעם אמת אבער ו ו י י ס א י ך, איהר איינציג געבעט איז געווען, גאט זאל זיך מרחם זיין און זאל די קינדערס הערצער איבערקעהרען צו גוטען... פארשטעהט זיך, אביסעל וועגען פרנסה אויך; עס האט געפעהלט. עט!

יא, ביי וואס האלט איך? ער איז אנטלאפען...

האב איך געמיינט, דער יונג האט זיך א מעשה אנגעטאן, אדער אזוי פאר מרה־שחורה ערגעץ פארקראכען און פארבלאנדזשעט... קומען אבער אריין חברים און דערצעהלען, אז ער איז אוועק! און חברים האט ער געהאט! א בעקער־יונג, א טויבען־כאפער און גאר א גוי'שען שייגעץ. און פון אזוינע מיילער ווער איך געוואר, אז מיין בנימין איז אוועק! איבער דער גרענעץ איז ער! פארטרעטען מאכען וויל ער זיך לערנען. א שעהנע פרנסה! מען זאגט כאטש שטיבער מאהלען!

און פאר וואס, מיינט איהר, האט ער מיר צוויי יאהר נאכאנאנד נישט געשריבען, וואו ער איז? ערשטענס האט ער טאקע געליטען צרות צרורות: וואו געטאגט נישט גענעכטיגט, און הונגער, און דורשט, אין האט אי זיך געשעמט, אי אויף קיין מארקע נישט געהאט, און צווייטענס — זאל דער טאטע נישט וויסען און קיין מוסר נישט שרייבען. ווארים „פן ישמע"... טאמער שרייבט ער, און עס געהט אין הארץ אריין! דער יצר הרע ווייסט זיך שוין ווי צו באווארענען...

נאר די מיידלעך, מיינט איהר, זענען בעסער?

די עלטערע, שרה־לאה, וויל כלומר'שט נישט ליגען מיר אויפ'ן קאפ. „עס פעהלט אייך אליין," זאגט זי. מיין פלונית'טע, עליה השלום, באשטעהט. דעם סוד ווייס איך: מען האט איהר אז אלמן מיט קינדער גערעדט, האט איהר די ערד געברענט אונטער די פיס. דאס זאגט זי נאר, אז זי וויל זיך אליין פארדינען... א קאמעדיע! קוים וואס איך האב גע'פועל'ט, זי זאל מיר כאטש נישט

פארשווארצען דאס פנים אין אפט... איז זי אוועק קיין צווזמער. אבי נישט קיין אלמן! דעם אמת זאגענדיג, מיר אליין איז אויך א שאד געווען. א מיידעל ווי א גאלד, געבליהט ממש ווי א רויז. די מוטער אין די גוטע צייטען אויס׳ן אויג... און גיה ווער מיט אמאל א מאמע פון פינף קינדער, און קיין שמאלץ־גרוב איז עס אויך נישט געווען. א קליין־תבואה־סוחר׳ל, קוים ער האט זיך געשפייזט, נאר אלץ בעסער ווי אין גרויען צאפ אריין צו דינען! און עס האט זיך טאקע ארויסגעוויזען, ווער עס איז גערעכט געווען!

זי קומט פון צווזמער קיין אפט אויף דער מאמעס לויה. ביילע־גיטעל איז אויך געקומען. פון עק וועלט וואלטען זיי געקומען! די עלטערע — נישט: גראד אין קינפעט געלעגען. זיצט שבעה, און דערווייל באנקראטירט דארט אין צווזמער איהר בעל־הבית, מאכט פליטה, פאהרט אוועק צו אל׳די שווארצע יאהר; דאס ווייב מיט די קינדער שיקט ער נאך פריהער אוועק צום שווער... עס בלייבט קיין לעבעדיג נפש... אין די בעלי־חובות טרעטען צו צו דער שטוב, פארשרייבען און ליציטירען אלע זאכען, און מיין טאכטערס קעסטעל מיט׳ן גאנצען האב אין דער מיט! אהן א העמד אויפ׳ן לייב! און זי האט זיך נעבעך, געהאט אנגעקליבען א גאנצען אויסשטייער — און מיט אמאל — גארנישט! שריי איך צו איהר: נא, זעה! עס איז קיין דרך נישט, גאט וויל נישט אזוי... און פונקט האט זיך ווייטער געמאכט א שדוך מיט א גרוש, אויך מיט קינדער און דוקא נ י ש ט קיין ארעמאן, — הערט זי מיך? הויבט זי זיך אויף און אנטלויפט, ווי זי שטעהט אין געהט, קיין לובלין... און דינט דארט ביז׳ן היינטיגען טאג... זי רעכענט נאך צו קומען קיין ווארשוי. איך בין איהר מוחל!

א פאטאגראפיע האט זי מיר געשיקט — שוין גארנישט דאס קינד! גארנישט דאס... גאט ווייסט, וואס מיט איהר טוט זיך... משונה׳נע אויגען עפעס... איך האב מורא צו זאגען: ממש פאר־שארטע, היינטיגע צייטען... א חתן, הער איך, האט זי...

— ווען וועסטו חתונה האבען? — פרעג איך אין יעדען בריעף.

אויף אלץ ענטפערט זי; אויף דעם — נישט!

נאָר דאָס אַלץ איז גאָרנישט געגען דעם, וואָס די אינגערע האָט מיר געטאָן! דאָס קאָן קיין פאָלק זעלנער נישט טון...

אַ מיידעל איז אַ נייטאָרין, זיי אַ נייטאָרין! ווילסט אוֹ י ך נישט חתונה האָבען, איז נישט! טו נאָך דער עלטערער שוועסטער! אַז עס איז אַ שטראָף פון זיין ליעבען נאָמען! ווילסט דו, זוך דיר אַליין אַ חתן... די מאַמע, עליה השלום, לעבט נישט, בין אִ י ך דער גוטער, באַשטעה אִ י ך! זאָגט זי אָבער, אַז מען צאָהלט איהר אין אַפּט וועניג, כאַפּט זי זיך אַריבער קיין אָסטראָווצע. איז דאָרט, אַפּנים, אויך נישט בעסער, איז זי מיר מודיע (זי איז כאָטש מודיע!), אַז זי פאָהרט אַריבער קיין ראַדאָם... און פאָהרען פאָהרט זי אַליין! לית דין ולית דיין — פאַר קיינעם קיין מורא נישט! אין ראַדאָם ראָט מען איהר, זי זאָל בעסער אַריבער קיין וואַרשוי. וואָס איז ביי איהר וואַרשוי? פאָהרט זי קיין וואַרשוי און שרייבט מיר פון דאָרט נחת! פאַרדינט שוין אַזוי פיעל און אַזוי פיעל, מעהר פאַר שרה־לאה'ן... אויב איך ד אַ ר ף, וועט זי מ י ר שיקען... מן הסתם דאַרף איך נ י ש ט. דאָס הייסט, געדאַרפט וואָלט איך, איך האָב שוין געהאַט די שטוב פאַרקויפט, נאָר — מוחל! דערנאָך ווערט שטיל. עס געהט אַוועק אַ חודש, צוויי און דריי חדשים — קיין תמונת אות; ווי אין אַ וואַסער אַריין. פאַרקויף איך דאָס לעצטע העמד און כאַפּ מיך אַראָפּ קיין וואַרשוי — זי ז י צ ט! דאָס סמאַרקאַטע מיידעל ווערט אַ מורד במלכות! אַז מען צאָהלט איהר נישט, וויפיעל זי וויל, וויל זי די וועלט איבערקעהרען, לויפט זי אַרום מיט אַ רויטער פאָהן... בעט איך מיך, מען זאָל זי אָפּשמייסען און אַן עק; זאָגט מען מיר (און קוים איך האָב פאַרשטאַנען, וואָס מען זאָגט!), אַז שמייסען טאָר מען נישט. בעט איך מיך: גיט זי מיר אין די הענט אַריין, אַ טאַטע מעג! הערט מען מיך ווי דעם רב, און מען פאַרשיקט זי אין טיף רוסלאַנד... אויף גאַנצע פינף יאָהר!

דערווייל האָב איך שוין נישט מיט וואָס צוריק אַהיים צופאָהרען, שלאָגט מען מיר אָן אַ שולעכעל צו דינגען, דינג איך אַ שולעכעל, גיב די לעצטע פאַר רובל האַנט־געלט; עס געהט צו ימים נוראים, וועט זיין פרנסה... מאַכט זיך אַ מעשה, נעכטיגט עמיץ איז שולעכעל אַהן אַ פּאַס. פון וואַנען זאָל איך וויסען, אַז אין אַ שולעכעל טאָר מען בכלל נישט נעכטיגען און אַהן אַ פּאַס

איז סכנת־נפשות? האָב איך דאָך אָבער זכות־אבות פון טעכטערל — פאַרמאַכט מען מיר דאָס שולעכעל... בעט איך זיך, הייסט מען מיר שרייבען פּראָשעניעס, נו, שרייב איך פּראָשעניעס... הענגט עס אַזוי... דערווייל רוקט אַן די צייט, מאָנט מען ביי מיר 300 רובל פאַר בנימינ׳ען. און ער שרייבט, אַז פּאַרטרעטען מאַכען קאָן ער שוין, ברוך השם, נאָר פאַרדינען פאַרדינט ער נאָך נישט. דערוויל פאָהרט ער אַריבער אויף אַ בעסערען אָרט און וועט מיר שרייבען פון דאָרט!

זעהט איהר, פון דער ערשטער טאָכטער וואָלט איך יאָ נחת געהאַט. אַ צדקת, שוין 5 קינדערלעך, ברוך השם... נאָר אַז עס געהט, געהט! מאַכט זיך אַ מעשה, אַ סבה, רחמנא לצלן! געטאָן האָב איך מיט אַ סוחר פון בראָטקאָוו, מיט אַן אָנגעשטאָפּטען עושר. נו, געהט נאָך אַ פּאָר יאָהר דער יונגערמאַן אַראָפּ פון קעסט און הויבט אַליין אָן צו האַנדלען מיט האָלץ. איך בין אפילו געוועזן ברוגז דערויף, — זיץ און לערען נאָך אַ פּאָר יאָהר! מילא, איך בין שוין געוואוינט, אַז מיך הערט מען נישט. מאַכט זיך אָבער צווישען טאַטען מיט׳ן זוהן מחלוקת. דער טאַטע הייסט קויפען, נעמט ער און פאַרקויפט, און פאַרקעהרט. היינטיגע צייטען: די אייער זענען שטענדיג קליגער פאַר די היהנער... איז ער דאָך אָבער מ י י ן אייִדעם, און בטבע אַ כשר׳ער יונגערמאַן, האָט ער מורא, ער זאָל נישט עובר זיין אויף כבוד־אָב, ציהט ער זיך אוים קיין ראַכאָוו. דאַכט זיך, גלייך? ביי דער ווייקסעל! פאַלט ער אַריין נישט, חלילה, מיט׳ן מסחר. גאָר פאַרקעהרט, דאָס געשעפט געהט קיין מעשה נישט. נאָר גאָר אַ זייטיגע זאַך! מאַכט זיך אין ראַכאָוו אַ שרפה. יאָגט די פּאָליציי, מען זאָל ראַטעווען. שטעהט אַ טויבער איד און הערט נישט, וואָס מען וויל פון איהם. קומט אָן אַ נייער סטראַזשניק, ווייסט ער נישט, אַז דער איד איז טויב און הערט נישט, מיינט ער — אַ מורד במלכות, דערלאַנגט ער איהם אין קאַרק. איז דאָך מיין אייִדעם אַ ברען פון אַ יונג, קאָן ער קיין עולות נישט לײַדען, נעמט ער זיך אָן. צום שלים־מזל קאָן ער אַביסעל רוסיש — רעדט ער אַנטקעגען. אַ וואָרט צו אַ וואָרט —

ער לייזט אַ קלאַפּ! מילא, אז מען קריגט אַ קלאַפּ, איז נאָך קיין אומגליק נישט. ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז דער בעל־הבית פון הויז איז געווען פריש אַסעקורירט, שיקט די אַסעקוראַציע אַראָפּ איהרען אַ מענש; איז ער חוקר ודורש, צי עס איז נישט געווען אונטערגעלעגט. טענה'ט דער בעל־הבית, אַז ער איז דעם טאָג גאָר אין דערהיים נישט געווען, ער איז גאָר געווען אויף אַ יריד ערגעץ אין דער סביבה. זאָגט דער חוקר ודורש: אפכא מסתברא! ווי קומט אַ בעל־הבית, וואָס פיהרט קיין מסחר נישט, אויף אַ יריד? האָסט דו געהייסען אונטערלעגען! זוכט מען די שותפים צו דער עברה, פאַלט דער חשד אויפ'ן טויבען איד מיט מיין איידעם; באשר בכן, זיי האָבען נישט געלאָזט ראַטעווען... זעצט מען זיי דערוויילע איין! ווערט אַ געוואַלד, איז מען מודיע דעם מחותן, קומט ער צולויפען און וויל שיטען מיט געלט. מאַכט מען, ערש־טענס, אַ פּראָטאָקאָל אויף חורש... צווייטענס, איז עס אַ סימן, אַז דער חשד איז אַ חשד! וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען? ער איז אָפּגעזעסען זעקס חדשים און איז בדיל הדל געוואָרען! דאָס האַלץ אויף דער ווייקסעל האָט זיך צושלאָגען, די חובות זענען געוואַק־סען... ער האָט נאָך דעם פאָטער מיטגעשלעפּט...

די טאָכטער פרעגט מיך אָן, צי קאָן איך נישט צו הילף קומען מיט אַ פּאָר גילדען!

באַ, מען זאָל מיר עפענען דאָס שולעבעל, אפשר יאָ!

איהר האָט גאַרנישט געוואוסט, אַז עס דרעהט זיך צווישען אייך אַרום אַ איד מיט אַזוינע שטיינער אין בויך?

נאָך וואָס האָב איך אייך געזאָלט דערצעהלען? א י י ן מענש דעם א נ ד ע ר ע ן העלפט נישט. העלפען קאָן נאָר השם יתברך... נאָר היינט איז מיר שוין דאָס האַרץ איבערגעגאַנגען, האָט עס זיך אויסגעגאָסען...

אַ פּאָר מייל פון אָפּט, — דער קאָפּ איז מיר אַזוי פאַרדרעהט, אַז איך האָב פאַרגעסען, ווי דאָס דאָרף הייסט — זיצט אַן אָרענ־דאַר, אָבער ער זיצט — אויף אַלע אידען געזאָגט! אפילו אַ שפּל, קוים עברי, און, ווייס איך, אַ משפחה! נאָר אַז גאָט וויל, שיסט אַ בעזעם, ווערט ער פון גאַרנישט אַ פאַקטאָר ביים יונגען פריץ... אַז דעם פריץ האָט זיך פאַרגלוסט א ו י ס ל ע נ ד י ש עולם־

הזה, פאהרט ער זיך אוועק, און לאזט איהם איבער דאס מילכיגס — עטליכע און זעכציג קיה. שארט ער! דער פריץ דארף וואס אמאל מעהר געלט — ווערט פון יוסלען — יוסף הייסט ער — אן ארענ־דאר; צוויי דערפער! אז גאט וויל! האט ער א טאכטער, דער יוסף, א מיידעל אפילו נישט זעהר קיין שעהנס, — קענען מיינע־בקוף בפני אדם... נאר געטווישט וואלט איך מיך. א שטילס, א פרומס, אן אמת־בעל־בתי'ש קינד. איך ווייס נישט, ווי עס קומט גאר אין דארף אריין צו אזא עם הארץ! א ווייב האט ער — עט איך וויל נישט בארעדען, נאר אין א אידיש הויז אריין קאן מען זי נישט לאזען. אז זי קומט אויף ימים נוראים קיין אפט, האבען די ווייבער אין שול דעם גיהנום — אן אויפגעקומענן (אמאל א שפחה געווען) שטיק מרשעת! נאר ווייטער דאס אייגענע — אז גאט וויל, געראטען קינדער אויך. איהר האט געזאלט זעהן איהר דאוונען אלע אין דער פריה; איהר הכנסת־אורחים, אז עמיץ קומט אין דארף אריין; איהר דרך ארץ פאר א איד א למדן... וואס זאל איך אייך זאגען? א ברכה פון גאט. קומט ער אמאל, דער יוסל, דאכט זיך ראש השנה צי סכות, צו מיר צו אויף דער מזרח־וואנט ארויף, און מאכט צו מיר: ר' חיים, איך גיב אלף קארבען! — בנימין, הייסט עס, איז איהם אין די אויגען אריינגעפאלען... מען האט נאך דאמאלט נישט געוואוסט, וואס אין איהם שטעקט. און א שעהן אינגעל איז ער געווען און מיט א רחמנות־פנים'ל... מילא, וואס זאל איך אייך זאגען, ווערט מיר היים אין אלע אברים. יא, טאקע ראש השנה איז עס געווארען. פאר'ן למנצח, מען האט געווארט אויפ'ן בעל־תקיעה... זאג איך איהם: „נישט אצינד איז די צייט!“ איך וויל דאך נישט צופאלען, ווי צו א הייסער בולקע. „נאך יום־טוב — זאג איך — שיק א שדכן!“ איך זאג איהם „דו“, איך קען דאך איהם, זינט ער איז נאך ווייס־איך־וואס געווען — ביים בעקער גענעכטיגט, געוואלט זיך פאר א באהעלפער שטעלען, און האט זיך קיין עברי נישט געקאנט אויסלערנען... שיקט ער נאך יום־טוב א שדכן, מיין בנימין, פארשטעהט זיך, שטעלט זיך קאפ־פויר; זי, עליה השלום, איז שוין גאר שוואך געווען, האלט זי מיט בנימינ'ען. אהער, אהין, איך ווער דערוויל געוואר, אז דער אייגע־נער שדכן האט איבערגעדרעהט דעם עסק אויף א שדוך פון ווארשוי, מיט א פלייש־הענדלער. אפשר קענט איהר איהם, רעגענבוי־

גען הייסט ער. נו, פארפאלען, נישט קיין זווג אפּנים. ווער איך יענע וואָך געוואָר, אז דער אייגענער רעגענבויגען שטעלט צו פּלייש אין תפיסה אריין און איז אַ קרוב למלכות — אויסגעקאַכט מיט אַלע קנעפּ. דאַרף איך דאָך וועגען דער שול אַ פּראַטעקציע. פרעג איך מיך נאָך — עס האָט מיך געקאָסט גענוג געזונט און טרחא.— וואו דאָס פאַר־פּאָלק וואוינט, און לאָז מיך אהין. זי קען דאָך מיך, וועט זי בעטען דעם מאַן; ער — דעם פאָטער, אפשר וועט עס פּועל־יוצא זיין. זאָל כאָטש זיין אַן עק; אָדער עפּענען, אָדער אָפּ־זאָגען! לאָמיך נישט הענגען אין דער לופטען. וועט מען מיר אָפּ־זאָגען — לאָז איך מיך צופּוס קיין אָפּט. דאָרט, ווי עס איז, וועט מען מיך נישט לאָזען אויסגעהן אין דחקות. וואַרשוי איז דאָך אַ תהום! קום איך אהין — לאָזט זיך וועגען פּראַטעקציע אויס אַ בוידעם, עס איז גאַרנישט דאָס פּאָך. מיין עסק איז אין ראַטהויז, און ער שטעלט צו צום פּאַוויאַק... עס איז גאַרנישט דאָס, אַ שפּאָס — וואַרשוי!

דערווייל האָט מען מיך פאַרבעטען אויף שבת. ער אפילו נישט. אַ וואַרשעווער פּראַנט, און איך — איהר זעהט דאָך! קוקט ער אויף מיר ווי אַ האָהן אין בני אדם — ער וואוינט דאָך אויף דער מאַרשאַלקאָווסקי גאַס! נאָר זי, זי ווייסט דאָך, ווער איך בין! חלש'ט זי, איך זאָל קומען. זאָלט איהר זעהען אַ בעל־בתי'שקייט! דריי שטובען מיט אַ קיך, געבעט מעבעל, און דער פאָטער איהרער שיקט פון דאָרף פּין אַלעם גוטען: מעהל, היהנער, אינדיקעס — — און זי איז אַ כשר'ע צנועה, אַזאַ מין גוטסקייט, אַזאַ אידישער חן... טראָגט אפילו נישט די אייגענע האָר... און דער בחור מוז זיך, איהר צוליעב, וואַשען צום עסען, מוז בענטשען, זי לאָזט איהם נישט אָפּ... אָה!

טראַכט איך מיר — — נאָר וואָס העלפט דאָ טראַכטען? נישט באַשערט געווען! נאָר ביטער אויפ'ן האַרץ איז מיר געוואָרען. ווייס איך, צי מיין בנימין וועט אמאָל חתונה האָבען, און ווער זיין זווג וועט זיין?

מעהר אהין געה איך נישט!

אויף א זומער־וואוינונג.

מקיים צו זיין דעם דאקטארס באפעהל, פארברענג איך א גאנ־צען חודש אויף א זומער־וואוינונג...

נאר אינגאנצען ארוים אויפ'ן דארף האט מיך דאס הארץ נישט געלאזט און די פאליציי נישט געראטען, וואוין איך מיר אין אן עק פון א קליין שטעדטעל, נישט ווייט פון וואלד און טייך. א שטוב האב איך אפגעדונגען ביי א געוויסען אברהם'ל סוחר.

גאנץ אידישליך — שטרענג בשר און דאך פאעטיש. איך שפאציר אין וואלד און קלייב שוואמען; בארג דאס קאנדעל ביים פישער און לאז מיך איבער'ן טייך, אדער זעץ מיך אויפ'ן ברעג און כאפ פיש... יעדען פארנאכט הער איך די נאכטיגאל, מיט איין ווארט — א גן־עדן.

איינמאל, — דעם צווייטען, צי דעם דריטען טאג נאך מיין אנקומען, — איך געה צוריק פון פריה־מארגענדיגען וואלד־שפא־ציר, און דערזעה ווי ר' אברהם'ל לויפט מיר אקעגען.

א בשורה טובה: תנאים שרייבט ער.

איך רעכען, ער וויל אויך היינט מיינער פטור ווערען.

— זאל אייך זיין צו מזל, — ענטפער איך איהם מיט א שמייכעל — איך וועל אייך נישט שטערען; איך וועל מיך שטיל אריינ־באפען אין מיין צימער, איבערטון און געהן, עפעס אין מויל אריינ־באפען, אין שטעדטעל אריין.

— ניין, ניין! — האט ר' אברהם'ל זיך חשק צו באליידיגען.

— עסען מוז איך צוזאמען מיט אלע, נאך די תנאים... עס וועט זיין פיש און פלייש... דערווייל אבער איז מיין שטוב פאר־נומען.

די מחותנת'טע מיט דער כלה איז דארט. ער האט מיך גע־זוכט, געוואלט נעמען דערויף רשות, און נישט געפונען...

— עס וועט נישט לאנג דויערען, — טרייסט ער מיך, — זיי טועז זיך שוין אן.

— שאדט אויך נישט, בארוהיג איך איהם, — איך וועל מיך דא אפרוהען... פאר'ן הויז אויף דער באנק.

— א שעהנעם דאנק! — זאגט ער און לויפט צוריק אין שטוב אריין.

איך זעץ מיך אונטער די פענסטער, אויף דער גראז־באנק, וואס לויפט איבער דער גאנצער לענג פון הויז.

געטראפען האב איך פונקט צום פענסטער פון דער גרויסער מיטעל־שטוב; פון פענסטער רייסען זיך ארויס ווילדע קולות מיט זלזולים.

איך ווער באלד געוואר אין וואס עס געהט.

שדכנים קריגען זיך, מחותנים לעגען זיך אריין אין שלום, ווי־לען מאכען א פשרה, און עס געהט נישט.

יעדער צד שרייט: כלו שלי! יעדערער רעכענט זיך פאר'ן אמת'ן שדכן; ער האט אנגעהויבען, ער האט אויסגעפיהרט...

איך רוק מיך אן צום צווייטען פענסטער, צו מיין אייגען פענסטער.

— א גאלד, טאכטערשי, א גאלד! — דערהער איך א צוגא־סענעם קול. אנגעטרענקט מיט אויפגעשוואלען נחת.

עס איז חנה'ס ר' אברהם'לס ווייבס, קול.

עס הערט זיך א גערויש פון זיידען־צייג.

— דו ביסט א גאלד... דאס קליידעל איז א גאלד...

ווייטער א גערויש פון זיידענ־צייג.

— טאכטערשי, וואו זענען מיינע אויגען געוועזען! איך בין דאך גאר אויף גאר דיר קיין מבינה נישט געוועזען! א פארנע־מעניש, א פארבלענדעניש... עס זאל דיר קיין עין־הרע נישט שאדטען!

און אביסעל רוהיגער מאכט זי:

— הערסט, טאכטער! — אסור זאל מיר זיין, — איך פארגין גארנישט דעם מחותן אזא שנור! וואס איז, פארדינט האט ער עס? זיינע אבות האבען זיך געמיהט? און די מחותנת — זי וועט דאך גאר די כפרה ווערען פאר דיר!

— מאמעשי, — בעט זיך די כלה, — מען הערט דאך יעדעס ווארט.

אַן אנדער קול האט זי היינט די כלה, ווייך און אזוי פיינ־קלינגענדיג.

— האב איך א פּאק! וואס זאל איך מיך שעמען? נאר ד א ס, הערסט דו, זאג איך דיר; זאל ער זיך אונטערגארטלען, דער מחותן, פאר'ן חתן מלבושים מוז ער געבען — כיד המלכות!

פון אונטער דער חופה נעם איך דיך אפּיר!

עס קומען ארוים ביידע מחותנים.

ר' אברהם'ל מיט'ן שפּיציגען בערדעל און שארפע אויגעלעך, און אַן אפּגעלאזענער, בעל־בת'ישער איד מיט א ברייטער בלאנדער באָרד און לאנגע, געלבליכע ברעמען.

— זאָלען זיי זיך שלאגען קאפּ אַן וואנט, די עקשנים, — מאכט ר' אברהם'ל, — זאָלען זיי זיך די קעפּ אפּרייסען, — מיר וועלען דערוויייל מגביל זיין זמן החתונה.

— מיינעטוועגען...

— די חתונה... — ציהט ר' אברהם'ל.

— קאן זיין למזל... העלפט פיל אונטער דער מחותן.

— ולשעה מוצלחת —

— ווייסט איהר וואס, ר' אברהם'ל, — דערמאנט זיך דער מחותן, — איך האב אייך געוואלט... אייגענטליך, געוואלט פרעגען...

נאר ער ענדיגט אויך נישט. עס קומט ארויס די מחותנת, א אידענע אין די מיטעלע יאהרען: א גלאנצענדיג פּנים, פליהענ־דיגע בענדער, טאנצענדיגע, לאנג־געקייטעלטע אוירינגלעך אין א שרייענדיג העל קלייד מיט אומרוהיגע קאנטראפּאלדען, וואס ווארפען זיך רעכטס און לינקס ביי יעדען טריט...

— ר' מחותן, — ווענדט זי זיך צו ר' אברהם'לען, — וואס האט מען עפּעס פארשפּארט חתן־כלה אין די שטיבער... וואס איז? פאר ציימענס איז עס? זיי מעגען זיך אביסעל דורכגעהן פאר'ן הויז...

— ווים איך? — שמייכעלט ר' אברהם'ל — אין מיינע

צייטען האט מען זיך נ י ש ט אזוי נוהג געוועזען... מיין רחל'ען האב איך א חודש נאך דער חתונה אין פנים אריין נישט געקאנט קוקען... ווי מיינט איהר, מחותן?

און אז דער מחותן לאזט ארויס פון זיך א מרוק, נישט אהין, נישט אהער, ענדיגט ר' אברהם'ל:

— נו, מילא... אז די מחותנת וויל...

— אויף מיר די עברה, מחותן!

זי פארשווינדט, און עס באווייזען זיך חתן־כלה. זיי געהען פארביי, אפגערוקט איינס פון צווייטען... זי קוקט פאר זיך, אין דער לופט אריין, ער קוקט אויף די פיס און שטאלפערט איבער יעדער שטרוי.

איך באמערק ערשט רעכט די כלה. יונג איז זי און פריש: אייגענטליך, צו פריש און צו יונג... נאך א פארשלאסענע רויז, עס שלאפט נאך אין איהר די פרוי... נאר מען זעהט שוין בחוש, אז עס איז געגנוג איין קוש (נאטירליך, נישט פון דער מוטער) זי זאל אויפוואכען, די רויז זאל זיך אויסוויקלען, צופלאקערען, און די יונגע, קוים געהויבענע ברוסט זאל שטורמען, דאס יונגע בלוט זאל אויפלעבען און שלאגען אין די אדערען... און דאך, חוה'ס טאכטער: רוהיג קוקט זי זיך צו, ווי אינעווייניג אין איהר הויבט אן עפעס נייעס צו שפראצען, צו בליהען עפעס גאר נייעס!... נייגעריג קוקט זי, דאך נישט דערשראקען.

דערשראקען איז ער; אינגלעד אנטוויקלען זיך לאנגזאמער, ער זעהט פיעל קינדישער, אינגלישער אויס.

ביי די שלייפען, אונטער דער בלאסליכער, פיין געראָויטעלטער הויט שפרינגען טעליכע דינע, בלויע פעדים... דער בליק איז ווילד־פארוואונדערט, דערשראקען.

דער פארשטעהט שוין נישט, וואס עס געשיהט אין איהם, וואס עס ווערט אין איהם געבוירען... וואס עס רייסט זיך, יאכצט און קלאפט אזוי טיף אין יונגען הארץ.

און איך קריג זיי ביידע ליעב; אזוי ניי, אזוי פריש, אזוי ערנסט, און דערביי אזוי קינדיש...

„פאר'ן הייז" האט מען געזאגט, און דאך פארשווינדען זיי דעבטם הינטער'ן וואלד...

— היהנער־פּרעסער... כל־בו'ניק... מגושם... עוכר־ישראל... האַקען מיר איבער די געדאַנקען, די קולות פון די שדכנים.

איך רוק מיך נעהנטער צו די מחותנים, וואָס ווילען אַלץ ענ־דיגען דעם פריהער אָנגעהויבענעם שמועס.

— הכלל? — פרעגט אַביסעל אומגעדולדיג ר' אברהם'ל.

— יאָ, וואָס האָב איך געוואָלט זאָגען, — האַקט איבער דער מחותן... עיקר שכחתי...

— וואָס, מחותן?

— איך האָב אייך געוואָלט פרעגען, געוואָלט האָב איך...

— וועגען וואָס? — פרעגט אומרוהיג ר' אברהם'ל.

— וועגען נדן... א י ך האָב געבראַכט מזומן...

— אַה!

— און איהר?

— איך, — שטאַמעלט ר' אברהם'ל, — כמעט... נ י ש ט אינגאַנצען.

— דאָס הייסט?

— צוויי הונדערט מזומן...

דער מחותן פאַרקרימט זיך!

— אויף דער רעשט, — ענדיגט ר' אברהם'ל — אַ וועקסעל; איך קאָן צוגעבען אַ חרם קוויטעל.

— אַ וועקסעל, — ענטפערט קאַלט דער מחותן, — איז נישט קיין מזומן... אין די ראשי פּרקים שטעהט: במזומנים, במ־זו־מ־נים...

— אמת... — איז ר' אברהם'ל מודה, — נאָר איהר ווייסט דאָך... סוחר'יש געלט... צושפּרייט... צוזייהט... איידער מען נעמט צוזאַמען.

דיקע טראָפּען שוויס באַווייזען זיך איהם אויף די איינגעפאַ־לענע באַקען.

— פיער חדשים נאָך ראשי פּרקים...

— איז פיער — — — —

— קיין וועקסעל נעם איך נישט, — שניידט אָפּ דער מחותן נאָך קעלטער און וויל זיך אויפהויבען פון באַנק.

ר' אברהם'ל פארהאלט איהם ביי דער פאלע.

— מחותן, — זאגט ער מיט א הייסען אטעם — מאכט נישט ליטען געלעכטער... איהר ווייסט, איך בין א בטוח... איהר ווייסט, אז איך בין, ברוך השם, אן עושר...

— וועקסעל איז נישט קיין מזומן.

— ווילט איהר, הייסט עס, איך זאל אצינד געהן אין שטעדטעל אריין... וואס? תוך כדי דבור געהן אין שטעדטעל אריין שאפען זיך געלט! וואס? קריגען, דאכט זיך, וועל איך, ברוך השם:—

— אודאי וויל איך... — שמייכעלט דער מחותן.

— נו, אז איהר ווילט, וויל איך נישט!

— להכעים?

— להכעים.

אצינד ווערט דער מחותן בייז! ער שפרינגט אויף ווי געביסען, בלאס, מיט ברענענדיגע אויגען, און רופט:

— שמואל!

און, אז קיינער ענטפערט נישט, שרייט ער נאך העכער:

— שמואל, שמו־אל!

עס הערט זיך א ציטעריגער קול פון דער רעכטער זייט וואלד:

— וואס, טאטעשי?

דער כעס ביים מחותן וואקסט.

— אהער זאלסט דו געהן, שייגעץ איינער, אז א טאטע רופט! די מינוט, הערסט?

שמואל באווייזט זיך.

ער לויפט אהן אטעם; די כלה לויפט איהם נאך פארוואונדערט, דערשראקען, מיט ברייט געעפענטע אויגען.

— מיט א פרעמד מיידעל — שפאצירט מען נישט! הערסט? עס איז שוין נישט דיין כלה! די מינוט געה אהיים... טו אויס די שבת'דיגע קאפאטע, נעם די וואכענדיגע און היידא — אין בית־המדרש אריין...

— וואו ביסטו, — רופט ער צו דער שטוב, — שפרינצע?!

פארשטיינערט שטעהט דער חתן, די כלה לאזט ארויס א געוויין...

דערשלאָגען, פאַרלוירען שטעהט ר' אברהם'ל...

— — — — — — — — — — — — — — — —

אויפ'ן ברעג פון טייך זיץ איך, אין שאָטען פון וואַלד.

בלוטיג איז אונטערגעגאַנגען די זון, זילבערען בלאַס איז ארויס־געשוואומען די לבנה...

אין קריסטאַלענעם וואַסער־שפּיגעל שלאָגט זיך אָפּ דער הי־מעל... און דער אָפּגעשפּיגעלטער זעהט מיר אויס שענער, פיינער און עכטער... א שאָד וואָס ער צורייסט זיך אָפּט! א שטיל ווינ־טעל טרייבט, דער וואַסער־שפּיגעל ריטשט זיך, רונצעלט, שרומפּט איין...

שטיל רוישען די בלעטער, שטיל ציטערען די וואַסער־רעדלעך אויפ'ן טייך... שטיל גיסען אויס די בלומען זייער אָטעם, שטיל... פון ווייטען, טרילערט עפּעס א פויגעל...

איך זיץ ווי פאַר'כשופ'ט... איך אָטעם אויף א נייער וועלט, אין אַן אַנדערער, ריינער, הייליגער לופט. פריש איז דאָ אַלץ און ניי, ווי ערשט פון באשעפערס הענט ארויס...

עס בענקט זיך דאָ אַזוי זיס... מען קריגט דאָ אַלץ אַזוי ווייכ־הערציג ליעב, עס גיסט זיך אַזוי אַלץ צוזאַמען מיט דער נשמה...

א שוואַרצער פלעק באַווייזט זיך אויפ'ן טייכעל פון ווייטען... א קליינער פישער־קאַהן... דאָס וואַסער רוישט עס ליעבליך ארום, עס באַוואַרפט עס מיט'ן שוים ווי מיט ווייסע, דראַבנע בלימלעך, און די פאַליע לעבצט און קושט עס אויס אַלע גלידער...

מיין באַקאַנטער וואַסיל, א יונגער פישער, רודערט און זינגט:

מיין הימעל, מיין הימעל — דיין פּנים,
די אויגען דיינע — די שטערען.
דער ריינסטער קלאַנג פון גן־עדן
לאָזט אין דיין שטימע זיך הערען...

דו ביסט מיין ליעב', מיין נשמה.
צי וואָלט איך אָהן דיר דען געלעבט?
פון דיינע, די ליכטיגע שטראַלען
איז ז י, מיין נשמה, געוועבט!

דו ביסט מיין ליעב' און מיין ליידען!
פון הארפע דער גאָלדענסטער קלאַנג!
פון די ליפּען, פון דיינע דער כשוף —
דאָס איז מיין איינציג געזאַנג!

ער זינגט שוין נישט און דאָס ליעד ציטערט מיר נאָך אין די אויערען...

דאָס זעלבע איז מיט'ן טייך, מיט'ן וואַלד... יעדעס בלאַט, יעדעס רעדעל איבער'ן וואַסער זינגט עס... דאָסזעלבע טרילערט פון ווייטען די שטילע, זיסע נאַכטיגאַל; מיט דעמזעלבען אָטעם יעדע בלום... אַלץ איז צוזאַמענגעגאָסען אין איין פאַרלאַנגען, איין בענקעניש, איין נשמה...

דאָס שיפעל גלייכט זיך אויס מיט מיר, א ניי ליעדעל קלינגט, שאַמיסאָס באַקאַנט ליעדעל:

גערענקסט דו די נאַכט, ווען פאַר'כשופ'ט
מיר זענען בייזאַמען געזעסען;
אויסער אין הימעל די שטערען
פון אַלע, פון אַלע פאַרגעסען!

די שטערען, די וועל'ן ניש' דערצעהלען!
מיר האָבען זיך לענגער פאַרווייל'ט...
פאַלט פּונקט פון הימעל אַ שטערן,
און האָט עס די וועלען פאַרצעהלט...

עס טאַנצען די לוסטיגע וועלען,
גאָט האָט זיי א מעשה באַשערט!
זיי טאַנצען פאַר שמחה און קלאַטשען,
דער רודער האָט אונטערגעהערט!

דער רודער, דער פרומאַק, דער רודער,
ער סקריפּעט פאַר כעס, פאַר פאַרדראָס!
דער רודער, ער ליידט נישט קיין עולות,
אַ ל ץ זאָגט ער אויס דעם מאַטראָז!

דער מאכט שוין דערפון זיך א ליעד׳ל,
באלד ווערט דאס ליעדעל פארשפרייט!
געוועז איז אמאל א געהיימניש,
היינט זינגען עס קינד שוין און קייט!

ער פארשווייגט... דיקער און הייסער ווערט די לופט, דיקער און דעמפיגער דאס בלוט ביי מיר אין די אדערען... איך בין ווי בארוישט, און אזוי, דאכט זיך מיר, איז אלץ ארום מיר...

באלד פלאצט דאך דער כשוף; אפגעשוואומען א ווײלע שטיל, הויבט וואסיל אן א דריט ליעד, א פאלקס-ליעד, א פרעהליכס:

קוש מיך, מיין טייערע, האלז מיך!
קוק נישט אויף מענשען גערייד!
די ליעבשאפט איז איבער׳ן לעבען
ווי׳ן גאלדענער שלייער פארשפרייט!

—„א, לעבען מיינס. לעבען, איך שרעק מיך!
די מאמע, זי טוט מיר אן לייד!
פארוואס איך שפאציר אלץ באזונדער,
די חבר׳טעס פארוואס איך מייד?“

א, קוש מיך און האלז מיך, מיין ליעבע!
דער מאמען זאג: כ׳האב זיי נישט האלד!
צושויבערט און מאס זענען אלע,
איך איינע — א מיידעל — א גאלד!

— „איך שרעק מיך, איך שרעק, מיין לעבען,
דער טאטע, דער טוט מיר אן לייד;
פארוואס איך בין ווילד ווי א סארנע,
בחורים פארוואס איך מייד?“

האלז מיך, א, לעבען מיינס, קוש מיך!
זאג איהם: וויל קיינער געפעלט!
פויערען-פאלק זענען זיי אלע,
איך וויל א פישער — א העלד.

— „איך שרעק מיך, מיין לעבען, איך ציטער!
די באָבע, זי טוט מיר אָן לייד!
זי זאָגט, איך וועל אַלעמאָל דיקער;
עס פּלאַצט אויפ׳ן לייב מיר דאָס קלייד!

— „אוי, ס׳איז ווי בוימאויל אויף וואַסער!
שוין נישט צו באַהאַלטען אַצינד!
נאָך אַ קוש גיב מיר, מיין לעבען,
און זיי מיר אויף אייביג געזונט...“

עס בלייבט ווייטער שטיל, און אַלץ בלייבט שטיל, דאָס האַרץ מיינס אויך...

— כאַ, כאַ, כאַ!

קלינגט פּלוצים אויף אַ געלעכטער... ווער לאַכט? איך, צי אַלץ ארום מיר?

אַלץ לאַכט, דער שעלמישער טייך, די בליצענדיגע שטערענ־לעך... די אַלטע לבנה לאַכט... די בלומען ארום מיר קיכערען... וואָס דען האָסט דו געמיינט?... אַזוי איז עס... כאַ, כאַ, כאַ...

די נאַכטיגאַל ענדערט אויך דעם טאָן... ווי זי קנאַקט אַצינד... ווי פאַרשייט, ווי פרעך! —

מיך וועקט פּלוצלונג ר׳ אברהם׳לם קול.

— וואו זענט איהר, וואו? איך האָב מיר שוין די פיס צו־בראָכען אייך זוכענדיג...

און אַז ער דערזעהט מיך —

— געענדיגט צום מזל... שוין טעלער געבראָכען...

ער פאַרבעט מיך צו דער סעודה.

אינהאלט:

רייזע בילדער — זייט

א. פארדערע — 7
ב. בטחון — 8
ג. נאר געה — 10
ד. וואס דארף א אידענע — 12
ה. נומער 42 — 14
ו. דער משכיל — 19
ז. דער טישאוויצער רב — 23
ח. דערצעהלטע מעשיות — 26
ט. א איננעלע — 36
י. דער יארציעווער רב — 38
יא. לאשטשאוו — 42
יב. די ערשטע פרואוו — 44
יג. די צווייטע פרואוו — 48
יד. אין שוחט'ס הויז — 50
טו. די סקולער רבי'צין — 53
טז. אסעקורירט — 57
יז. דער נשרף — 60
יח. דער עמיגראנט — 64
יט. דער משוגע'נער — 66
כ. בלאנקעטען — 69
כא. דער למ"ד־ווו'ניק — 70
כב. דער מסר — 74

ר' בערעל — 78
דער נדבן — 85

זייט

דאס וואסערל — — — — — — — — — — — — — — — 95
די טויטע שטאָדט — — — — — — — — — — 108
אייזיק׳ל שהט — — — — — — — — — — — 121
דער פארשאָלטענער ברונען — — — — — — — — — 141
דער דראנג — — — — — — — — — — — — 153
צום עולם התהו — — — — — — — — — — — 158
אין פאָסט־וואָגען — — — — — — — — — — — 165
חתונה געהאט — — — — — — — — — — — 186
האשה מרת חנה — — — — — — — — — — — 212
משיח׳ס צייטען — — — — — — — — — — — 256
נחת פון קינדער — — — — — — — — — — — 265
אויף א זומער־וואוינונג — — — — — — — — — 276